STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02890

IN KRAYZ FUN YORN

Yakov Shternberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב שטערנבערג

Sternberg, Iacob, 1890-

יעקב שטערנבערג

אין קרייז פון יאָרן

(געקליבענע לידער)

(1970 — 1915)

In krayz fun yorn (geklibene lider, 1915-1970).

איך זיץ אין קרייז פון יאָרן,
ווי צווישן שפיגלען.
אין זיי — אי מיינע טאָלן,
אי מיינע היגלען.

פארלאג קריטעריאן

Y
892.41
S

פאָרוואָרט

„אין קדייז פון יאָרן" קומט מיט זעקס און דרייסיק יאָר שפּעטער נאָך „שטאָט אין פּראָפיל". שוין דער נאָמען איז מרמז אויף דעם סך־הכל. אלס אזעלכער איז דער דאָזיקער בוך כולל אין זיך, דערצו אין זיין גרעסערן טייל, אויך דעם שפּעטישן פּעריאָד פאר די לעצטע — אזוינע געשעענישן־רייכע און מיט דראמאטיזם אָנגעזעטיקטע — מער פון דריי יאָרצענטליקער. איז ווי זאָל דאָס הארץ ניט א ציטער טאָן ביים מעסטן און וועגן, די איזייִש־קינסטלערישע ווערט פון די איינגעשלאָסענע דאָ לידער און פּאָעמעס? אלס דערמוטיקונג בלייבט נאָר איבערצוזאָגן זיך, אז יעדע אויפריכטיקע דיכטערישע שטים, יעדע לויט דער קראפט, וואָס איז איר געגעבן, איז דאָס ווידערקול פון דער עפּאָכע, צו וועלכער מע געהערט. סיי אויף דעם אינהאלט, סיי אויף דער פאָרם, סיי אויף די יחידישע, סיי אויף די כלל־מאָטיוון — אויף ביידע אין גלייכער מאָס הויערט דאָך די צייט, די קנעטערן לויט איר פאָרעם.

צייט און רוים — בעל כרחאָ מוזן מיר אלע שפּרינגען דורך זייער פייער־ראָד. אמת, אויך מעטאפיזיק איז צומאָל א פרוכטבארער באָדן פאר פּאָעזיע. אָבער פאר מיר, וואָס שטאמט פון פּראָסטע, ערדישע יידן, איז תמיד וויכטיקער געווען טעריטאָריע ממש, קאָנקרעטער רוים, גענוי ווי צייט — סיי אלס א היינטיקער פאקטאָר, סיי אין איר איבערגעפלעכט מיט די פריערדיקע עפּאָכעס. מיר דוכט, אז דאָס איז צום זען הן אין מיין רומענישן, הן אין מיין סאָוועטישן פעריאָד. די עקספּרעסיע־מיטלען, מיט וועלכע דאָס קומט צום אויסדרוק, קאָנען זיין פארשיידענע. נאָך „פארשיידענע" מיינט ניט: עקלעקטיש־

צופעליקע, אָפּגעריסענע פון דער אייגענער אָרגאַניק, אויף וועלכער ס'איז אָבער אויך חל דאָס געזעץ פון עוואָלוציע. פון דעם איז געדרונגען, אַז אומאָפּהענגיק פון מיין שאַצן אַזוי צי אַנדערש דעם אָדער יענעם פּעריאָד פון מיין שרייבן לידער, זאָג איך זיך פון קיין איינעם פון זיי ניט אָפּ. ערשט אַלע צוזאַמען בילדן זיי מיין לעבנס-ראָמאַן. איך דערלויב זיך אַזוי אויסצודריקן, ווייל פאַר מיר איז ניטאָ דיכטונג אָן וואָר און וואָר אָן דיכטונג. פּאַראַ-פראַזירנדיק געטע, לויט וועלכן בלויז די דייטשישע קונסט און פילאָזאָפיע טראָגן אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער, שטייען אָפּגעריסן, ווייט סיי פונעם לעבן, סיי פון די קוואַלן פון דער נאַטור, וואָס איז אַ רעזולטאַט, ווי געטע דריקט זיך אויס, פונעם דייטשישן עקזאַלטירטן גייסט. יידן, מיין איך, קאָנען זיך ניט דערלויבן אַזאַ לוקסוס. ליידער, האָט מיין גאַנצע דיכטונג און וואָר ניט געקענט אַריין אין די ראַמען פונעם דאָזיקן בוך. און ניט בלויז צוליב מאַנגל אין אָרט. עס זענען מיר אויך אין די שווערע יאָרן פון און נאָכן קריג פאַרלוירן געגאַנגען דער גרעסטער טייל פון די העפטן „לידער צו מיין יידיש פאָלק אין דער וואַלאַכיי", וועלכע האָבן חשבון-הנפשדיק אָפּגעשלאָסן מיין געזאַנג וועגן רומעניע, און אַ היפּשער טייל פון מיינע מלחמה-לידער. באַזונדערס ווייטיקפול איז פאַר מיר דאָס פאַרלירן אין די זעלבע באַדינגונגען אויך פינף קליינע דראַמאַטישע פּאָעמעס, פאַרייניקטע צווישן זיך מיטן דאָ-מינירנדיקן אין זיי ליקוי-חמה-מאָטיוו, אַרויסגעבראַכטן אויפן אַפּאָקאַליפּטישן פאָן פון דער בורזשואַזער גרויס-שטאָט, ווי איך האָב זי געזען אין די דרייסיקער יאָרן. דאָך איינציקע דראַמאַטורגישע בראָכשטיקער וועט דער אויפמערקזאַמער לייענער דערקענען מסתם אין מיינע „מאָנאָלאָגן" און אין אַ צאָל פון מיינע „לידער וועגן קיניג שלמהן" — דעם יינגלינג, דעם רייפן מאַנצבל און דעם זקן (לייען: דעם דיכטער, דעם מלוכה-מאַן און דעם חכם). די דאָזיקע לידער, אָנגעווייט פונעם מיטלאַזיע-פּייזאַזש, זענען אַ פּרוּוו פון מיין זייט צו פּאָרטרעטירן די סינטעטיש-גייסטיקע, האַלב-געשיכטלעכע, האַלב לע-גענדע געוואָרענע שלמה-פיגור, אין וועלכער אַ יידישער היסטאָריקער — אין זיין אַנאַלאָגיע מיט לודוויג דעם 14-טן — האָט געזען דעם ביבלישן „זוניקן קיניג" מיט

אלע זיינע שטארקע און שוואכע כאראקטער־שטריכן. גע־לאָקט האָט מיך אויך דער בונטער מזרח־קאָלאָריט — סיי פון דער געשילדערטער עפּאָכע, סיי פון שלמהס הויף. אוודאי זענען פאַרוועבט געוואָרן אייניקע פּעדעם (און ווי קאָן דען אַנדערש זיין?) אויך פון דער אייגענער לעבנס־דערפאַרונג.

א פּאָר באמערקונגען נאָך צו „ליד און באלאדע אויף די קארפּאטן". פאַרברענגענדיק א זומער אין מערב־אוקריינע, האָב איך געזען דעם מיליטעריש־סטראטעגישן וועג וואָס די נאציס נאָכן אָקופּירן פּוילן האָבן אין די באוואלדיקטע קארפּאטן־בערג אויסגעפלאסטערט אויף די ביינער פון גאנצע, אכזריותדיק־פּארטיליקטע, אלט־איינגעזעסענע יידישע־קהלות. איך האָב מיך ניט געקענט באפרייען פונעם געדאנק, אז באנאנד מיט די אסורים זע איך די פון זיי ניט אָפּטרעטענדיקע געשטאלט פונעם בעש"ט. וועלכע איז דאָך אין אונדזער באוווסטזיין גע־בונדן מיט די דאָזיקע מקומות (קאָסעוו, קיטעוו). צי דארף איך פאַרענטפערן אָט די פּאָעטיש־דערהויבענע פאָלקס־געשטאלט קעגן די, וואָס קאָנען נאָר א ברום טאָן: אהא! מיסטיק?... איך מיין, אז ס'איז ניט כדאי, ווייל אונדזער לייענער איז שוין אויף א סך איבערגעוואקסן די כל המינים וולגארע ראציאָנאליסטן, וועגן וועלכע נאָך וואָלטער האָט זיך אויסגעדריקט, אז זיי דריגען פער־דיש מיט די פיס...

„ליד און באלאדע אויף די קארפּאטן" באשטייט פון צוויי טיילן. איינע, ווי שוין פריער געזאָגט, נעמט אין זיך אריין די לידער וואָס זענען געשריבן אין די מערב־אוקריינישע קארפּאטן (1963—64), און וואָס אין זיי איז אריינמאָנטירט אויך מיין קדיש נאָך די, פון היטלערס מלאכי־חבלה אומגעבראכטע, יידיש־גאליצישע שטעט און שטעטלעך. די צווייטע טייל איז אן אויסוואל פון די לי־דער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די רומענישע קארפּאטן אין די צוואָנציקער יאָרן. ארויסגענומענע פון דער סעריע „ליד און פסאלם אויף בארג" (פאַרעפנט־לעכטע אין בוך „שטאָט אין פּראָפיל"), אין וועלכע ס'האָט נאָך פרעוואלירט דאָס תהלימדיקע און דאָס פאנטעאיסטישע (זע „מיינע רייד צו דער באָבעטשקע"), — זענען זיי דאָ פון מיר א ביסל אויפסניי אָפּרעדאגירט. איך האָב אין

אייניקע שטעלן באזייטיקט דאָס, וואָס האָט מיר היינט אויסגעוויזן עטוואָס איבערגעלאָדן סיי בילדעריש, סיי עמאָציאָנעל. ביידע געגעבענע דאָ טיילן ווילן דאָ אונטערשטרייכן, אז די קארפאטן=טעמע איז ניט קיין צופעליקע ביי מיר — אנדערש וואָלט זי מיך ניט באגלייט אין משך פון מיין גאנצן לעבן. פייזאזש איז פאר מיר ניט „זילבערנע וועלן", ניט „פערלדיקער טוי", דורך דער פריזמע פון לאנדשאפט האָב איך זיך צוט ערשטן מאָל געלערנט דערזען דאָס, וואָס איז תמיד מער פונעם אנטפלעקטן אויף דער אויבערפלאך. הייסן דאָך מיינע פריסטע לידער „לאנדשאפט=כראָניק". נאָך אין די חדר=יאָרן האָט געפאנגען מיין געדאנק דאָס חומש=בילד מיטן אָרעמען, אָבער אין זונפארגאנג ברענענדיקן דאָרנבוש, אין וועלכן עס האָט זיך צו משהן גאָט באוויזן... די לעצטע צייט, אגב, באשעפטיקט מיך אונדזער באציונג צו נאטור, ווי זי ווערט געגעבן אין אונדזער דיכטונג. מיר זענען באוווסט באדייטנדיקע דיכטער, וואָס עס פעלט ביי זיי כמעט נאטור. ביי מיין גאנצער אכטונג צו די דאָזיקע פאָעטן האלט איך זיי פאר בעלי=מומים אין א געוויסן זין.

אפילו פאר היינען זענען דאָך זיינע ים=לידער געווען א געפינס. אויך ווערכארן, דער דיכטער=אורבאניסט פאר עקסעלאנס, איז מיר פיל נענטער געוואָרן מיט דעם, וואָס זיינע נאטור=געזאנגען זענען נאָך אפשר מעכטיקער פון זיינע שטאָט=פייזאזשען, מיט וועלכע ער האָט זיך קונהשם געווען ביים ברייטן לייענער=עולם. און אין אמתן: צי איז דען דאָ אין אונדזער געמיט א קריג צווישן אורבאניזם און נאטור? ווען דאָס זאָל זיין אזוי, וואָלט שוין דער מענטש פון אונדזער עפּאָכע דערגאנגען צו דעם מאָנסטער=פארזעניש, וואָס אועלס האָט אונדז אָנגעמאָלט אין זיינע „מארסיאנער". איך בלייב דעריבער, אז דאָס היינטיקע אריינדרינגען אין קאָסמאָס פירט ניט צו א קאָנפליקט צווישן דער דיכטונג און דער וויסנשאפט, צווישן דער ריינער אבסטראקציע און אלץ, וואָס מיר רופן הומאניזם, ווי אייניקע טייטשן, נאָר פארקערט: עס איז אפשר גראָד אן אומקער פונעם מענטשן צו נאטור — צו נאטור, דער געכפלטער אויף איר אומבאגרענעצטקייט, וואָס דער וועלטאל שטעלט מיט זיך פאָר. איז דאָך דער

גרעסטער פיזיקער פון אונדזער צייט אלבערט איינשטיין געווען, ווי באַוווּסט, אויך שפּינאָזיסט!

צי דאַרף איך נאָך אַרומריידן אויך די אַנדערע, הן טעמאַטישע (אויף דער ליניע יחיד, פאָלק, געזעלשאַפט), הן פאָרמעלע (אויך ווייט ניט איינהייטלעכע) קאָמפּאָנענטן פון מיין פּאָעטיק — לכאורהדיקע קאָנטראַסטן, וואָס צו־זאַמען, אין סך־הכל בילדן זייער האַרמאָניע? צי מעג לעך, אַז עס זענען גאָר וויכטיקער די שראַמען אויפן פּנים, די צעפּעכט־צייכנס פון די צווישן זיך דועלירנדיקע זיבן פּאָעטן, וואָס יעדער פּאָעט איז מחויב צו זיין, אויב מיר גלייבן דעם געוואַגטן זאָג פון מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ?[1]

„זיבן פּאָעטן, וואָס יעדער פּאָעט איז מחויב צו זיין", — דאָס שליסט אַבסאָליוט ניט אויס אַ דאָמינאַנטע די דאָמינירנדיקע טעמע, אָן וועלכער קיין שום שרייבער, קיין שום קינסטלער קאָן זיך ניט באַגיין. טראַכטנדיק וועגן דעם לייטמאָטיוו אין מיין אייגענער שאַפונג, זאָג איך זיך, אַז ער איז שוין אויסגעדריקט אין מיינע ביז גאָר פריע באַלאַדעס פון דער סעריע „לאַנדשאַפט־כראָניק". דער נאַקעטער נוצרי, וואָס פרייטיקצונאַכטס פאַרלאָזט דעם צלם, קומט ביז צום אָפענעם פענצטער פון עם יידן — דעם פאַרוואַלטער פון דער „ראָגאַטקע" ביים שליאַך אין ווייטן פעלד — כדי פאַר אים, וואָס זיצט ביי די שבת־ליכט פאַרטיפט אין אַ ספר, אינטים מתוודה זיך, אויספּליסטערן זיין עלעגישן מאָנאָלאָג (זע „שניי דערציילט אַ מעשה")־און מיינע רענדאַרישע זיידעס, וואָס אויך טויטערהייט וואַנדערן זיי אַרום מיט וועלף אין גרויליק־ווייסן ווינטער־סטעפּ (זע „אָנגעפּעלצטע שאָטנט אויפן שניי"), — צי פער־זאָניפיצירן זיי ניט דאָס אינטעליגענטיש־רעפלעקטיווע, פון איין זייט, און דאָס פאָלקיש־געזונטע, פון דער צווייטער זייט, וואָס אין זייער צוזאַמענשטויסן זיך בילדן די צענטראַלע קאָליזיע אין מיינע לידער?

נאָך אָפטער זאָג איך זיך, אַז די צענטראַלע פייער־קויל אין מיין דיכטונג איז דאָס עטיש־אימפּעראַטיווע, וואָס אונדזערע נביאים האָבן אין מיר אויף תמיד פאַרלייגט.

---

[1] באַוווּסטע רוסישע דיכטערין.

איך האָב איבערגעלייענט דאָס ביז אהער געזאָגטע און פרעג זיך: צי האָב איך דען עפעס דערקלערט מיט מיינע דאָ אויסגעלייגטע קאָמענטארן? צי האָב איך, אויפדעקנדיק, ניט צוגעדעקט ערשט דאָס עיקרדיקע? און צי קאָן מען מיט א ביסל התנצלות פארשטאָפן דאָס מויל די ספקות וועגן וועלכע איך האָב אין סאמע אָנהייב גערעדט? ווי שווער איז צו זיין אין אונדזער עפּאָכע א זינגער בכלל און א יידישער בפרט! די געשעענישן, וואָס זענען אויסגעפאלן אויף אונדזער לעבן, זענען דאָך גרעסער אויך פון די גרעסטע צווישן אונדז.

אין איינעם בלויז בין איך זיכער: איך האָב קיינמאָל יע געוועקט און ניט גערופן מיין ליד, ביז זי האָט זיך ניט אליין געמאָלדן. און ווען דאָס איז געשען, האָב איך פון איר געפאָדערט: אויפריכטיקייט, אייגענעם באנעם, אייגענעם קוק־ווינקל, אייגענעם קינסטלערישן אמת.

מעגלעך, אז מיין פאָרוואָרט האָט זיך שוין צו פיל פארצויגן. איך האָב אָבער ניט געקענט צוימען אין זיך אָט דעם — לאָמיר אים באדינגלעך אָנרופן: אינערלעכן מאָנאָלאָג אין באצוג צו מיין ספר־זקונים.

צום סוף בלייבט מיר נאָך איבער אויסצודריקן מיין טיפע דאנקבארקייט די חברים פון דעם „קריטעריאָן" פארלאג פאר דער פריינדשאפט און ברייטהארציקייט, וואָס זיי האָבן ארויסגעוויזן ביים ארויסגעבן אָט דעם בוך. עס איז פאר מיר ביז גאָר רירנדיק דער פאקט, וואָס סיי מיין ערשטע גרעסערע לידער־אויסגאַבע, סיי די איצטיקע, וואָס פרעטענדירט אויף סך־הכל, זענען דערשינען אין בוקארעשט — די שטאָט, וואָס פארנעמט אזא וויכטיק אָרט אין מיין שפּעטערישער ביאָגראפיע.

יעקב שטערנבערג

פונעם בוך

שטאָט אין פּראָפּיל

לאנדשאפט-כראָניק

אָנגעפּעלצטע שאָטנס

אָנגעפּעלצטע שאָטנס אויפן שניי —
מיינע טויטע זיידעס זענען זיי,

וואָס אין שאָפּן-פּעלצן דיק און גרויס,
מיט לבנה אויף די פּיס, אויף שויס,

מיט אַן אייגענעם שליטן, שווארצע פערד —
גאַנצע נעכט געפאָרן. זייערע בערד

לאָפּעטעס געוואָרן — הארטער שטיין.
אַט אזוי נאָר סוחרים רייזן שיין.

בייטן ניט די פערד און פליען, ווי מיט פּאָסט
אין די נעכט די סוחרישע, נעכט - פראָסט.

טויטע, בלויז נאָר שאָטנס אויפן שניי —
נאָך עד־היום אָקסן־סוחרים זיי

אין די שאָפּן־פּעלצן דיק און גרויס,
מיט לבנה אויף די פּיס, אויף שויס.

שטאָט כאָטש נאָכן טויט אין קלויז צו גיין
ווו א ניגונדל דאָרט ברענט זיך שיין,

וואנדערן זיי אום אין סטעפ מיט וועלף
מיינע טויטע זיידעס — דורות צוועלף.

אָנגעפעלצטע שאָטנס אויפן שניי —
זאָל מיין ליד א תיקון געבן זיי.

מיין טאטע

איך קוק אין דער הרובע: אזוי פלעגט מיין טאטע
אויך זיצן אין ווינטער־נעכט לאנגע און שווערע,
געקלערט און געדאנגהט, געקוקט ווי דאָס פייער
ברענט.

די באָרד אין די ציין, זי געבים, געביסן.
און פלוצעם ער פלעג פונעם מויל זי פארלירן.
א ציטער. א ווארף זיך. א פליעסק מיט די דארע
הענט.

פון זודיקן, וואסעריקן האָלץ איז געוואָרן
א רוחניות עפעס, א זוניקע כוואליע,
א צארטע מאטעריע, וואָס ווערט אָנגעוואָרפן
גרויס.

אין שפיגל — דער אלטער משפחהשער גורל —
וואָס שטייט אין דער טונקל, האָט שיין זיך באוויזן —
מיין גייסט וואנדלט, גייט דאָרט די טיפקייט
אוים.

דאָס פייער — א מיידלשער נאקעטער קערפּער.
פּאָלקס־רויבער געצראָפן אָ־די סאלאמאנדרע
ביי אלטן משוגענעם פריץ אין שלאָפלאָזן בעט.

איך קוק אין דער הרובע. אזוי פלעג מיין טאטע
אויך זיצן אין ווינטער־נעכט לאנגע און שווערע,
געקלערט און געדאגהט, די באָרד זיך געביסן.
שפעט.

דער שליאך

שטויב ווערט גאָלד. עס זעצט די זון זיך
אויפן שליאכס צעבראָכן בריקל.
ס'פאָרט אן אלט פאָר־פאָלק ציגיינערס,
שלעפן נאָך א הונט אויף שטריקל.

צורות — פעטשעריטשעס [1]). אייגלעך —
ווי ביי ערשט געבויר'נע קינדער.
בלינד די קליאטשע. אויך דער וואָגן —
אויף די רעדער איז א בלינדער.

ס'איז דער שליאך אין מעש א גלית.
וו זיין קאָפּ ליגט? כ'קאָן ניט זאָגן.
אפשר פירן די ציגיינערס
אָפּגעשניטן אים אין וואָגן?

אויף דער נאכט וועט די לבנה
נאָך איעדער פור זיך שווימען,
וועט זיך פרעגן און ניט וויסן
וו דער קאָפּ איז הינגעקומען.

אין פּאָפּשוי־פעלד וועט אים זוכן, —
וו די דיניעס בליאסקן סודיש.
זי וועט זוכן, פועה זיין זיך
שוין אזוי דעם גאנצן חודש...

---

[1]) פעטשעריטשעס — איינגעדארטע שוואמען.

פיבער

רייַן קלינגען די סטעפּ־האָריזאָנטן
מיט זילבערנעם מולד אין קלאַנג...
ביים נאָפּל פון הארבסט־אָוונט שלאַנקען —
די ביימער פון דאָרף שטייען קראַנק.

און קראַנק איז דער סטאַוו און די טראָטשע,
די פערד און די שאָף און די קי,
וואָס טרינקען דאָ אומעטיק וואַסער
ביים ראַנד פון סעפּטעמברישן בלי.

און קראַנק אויך די נאַקעטע געשטאַלטן
אויף דר׳ערדס הויכן, לוימערן ברעג.
זיי ציטערן אַלע פון פיבער
און שלעפּן צו זיך דער נאַכטס וואָלענע דעק.

מאָרגן־דעמער

מאָרגן־דעמער זאַלבט ד׳אָבאָרע,[1]
זאַלבט דעם חזירס קאָפּ...
זיסע שטילקייט. רעדער סקריפּן
מיט א פוילן טראָפּ.

ס׳פּאָרט אוועק די זומער־נאַכט איצט.
אויף א וואָגן היי,
וואָס ביז הימל גרייכט — א פּויער
פירט זי אָפּ מיט אָקסן צוויי.

---

[1]) אָבאָרע — דאָרפישער הויז־הויף.

ווי דער קאַלב מיט קאָפּ אין אייטער;
עמער טיף אין ברונעם טוט א שלאָג.
שוועבט א פֿויערטע פּיס־באָרווים...
טאָג!

אָקסן

כ׳ליג אין וואָגן היי. די אָקסן —
טריט ביי טריט, גלייך כוחות שפּאָרן,
שלעפּן פּיראַמידעס כמארעס,
טראָגן שיין אויף זיך — א גאָרן.

נאָר ווען אויף די אָקסן־רוקנס
כוואַליענדיק דאָס ליכט טוט פֿאַלן,
נידערט ווינטיק אויף די פעלן,
פלאַטערט מיט נבואה־שטראַלן, —

זע איך, וואָס מיט מדבר, משה,
און מיט העלער אימה ווייעט זעליק...
אויף די אָקסן רייט לבנה
און די אָקסן שפּאַנען הייליק.

היצן

הייסער סטעפּ. אויך שאָטנס שוויצן.

קליינע פייגעלער א רעדל
אויף א קערנעצעלע זיצן,
האַלטן צוגעמאַכט די אייגלער,
און זיי טראַכטן פֿון די היצן.

פון משיח־פערדלער רויטע
אויף דער ערד, וואָס איז צעפּיקעט;
פון א פייגעלע אן אורח,
וואָס גאנצפרי האָט פרעמד געקוויקעט;

פון געשליפ׳נע טייכן־שפּיגלען,
און פון אָפּגעשניטן קאָרן,
פון דער זון, וואָס יונגער מולד
וועט זי נעמען אויף זיין האָרן;

פון פּאָפּשויענע חילות,
וואָס די בערג מיט רויש פארפלייצן,
מאָנען: זאָלן זיך פארנעמען
פון די פעלדער שוין די ווייצן;

פון די פּויערים, וואָס פירן
הויכע פורן טעפּ — לבנות...
טריט ביי טריט דערפאר זיי פאָרן,
ווי מיט הימלישע מ.תנות;

פון די פּויערטעס, וואָס קומען
צירן זייער גאָט פון ברעטער.
ווי א פּאסחא־איי אים פארבן —
אים, זייער שענסטן פון די געטער;

פון די קי, די שלאבריק מידע
מיטן קויט אין דארע עקן;
פונעם הונט, וואָס פוילט זיך אויפשטיין
אונטער מילדן פּאסצער־שטעקן.

פון דעם רייטער, וואָס זיין פליען
מאָלט אויף האָריזאָנט א שאָטן.
מאָלט דעם רעגן און די בליצן,
וואָס די פייגעלער זיי בראָטן;

פון די וואָלקנס, וואָס געבוירן
שווער, מערוקן פעט און פעטער...
טראַכטן אויך פון בית־המקדש,
וואָס געברענט האָט אָן א רעטער.

וואָלטן דעמלט זיי געווען,
וואָלטן וואסער זיי געטראָגן,
און געוואָרפן זיך אין פייער,
מיט די פלאמען זיך געשלאָגן.

... טראַכטן פייגעלער, דאליבען
מיט די שנעבעלער די היצן...
האלטן צוגעמאכט די אייגלעך —
היים אין סטעפ. אויך שאָטנס שוויצן.

צוויי מאָגערע פויערישע פערדלעך

צוויי מאָגערע פויערישע פערדלעך,
געשפאנטע צו נאכט־זאווערכע...
געווען אמאָל סטעפ, איצט — א שפיגל —
געשליפענער, פראָסטיקער עכאָ.

זיך איבערגעקערט די לבנה
אויף גליטשיקן שליאך אין איר שליטן.
דער ווינט אויף זיין פערד־סטאדע בלאָער
ארויף צו די בערג אָפּגעריטן.

צערינען אויף זיך שוין די שלייעס,
צום כאָאס אָט דאָ איינגעשפאנטע
בלויז בלייבן צוויי פויערישע פערדלעך
און זענען — א זעאונג פון דאנטע?

שנײ דערצײלט א מעשה

שנײ דערצײלט א מעשׂה,
די אױגן מיר פארקלעפּט...
עס האָט אמאָל א יידל
פּונקט בײם שליאך געלעבט.

פעלדער — הינטן, פאָרנט,
װעלדער — בײ דער גאָז.
ס'לאכט זיך אױם דאָס יידל.
װעמען הערט ער? װאָס?

גאָט אין הארצן האָט ער,
און א גבר אלײן.
כפול-שמונה ציצית,
און דער קאָפּ איז רײן.

ס'איז קאזנא געפעלן
צװימען דאָ דעם פּאָר,
האָט א ייד פּרנסה,
שלאָגט זיך דורך דאָס יאָר.

יאָרן-לאנג בײם שײדװעג
לעבט ער זיך אָט דאָ,
אױסגעגעבן קינדער
און געװאָרן גראָ.

אײנמאָל — ס'איז געװעזן
פרײטיק אױפדערנאכט,
זיצט דער ייד און לערנט,
גלעט די באָרד פארטראכט.

— מיר און פענצטער אָפן —
זומערלעב געװען...
ר'נעמט ארױס די אױגן —
און — ער האָט דערזען:

אָנגעשפּאַרט אין פענצער
א באַקאַנטער, דאַכט...
אָדם־נאַקעט... אויגן —
אויגן ווי די נאַכט.

קאַלט־ווייס ווערט דאָס יידל,
קוקט און גלייבט זיך ניט:
יאָ, עס איז דער נוצרי —
ווי ער איז א ייד!...

— „א גוט שבת!“ זאָגט ער,
שטעקט אַריין דעם קאָפּ,
און די שטים פאַרחלומט,
קלינגט מיט יענעם טראָפּ.

פּוגעם סטאַדע־גלעקל,
ווען צום אָוונט־שלאָף
פון די בערג פון גלעד
זיך געוואָלקנט שאָף.

„יאָרן שוין ביים וועג דאָ
ווין איך לעבן דיר —
שווימט אַרום דיין ניגון,
ציט מיך צו דיין טיר.

ס'דאַכט מיר כ'בין א קינד נאָך,
כ'בין נאָך אין דער היים,
ביי מיין בלאָען כנרת
כ'שפּיל זיך נאָך אין ליים.

גאָרניט איז געשען נאָך
גאָרניט אויף דער וועלט...
איך בין נאָך א יינגלינג,
ג'יי אַרום אין פעלד.

שטייען אויף די גראָזן,
לאָזן מיך ניט גיין.
כ׳בייג זיך אָן שטיל — הער איך
גאָר א הויך געוויין...“

דאָ האָט זיך דער נוצרי,
אָפּגעשטעלט, פארטראכט.
אויג אויף אויג ביידע —
זיי א גאנצע נאכט...
. . . .

גאנצע צען יאָר האָט דאָס יידל
אָפּגעלעבט דערנאָך,
און דעם שליאך געפּראוועט ערלער
זעקס טעג אין דער וואָך.

פרייטיק ברומט אלץ זיין עין-יעקב
ביי די שבת-ליכט,
אָבער קענן שויב פארשטעלט זיך
מיט איין האנט ס׳געזיכט...
. . . .

און דער שגיי פארקלערט זיך,
קלערן הערט ניט אויף,
הייבט אָן שיטן, שיטן
און פארשיט דעם סוף.

די זון, דער פאסטעך און די ערד

אָפּגעליזעוועטער בארג. צעפליקטער פּליוש, בלויז שטיקער גרינען
זיצט דער פאסטעך צווישן שטעבלקעס, ווי איינער, וואָס פון
זינען איז געדירט.

ס׳האָט די זון אים אַנגעטאָן אויף קאָפּ איר פייער־קרוין פון דערנער,
און אליין גיט אכטונג אויף די בהמות, ווען זיי נעמען זיך אויף
ד׳הערנער,
פּאשעט, פירט

זיי ארום אויף בארג. די כלבים טוליען זיך צום אויסגעשפּרייטן
הינטער חלק
פון די קי, און הונגעריקע לעקן באליגע — דעם „מן“, וואָס היילט
זיי דערנערט.

שוין דער דריטער טאָג אזוי. דער פּאסטעך קוקט און זעט ניט
זיינע רינדער.
שוין דער דריטער טאָג אזוי. דער פּאסטעך קוקט — א שווערער זינדער
צו דער ערד.

און ער זוכט ביי איר דעם פעטן שוואנגער־בויך פון דאנען,
וויל אויף אים, אז קיינער זאָל ניט זען, אויסשטרעקן זיך און זי באמאנען.
אויף די פערד

רייטן שוין די אָונט־שאָטנס, טרייבן צו דעם דאָרף די קי, וואָס
לאנגזאם שפּאנען.

די לעצטע טעג

די לעצטע טעג דו האלטסט פארמאכט די אויגן,
דו שלאָפסט און ווידער איז דיין פּנים שיין.
דיין וואנדערלעכער שטרענגער ברעמען־בויגן
אליין בלויז וואכט און היט דיין איידלען חן.

איז וואָס וועט זיין? דער נאקעט־שווארצער וואלד
אקעגן פענצטער אויסגעשטעלט זיך האָט.
נאָר ווער ער איז אצינד — עס ווייסט איין גאָט.
צי לויערט ער ניט היינט אויף דיין געשטאלט?

שירות פייגל פון אהינטער אים
באווייזן זיך, באזעצן בוים נאָך בוים.
כאָטש זענען ווייט, פארגעם איך זייער שטים,
גאָר ווער זיי זענען איצט — איך וויים עס קוים.

איז ווער וועט זיגן? נאקעט־שווארצער וואלד,
וואָס לויערט רויבעריש אויף דיין געשטאלט,
צי שטרענגער ברעמען־בויגן, וואָס אליין
בלויז וואכט און היט דיין איידלען חן?...

די באלאדע פון איר הימל־רייזע

צווישן אָוונט און נאכט גייט א שאָטן,
שפארט זיך אָן אויף די טראָשטשעם און זאגעז,
אויסגעצאמט און איז נאקעט און באָרוויס —
אויסגעטאָן ביז די הוילע פארלאגען.

טראָגט דעם מיידלשן צאָפּ אויפן אקסל,
טראָגט דעם אייגענעם צאָפּ אָפּגעשניטן.
טרעפט א ביימל — איז שטעלט זיך דער שאָטן.
עס באשיטן אים ווייסנקע בליטן.

טרעפט א וואסער — זיין בילד אויף אים צייכנט,
נאָר דאָס ווינטל מעקט אָפּ — ווילט ניט וויסן.
ווי א טיקווע דער נאקעטער טשערעפּ —
ווי א טיקווע אום הארבסט אָפּגעריסן.

זיפצט דער טונקל — פון טשערעפּ שטויב שיט זיך.
ווער האָט מער פון א מענטשן געליטן?
דריי־פיר פייגל לוויה׳ש פארשפעטיקט.
אלע שאָטנס שוין לאנג זיך געביטן.

צווישן אָוונט און נאכט גייט א שאָטן,
שפּארט זיך אָן אויף די טראָשטשעס און זאנגען.
ביז צום פּיאן, וואָס אין מערב, דערגיין וועט,
פּאלן דאָרט מיט די פינגער אויף קלאנגען...

מאירל פּרעמישליאנער

אָפּגעדאווונט שוין פון פאָרגנט מאירל פּרעמישליאנער.
בעסאראביש־פּעטע, בלויע מאָרגן־שיין. וואָס קאָן ער
זיך אן עצה געבן מאירל מיטן פּעטן, בלויען דעמער?

ווייכע וואָל אראָפּגענידערט. שאָטנס, ווי די לעמער,
וואָס פארטאָג אין שטאָט אריין די פּויערים ברענגען,
אויף דער גאס זיך לייגן אוים מיט שאָפּענער הכנעה.

אין אזוינע שטונדן — ווי זאָל מאירל דאָך פארברענגען?
ניט מיט דאווענען און ניט מיט לערנען קאָן ער אין די שעהן
אויף זיין פּרעמישליאנסקע שטייגער צו דעם בורא דינען,
נייערט מיט א פּשוטער — יאָ, פּראָסטער תוך־הנאה.

וואָס זאָל זיין זי? מאירס פּנים — אויך א פענצטער אין באגינען.
שמייכלט, שפּאסט און דינגט זיך יאגבע: וואָס זשע זיך פארגינען?

שטייט אזוי און קייט די באָרד און קלערט דער פּרעמישליאנער,
פּאלט אריין אין טונקלעניש פון בייזער... אָ, דאָס קאָן ער!
און ער זוכט ארום אין קיך, אין אלקער ביז געפינט א זעג, א האמער,
חייבט אָן קלאפּן צוועקעס און פאריכט דעם טיש, דערנאָך די קאמער.

כאפּט זיך אויף די הוזן און קוקט פון בעט אפיר — אנטקעגן
מאירלען שטעלט זיך... הערט ער דעמלט אויף צו זעגן.
נעמט צונויף די לעצטע קרישקעס ברויט און דארע קאשע,

האָדעוועט דאָס עוף... גלייך פאַלט אים איין, אַז אפשר נאַשן
אין די פשוטע הנאה און ער פרעגט זיך: דהיינו? דהיינו?
און ווו שטייט זי איין, למשל? ער צעלאַכט זיך, וועקט דעם שמש זיינעם.
און ער זאָגט אים: תיכף גיי צו הערצקע אָקסן־סוחר, גיי מיר!

ס׳איז אין דרויסן א מחיה און דער שמש גייט און ברומט א זמר.
פרעגט אין וואָס באַשטייט זיין שליחות — ווייסט ער נישט. אינדערסן
קומט ער אָן און טרעפט אין קארב אריין: געזעסן
נאָך אין ברישקע הערצקע — אומגעקערט זיך פון די יאַר־יארידים.

אגב, איז די רייד דאָ פון מיין זיידן, אָבער נישט דערפאַר דערמאַנט מיין
ליד אים,
נאָר ווייל צו דער ריכטיקער מינוט געבראַכט א פעקעלע ציקאָריע
און פאַנאָטפּל
מאַירלען א מתנה... אָבער דאָס איז אויך א קליינינקייט א טפל.

און דער עיקר: ער מיט דעם איז דעמלט גורם יענע פשוטע הנאה,
וואָס צו זיין עבודה גראָד באַדאַרף דער פּרעמישליאַנער,
און באַשאַפן זי האָט נאָר געקענט אַן אָקסן־סוחר. דאָס דער האָנאָר!
האָנאָר נישט קיין שטויסנדיקער, גייערט א רענדאַרסקע מיט א פּאַרעם
פון הכנעה,
ווי דער קאַלב מיט פראַסטן, רויטן חנדל־באַנוויל אין די האָר די גראָע...

אָט אזוי זיך בעסאַראַביש שפּינען אונדזערע פאַרטאָגן בלאָע.

אויף די קלאָרע הערנער

אויף די קלאָרע הערנער
פונעם זומער צאַרטן
הענגט אָט־די דערינערונג.

מיר פלעגן שלאָפן, אָבער ווארטן,
וואכן מיטן הארץ,
ביז דאָס לאנג געגארטס —
דער קלאַפּ, ווי אויסגעשיטע קערנער,
פלעגט אין לאָדן זיך דערהערן.
תיכף זענען מיר אין דרויסן,
און די שיין פון טאָג,
וואָס הייבט אָן ערשט ניכטער קלערן,
ציטערט אונטער אויג דעם גרויסן
פונעם מאָרגנשטערן,
פלאטערט, מינעט זיך מיט אונדז איניינעם
מיטן הימל־אָפּגלאנץ רייִנעם,
און מיט איידלער הויט וואָס אויף דער מאמעס פנים שיינעם.

וואָר: שוין פול די גאס מיט „אורחים".
קינד און קייט איז אויפגעשטאנען האָרכן
זייער מעלה־גירהן אויפן קול און הילכיק שנאָרכן...
באָרוויסע עס זענען אויך ארוים די שכנים אויף די שוועלן,
מיט מיין טאטן, משה מאיר בערס, זיי קוועלן
פון די אָקסן, די געפיטערטע אין שטאלן,
און א יעדער איז א גלעט טאָן זיי א בעלן.

און די אָקסן־טרייבערס —
איינס צו איינס — געניטע, בארעמהארציקע פויערים,
אויף די שטעקענעס געבויגן
אין אזא מין פאסטעך־כורעים,
נאָך א נאכט פון גיין צופוס — זיי קוקן
מיד־פארליבטע אויף א יעדן רוקן,
אויף א יעדן שטריפל
פון די אלע קעגן זון־אויפגאנג זיך מינענדיקע פעלן.

האָרך! עס שפילט שוין אויך א פייפל...

דאָס געזעגנט א טשאָבאן[1] זיך מיט די אָקסן
ערב זייער אָפּגיין צו די באנען.
און ניטאָ איצט ניט קיין „יידן", ניט קיין „גוים" —
„געצנדינער" בלויז פאראנען...

---

[1] טשאָבאן — פאסטעך.

פעטער הערשל

שוין ניט אײן מעת לעת
שטײט דאָס שטעטל מיטן רוקן
צו דעם פּריצס שעס[1].
ווען פאַרנאַכט צו אים עס קוקן
קינדער — זעען זײ אַ מת.

אויב ס'געפעלן אײך די סטראָפן,
הערט וואָס ווײטער האָט געטראָפן.
איך — אַנשטאָט אַ גאַנצן מת
האָב געזען בלויז אַ פּאַנטאָפל
גײן שפּאַצירן אויפן שעס.

קומען ביז די אָפּגעריסענע, פאַרנײגטע מנחה־מעריב װענט,
מיט די הינטער־פּעקצמער צו דעם שעס געװענדט,
מיט די העל־צעפלאַמטע שויבן פון די קלויזן,
שויבן — אינעם זון־פאַרגאַנג, ווי רויזן —
קומען, ווײזט אויס, אַגב אורחא,
כאַפּן נאָר אַ „ברכו"...

פעטער הערשל! דײַנע שטילע שיך
זענען דאָס — קאָן שווערן איך.
כ'ווײס, דו ביסט אַצינד אַ טויטער.
קײן געזונטער און קײן רויטער
ביסטו, אמת, אויך בײַם לעבן ניט געוועזן.
וואָס זשע, פעטער, איז דער חילוק דען?

נאָך פון מײַנע קינדער־יאָרן
זיצסטו שטיל אין מײַן זכרון,
און איך קאָן דיך ניט פאַרגעסן,
כאָטש ביסט ניט געווען קײן פעטער מיט אַ בויך.

---

[1] שעס — לאָנקע.

נאָר, פאַרקערט, ווייל ביסט געזעסן
אויף א בוידעם-שטיבל אין דער הויך,
און ווייל איינמאָל כ׳האָב דיין וועטשערע געגעסן —
שווארצע מאמעליגע אין דער יויך...

יאָ, איך קאָן דיך ניט פארגעסן
מיט דיין אָרעם קול דיין בלייכן,
העכער אויף איין טרעפ אפילו
האָט עס קיינמאָל ניט דערוועגט צו גרייכן,
כאָטש מע רעדט צו דיר מיט אָפּשיי מילדן, ווייכן.

העכער אויף איין טרעפ אפילו.
אפשר ווייל, — איך בעט מחילה —
ס׳איז דיין צוויט ווייב שוין געווען פון קליינעם יחוס...
דאָס, אפנים, ווי א קלאפ אין דיך איז
פאר אזא מין דעבאָוויטשנע יידן,
ווי דו, פעטער, ביסט געווען.

איצטער שלאָפסטו שוין אין פרידן.
אָבער קומט די ליבע וועסנע,
זיך דערמאנט מען אין פארגעס׳נע,
און אין דיר דאָס ערשטע, פעטער!

ווי געבעסערט האָט זיך נאָר דאָס וועטער,
דו געוועזן ביסט דער ערשטער בעלן
פאָרן פאר א נאמן אין די שטאלן,
וו מע פיטערט שאָף און רינדער.
ווי מקנא זענען דיך געוועזן מיר — די קינדער!

פופצן, צוואנציק יאָר אן ערך —
דאָס געוועזן איז דיין טועכץ, קלער איר.
נאָר א בלאָז טאָן פלעגט דאָס פרילינג-ווינטל,
פלעגסטו קומען מיטן בינטל
צידה לדרך —
טלית-זאק און טאביקע ביז נאָך הושענה-רבה.

איז געווען דער טאַטע שטאַרק פאַרנומען
מיט די פרעמדע סוחרים, וואָס צו אים פון ווייט
אויך זיי געקומען,
פלעגסטו זיצן, ריידן מיט דער באבען
גאַנצע שעהן דורכאַנאַנד —
ביידע טויבע ווי די וואַנט.

ווי מקנא זענען דיך געוועזן מיר — די קינדער,
וואָס דו ביסט אַן אָרעמענקער פעטער.
אויך אַצינדער —
נאָך אַזויפיל יאָרן שפּעטער,
ווי נאָר ס'ווערט געלייטערטער דאָס וועטער,
און עס שפּראָצט דאָס גראָז, עס גרינען בלעטער,
זע איך, ווען איך קוק אַראָפּ אין שעם —
ניט קיין שדים, ניט קיין מת,
נאָר שפּאַצירן גיין פאַנטאָפל...

פעטער הירשל, זיי ביי דיר ניט אַזוי שפּל!
אדרבה, וואָס באַהאַלטסטו זיך?
דיינע שיך
זע איך נאָר... זיי גייען,
ווי אין יעדער קינדער־מייסעלע, אליין...
דאַרף מען דאָך דערפון פאַרשטיין,
אַז עס האָט פאַרבענקט זיך דיין געביין
צו די שיינע פעלדער גרינע,
צו די אָקסן־שטאַלן, צו דער סטינע,[1]
וו די בלייבע בעקלעך דיינע פלעגן זיך פאַריכטן...

ווער פאַרווערן קאָן מיר אַזוי דיכטן?

איז דאַריבער הער מיין ליד שוין ביז צו ענד.
ווייל כ'האָב פיינט אַ מעשה אָן אָן עק,
קומען דיינע וואַנדער־שיך אויך צו אַ ברעג.
ווען דער זון־פאַרגאַנג דערברענט,

---

[1] סטינע — דאָס אָרט אין פעלד, וו עס ווערט צוגעגרייט דער שאָף־קעז.

בלייבן שטיין זיי פאר די מנחה־מעריב־ווענט
פון די קלויזן, ביי דעם שטעטלם רוקן
מיט די פלאקערנדיקע הינטער־פענצטער, וואָס זיי קוקן
צו דעם שעם געווענדט.

קומען, ווייזט אויס, אגב אורחא
כאפן נאָך א „ברכו“,
און צוריק פארשווינדן אינעם סטעפ.
טויזנט פיס מיט טויזנט קעפ
דארף מען האָבן זיי צו כאפן.

פעטער, שוין ניט איין מעת לעת
דיינע שיך שפאצירן אויפן שעם.
אויך די פראָשן כאפן זיך אין זיי אריין און היפן,
קוואקן,
קלאפן...

פון דער סעריע „שטאָט אין פראָפיל“

חצות

א.

„חצות!“ — דאָ צעווישן די באקבישע ווענט
דאָס וואָרט, ווי א שמעטערלינג, שנעל ווערט פארברענט,
און פאלט אין מיין גלאָז און עס זידט דאָרט אין ווייַן.

איך טרינק אויס די גאָלדענע הארבסטיקע שייַן,
נאָר טיף אויפן דנאָ, וו קיין טראָפּן ניט מער,
דווישט ווידער דאָס וואָרט. איך הער:

„חצות“ — און איך גורט מיך אָן , ווי צו שלאַכט.

איך שטאַם פון א פאָלק, וואָס עס שטייט אויף ביינאַכט
און זעצט זיך אויף דער ערד, פאר דער נאַכט וויינט און קלאָגט.

ווער טרייבט דאָ די ווערטער ארום און פון ליפּן פון מיינע זיי יאָגט?
— דער זעלבער, וואָס נעמט זיי אויף שוים און ער זאָגט:
דאָס אלטע וואָרט צווישעט, — בלאָ פייער א פונק
א שמעטערלינג — שוועבט עס ארום דאָ פון טישל צו טיש.
א קלאפּ אין א גלאָז, אין א פּנים, אין אויגן — א מיש,
און קומט אלץ צוריק צו מיין מויל נאָך א טרונק.

ב.

איך פאָג עס און וואַרף, ווי א פליגל אויף דיל.
כ'זיץ, קוק איבער הויפנס פון פּנימער, קעפּ,
וואָס גלאנצן באשייַנט, ווי די דיניעס אין סטעפּ,
ווען הארבסט-נאַכט אויף זיי טריפט לבנה-שייַן קיל
מיט מתים-געדולד, מיט א יענער וועלט-טראָפּ...

און פּלוצעם, דאַרט איבער דער טענצערנס קאָפּ —
טיין פארביקער שמעטערלינג... ניין, ס'איז א ראָב...

עס פאלט אויף עסטראדע די טענצערן טויט,
דאָס ליכט אין די לאָמפּן אויף בלוט בייט זיך רויט.

דאָס גלאָז אין די שפּיגלען, ווי וואסער צערינט,
און דריימאָל לויפט דורך אן אייז־קאלטער ווינט.

געמט דורך מיט זיין פראָסט און מיט טויט יעדן ביין,
פארוואנדלט זיך באלד אין א ווינטעלע קליין.

דעם ריח פון ערד און פון רעגן פארשפּרייט —
אין אים איינגעהילט דערשיינט איינער, וואָס גייט

אין פּויערים־קליידער פון גרויען געוואנט —
אן אלטער, א שטרענגער, מיט וואלד־שטאָק אין האנט.

אזוי איבער זאל גייט אהין און צוריק,
און שרהדיק שטיין בלייבט מיט פּנים, פאראנקערטן בליק
צום חלל, וואָס בילדעט די ארקע פון אָפענער טיר.

ג.

די טענער — זיי בלייבן פארשטיינערט, קיין זשעסט ניט, קיין ריר.
די פרויען פארגאפן זיך, טוען א יעבֿץ,
און ווערן אנטשוויגן — קיין פּיפּס ניט, קיין קרעבֿץ.

זיי גייען אויף בינע און נעמען שטיל, צארט
אויף הענט, ווי א מטה, געפלאָכטן מיט ווײ,
דעם קרבן, וואָס דאָרט איז געפאלן פון זיי,
און טראָגן אים טרויʼריק אין הייליקן שפּאן.

ד.

דאן רירט זיך פון אָרט אויך דער זקן, דער מאַן
מיט קאָפּ פון א לייב, וואָס אַט גיט ער א בריל.

די פרויען, ווי שאָטנס, אים גייען נאָך שטיל.
די טריט זיינע קושן... ארום און ארום

פּלאַצט ווילד אויף די בינעם דער טאַנץ און געזאַנג.
עס עפ'נען זיך טויער און טיר אומעטום

גלייך זענען מקים א צוויבער-פאַרלאַנג —
און פרויען-שערענגעס, וואָס ציען זיך לאַנג,

און קומען פון דאָרט קאַרנאַוואַליש-געקליידט,
זיך זענען מצרף און שליסן פון אַט דער לוויה די קייט —

א טויט-מאַרש א שטומער צו צווייִ און צו צוויי.
דער אַלטער, מיט רוקן מיט גלייכן צו זיי,

ער פירט זיי לבנהש — לבנהדיק-ווייס.

אין גאַסן,אין ליכן — ליק איין און ליק אויס
אַזוי אויך ווי א פויער פון מיל פירט אַרויס
מיט שפּיל אויף א פייפל א משערעדע מייז...

ה.

עס שורשן די טויזנטער קליידער פון זייד,
ווי כוואַליעס, וואָס רוישן פון נאַנט און פון ווייט.

דאָס גייען די פּרות הבשן פאַרביי,
וואָס נאָך אויף בארג שומרון זיין שטאָק שווער, ווי בליי,

דער פאסטעך פון תקוע געוואָרפן אין ייז,
דערלאנגט זיי אין רוקן זיין נביא-געשריי —

וואָס דריקן די אָרעמע און טוען זיי לייד,
פאר שיך קויפן קנעכט און א דינסט פאר א קלייד:

וואָס זיצן אין הייזער פון ריין מירמל שטיין,
ווי דוד אויף כלי-זמר שפּילן זיי שיין.

וואָס צערטלען און שמירן די לייבער מיט זאלב,
און נעמען ארויס פון דער שטאָפּ-שטאל דאָס קאלב,

דאָס קלייניקע לעמל פון אונטער דער שאָף,
און עסן נאָר, טרינקען, פארברענגען אין שלאָף

און ליגן צעשטרעקט זיך אויף בעטן פון ביין.
איצט קענען זיי קוים אויף די פיס זייערע גיין

און יעדע די טאָכטער האלט אונטער און פירט —
די טאָכטער די שיינע, וואָס איידל-געצירט,

דעם קאָפּ אויף דער מוטער האלט קרענקלעך-פארקייכט,
פארחלשט, פארשמאכט אין דער דאָזיקער נאכט.

ג.

און אנדערע געשטאלטן — עס נעמט ניט קיין עק.

פון אָרעמס געליבטע, פון מאן און פון קינד
אנטלאָפן, געריסן, געצויגן זיך בלינד.

פון ארבעטער-געסלעך, זיי ציען — א שרעק!

צווישן זיי איינע די הויט פון זיך שינדט —
א קינד נאָך, א ייִנגט... ווי קליאַטשע אויף ווינט
די האָר אירע פליען. זי פון זיך טרייבט אוועק

דעם חלום, וואָס האָט זי געהויבן פון בעט:
א ממזר זי טראָגט אונטער הארץ וואָס ער וועט
פארקויפן זיי דאָרט אין דער פינצטער צום טויט,
ווען זיי וועלן ציגדן די נאכט פייער־רויט...

ז.

אויף זייערע, פון שאנד האָרעוואניע פארגולמטע טריט —
א וויסטע כאליאסטרע נקבות זיך ציט,
געפודערטע באָקן — טויט־שכור, טויט־מיד.
משוגענע כאלאטן — א טערקן־יאריד
פון פארבן פון מיתה־משונה־קאָליר.
א רויט־געלער היישעריק — זיי קומען אָן שיעור
מיט ערנסטע בליקן, צי בייז־נאָבגעמאַכט,
אזוי ווי עס טוען אמאָל אין רציחה־דעליר
שפיטאָל־משוגעים, ווען מיטן דער נאכט
צעבונטעווען זיך איגעם דול־קראנקן הויז,
און בינדן די דינער, אנטלויפן ארויס,
שפאצירן זיך איבער די גאסן ארום
אין זייערע בגדים סטאטעטשנע און שטום.

ח.

עס גייען פארטרויטטע מיט באָרוויסע פיס —
ייִנגפרויען אין העמדער. טייל שלאָפן נאָך זיס.

טויט־בלייכע לבנות פון תאוות פארצערט,
וואָס גייען די תאוות באגראָבן אין ד׳ר ערד...

נאָך זיי — פרויען — שוועסטער. די וואָגלנדע מאמעס אליין —
ווי גינגאָלד זיי ריין!

די פרומע מאדאָנעס — זיי טרעטן, ווי פּי,
וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה גאנצפרי.

ט.

פעלד אײַן און פעלד אויס. פון א בארג אין א טאָל
מיט נאכט־סילועטן פון תשעה־באָב.

דער אלטער זיין פנים דרייט אוים מיט א מאָל,
שפּארט אָן זיך אויף שטאָק, ווי א הירט פאר די שאָף.

די פרויען, זיי געבן א ווילדן געשריי —
פארלוירענע! זיי וויסן, פארשטייען שוין אלע זיי'ר אומגליק, זיי'ר וויי:

אי מוטער, אי טאָכטער, די ייגגעפרויען אויך,
די איידלע, די צארטע, די זיידענע, ווי רויך —

זיי געבן די טרוימען, די לייבער אוועק
צו הינטישער זרע אָן עקל, אָן שרעק.
און מוען נאָך גלוסטן, ניט שעלטן די טראכט,
מיט וועלכער צו מענטשן זיי קינדער געבראכט.

אין נאָמען פון גאָט זיי פארמערן דעם זאָמען פון שלעכטס —
רשעים בני רשעים, פארקנעכטער און קנעכט...

. . . .

זיי וויגן זיך, הוידן, ווי תליות, אין טונקעלן רוים פון די נעכט,
און יעדע פון זיי ניאנטשעט קראנק אין איר שוים
די שווערע נבואה...

י.

געקאָרטשעט פון ווייען, וואָס האָבן קיין סוף,
די פרויען, ווי פייגל פארוואונדעטע, הייבן זיך אויף
פון ד'ר ערד, וווּ געקניט דאָרט זיי האָבן פון פחד פארתמט,

מיט בליק איינגעשטעקט זיך אין אייגענעם הארצן אריין,
אזוי ווי א טריפהנעם מעסער אין זאמד —
אויף סטעפּ זיך צעשפּרייטן אין בלייך־רויטער שיין.

כ.

ווי באבעס, ווי זקנות, וואָס זענען שוין ניט,
זיי בלאָנקען געהויקערט מיט קליינינקע טריט
אויף סטעזשקעס, וואָס זענען נאָר חיות באקאנט,
באהאלטן זיך, לייגן דעם קאָפּ פול מיט שאנד
אין אייגענעם שאָטן, אין טראָשטשע ביים טייך,
אין תבואה, אין גריבער... און שטום, אָן געוויין
זיך ממיתן, הרגען מיט האנט און מיט שטיין...

און איבער זיי אויבן, אי קרום און אי גלייך,
די פונקען פון שטאָט, וועלכע ברענט — ניט דערברענט
אויף קעפּ פון די מאנצבילן דולע, פארווירטע פון לייד,
וואס זוכן ביים ליכט פון דער שׂריפה
דעם שאָטן פון ווייב און איר פלאטערדיק קלייד...

ל.

דער שמאָק פונעם אלטן צעבליט זיך ווי בעז,
צעפלאמט זיך — א ליכט אָנגעצונדן צוקאָפּנס דעם מת,
וואָס אים דאָ די פרויען עס האָבן פארגעסן אין שרעק,
ווען זענען אויף פליגל פון שאנדע אוועק.
און, קוקנדיק, לאנג אויף דעם פּנים פארטראכט —
דער אלטער די טויטע צו זיך אויפן רוקן לייגט זאכט,
אזוי ווי א פּאסטעך א שאָף, וואָס איז קראנק.
מיט סטעפּ אזוי גייט ער און גייט אזוי לאנג
ביז קומען קומט אָן צו א גאָר הויכן בארג,
און קלעטערט ארויף צו זיין שפּיץ, צו זיין קארק,
קוקט, ווענדט זיך צו אלע פיר עקן ארום,
גלייך נעמט זיי פאר עדות און בייגט זיך אָן פרום,
און לייגט דאָרט די טויטע איר אייביק־שלאָף רוען.
אויף הפקר — די פייגל איר רעכט זאָלן טוען.

ט.

און אפשר וועט זיין א שעת־רצון — פארקלערט
וועט קומען די נאכט צו איר מאטאָווע — בלייך.
די טונקעלע בריסטן, וואָס היילִיק־געצערט,
פול רחמים, און זעצן וועט זיך אויף דער ערד
גאַנט לעבן דער טויטער, בת טובימדיק־ווייך
אויסגיסן אויף איר איר רחמנות, וואָס קוועלט,
אזוי ווי א קוואל, זינט זי בלאָנקעט אויף וועלט.

זי ליובן, זי גלעטן מיט ליפּ און מיט האַנט,
איר אויסטאָן די שיבלעך, די קליידער פון שאנד,
אויף גלידער אויף אירע זיך הענגען צעשטרעקט,
פון זילבערנעם קריגעלע טוי, וואָס פארדעקט
פון אונטער איר פארטעך איר שווארצן זי האלט,
זי וועט זי באוואשן, מטהר זיין ריין,
צוריק איר אומקערן איר תמימות, איר חן,
איר צניעות געראובטע, איר געטלעך געשטאלט.

און נאָכדעם, וואָס טאָן וועט אויף איר נאָך א פאל,
וועט לייגן איר האָרן איר שווארצן צום מויל,
און בלאָזן מיט ליפּן פארברענטע, ווי קויל,
נאָר איין שווארצע תקיעה, נאָר איין שטומען שאל.
וועט רופן אזוי אירע לייב־שווארצע קנעכט —
די אייגענע שאָטנס און שאָטנס פון נעכט,
וואָס בלאָנדזען שוין לאנג אויפן פינצטערן שליאר.

די קעפּ קומטערוואָווע מיט לייבער פון אש —
זיי וועלן זיך אלע פארזאמלען אָן רעש,
און וועלן זיך שטעלן און שוויגן א סך
דאָרט איבער דער טויטער, ביז פלוצעם די נאכט
וועט הייסן די קנעכט אירע גיין מיטן מת...

ג.

צי אפשר געשען וועט אן אנדערער נס:
די נאכט וועט ניט קומען מיט רחמים צוגיין.
מיט כוח, וואָס איז נאָר אויף ערד ניט געווען,
די מויטע פון הינטער דעם קאָפּ דאָרט אפיר
די הענט וועט אויסרייסן, זיך געבן א ריר.
און ראנגלען זיך, פּאָטלען, צעוואָרפן די האָר
און תחית המתים זי אויפשטיין וועט גאָר.

אויף מויל וועט איר שלאָגן פון צאָרן א שוים.
די אויגן — צוויי שלאנגען, וואָס לײדן זיך קוים,
און איינס אויפן צווייטן מיט גיהינומדיק ליכט.
אין טויט-קראמפּן נכפּהט דאָס מיידל-געזיכט,
וואָס פלאקערט, פארלעשט זיך, צינדט אָן זיך, פארגייט.

אזוי וועט זי ליגן מיט פּנים געווענדט
אהין צו דער שטאָט, וואָס אין פלאמען נאָך שטייט,
און ווען אויפן קאָפּ פון דער שטאָט, וואָס דערברענט.
גרוים וועלן זיך וויקלען שוין וואָלקנס פון רויך, —
אזוי ווי אויף פליגל ז'וועט אויפליען הויך...

און בלײבנדיק שוועבן אזוי ווי א טרוים,
אויסשטרעקנדיק פאָרויס דעם קאָפּ מיט די הענט
מיט תאווה צום אָפּגרונט דעם טיפן געווענדט,
פארפאלן וועט ווערן אין פינצטערן תהום —
סדום!

די שטיינער־שטאָט

אין ריזיק-גרויסע שיפן אויסבאהאלטן אין א האפן —
עס שפּילן זיך די הייזער-בלאָקן אונטער צודעק פון טומאן
נעדיכטן. גיין, ניט שפּילן זיך, נאָר חלומען און גאפן:

עס וועט די לייביק-שווערע שטיינער-שטאָט דאָר מאָן א שפּאַן,
זיך רירן פון איר ברעג, דערשווימען ביז מיט-ים.
און דעמלט? דעמלט וועט זי נעמען זינקען מן-הסתם
איניינעם מיט איר קלויסטער-גלאָק דעם פרומען
פון איבעריקער לאסט, וואָס האָט אויף זיך גענומען...

זומער

שווערער,
שווערער
דריקט אויף שטאָט גבורים-טרויער.
יעדע מויער
איז א מורד —
גרייט זיין גרונטפעסט צו פארלאָזן,
טראכט:
ווען וועט קומען שוין די שלאכט?

היץ — און בלער — און שטאָל — געפאנצערט, --
זיי גאָר פעלן
אויף די לענדן
שווערדן,
און די טרוימען זייערע זיי ווענדן
צו דער זון דער אָנגעגליטער הייסער,
הייסער:
קומען זאָל דער וואָרזעער, דער קאלטער וויסער,
און באוואָפענען, באפעלן.

אָנגעהיצטע לאנגע רייען
דעכער, טירן, שויבן שרייען:
— ווילד כלי-זין!
ווילד כלי-זין!

ס'איז קיל

ס'איז קיל... ארום דער האלע[1]) וואָס מיט הארבסטיש-קאַלטע שויבן,
א בינטל גאסן-קינדערלעך, ווי עופות שלאָפט, ווי טויבן,
וואָס וואַרטן אויפן מאַרק אָט דאָ א גאַנצע נאַכט אַמאָל.

הוילקעפּיקע, באָריסענע, צאַרט-נאַקעטע, ווי פראָשן,
פאַרמאַכט אין אויג ביי זיך דעם פלאַם, וואָס שטאָט האָט אויסגעלאָשן
פון אירע לאָמפּן, ליוסטערס, גלאָז, קרישטאָל.

די מורדים קינפּטיקע — אצינד נאָך דורכזיכטיק-בלייכע —
צי וועלן זיי ווען אויפשטיין דען?... עס האָט די נאַכט די ווייכע
לבנה-סם זיי אָנגעטרונקען פון איר בלאָער שאָל...

ווען איך בין ביינאַכט אהיימגעקומען

ווען איך בין די נאַכט אהיימגעקומען,
(מיין נשמה האָט געפיבערט פונעם גאַסן-לאָמפּן-רעגן),
איז מיין בעט געווען פאַרנומען.

א געדאַנק מיט אויגן
פון א שלאַנגער-קאַץ, אין בעט פאַרקראָכענע,
אויף דער היימישקייט

פון מיין געלעגער-דעק מיך האָט באַגעגנט,
אָפּגעבריט היים מיין נשמה,
וואָס געווען פאַרענגט...

[1]) האלע — א מאַרק-געביידע.

די באלאדע פון די צארטע קינדער

צארטע קינדער שפּילן זיך און ליבן זיך ביז נאכט,
און זיי ווייסן ניט, אז אין דער שפּיל דער טרויער וואכט,
אז דאָס ווייגען פון זייער קינדער-ליבע שטאמט.

צארטע קינדער שפּילן זיך א גאנצן טאָג אין זאמד
און זיי ווייסן ניט און געבן זיך די פּיצלעך הענט,
ווי אין יעדן פינגערל דער ראָזע אומעט ברענט.

און די צארטע קינדער גייען שלאָפן מיט געוויין.
הינט און קעץ און וועכטער ביז פארטאָג נאָך האלטן אין איין גיין
פון איין שכנס טירל ביז צום צווייטן. ליבט, ווי שניי,

פון לבנה קילער, הילט איין ביימער, פּאָרלעך כלערליי.
קאַץ מיט קוטער באָרוויסע צעלויפן זיך אין שפּיל,
זוכן זיך און טרעפן אויף א שאָטן אין דער קיל.

אינדערפרי די קינדער שטייען אויף און ביז פארנאכט
זעצן פּאָר די שפּיל פון הונט און קאַץ — און מענטשן-פּאָר,
און זיי ווייסן ניט, אז אין דער שפּיל דער טרויער וואכט.

צארטע קינדער שפּילן זיך ביז הונדערט צוואנציק יאָר.

פרוי מיט שוואנגער-קני באצערטע

פרוי מיט שוואנגער-קני באצערטע
אויף איר בעט אין זונפארגאנג ז׳געזעסן
און געוויינט.

פון איר האנט
ארויסגעפאלן
איז דאָס טרער־טיכל,
וואָס אליין זיך אויפגעהויבן
האָט און, ווי א בלעטל פון אן אויסגעהרגעט
קינדער־ביכל,
דורך דער שויב דער אָפענער איז דורכגעגאנגען.

און געפלויגן,
און געפלויגן
בלאס אין אָוונט־הימל אויפגעגאנגען —
א לבנה נאסע,
וואָס בשעת דעם וויגען
איז געבליבן זי פארשטיינט.

פרוי,
ס'איז דיין טרערן־טיכל
היינט פארנאכט אין הימל־רוים געהאָנגען —
א לבנה ציטערנע און האָט געוויינט...

איך און דו מיר לייענען נאָך באָדלער

דו און איך —
מיר לייענען נאָך באָדלער.
אין אלע זיינע פלייש־ליים־נבלה־זון
און:
נעדאנק אין טינער־פעל־סאָנעטן, —
זעען מיר פון גלאָז די אייז די קלאָרע טרער
פונעם שטארקסטן מאן: באָדלער.
דו און איך —

מיר לייענען נאָך באַדלער,
און וואָס עס קומט פאַר אין אונדז —
איז מער
אפילו פונעם זונפארגאנג
(איך זאָג אליין: מיר זענען קראַנק) —
איז מער!

דו

וואָס די אויגן דיינע רק וויברירן,
ווי די מאָרגן-זייגערס, הענגען, ברענען
אויף די צווייגן פון דיין גוף, ווי לבנות
אויף די פענצן, —

האָסט אוועקגעזעצט זיך ביי מיין טיש מיט
מיר פארטראכט
און די אויגן דיינע גרויסע
האָסט געלאָזט פון יענער זייט, אין דרויסן —
ווארטנדיקע אויגן-לאָמפן אין דער נאכט.

איז בשעת אויף דיר אין גאס דאַרט ווארט
זייער ברענענדיקער מאָרגן-זייגער און לבנה-פלאם,
זיץ איך סתם,
זיץ איך צארט
דאָ אין שטוב מיט דיר, ווי מיט א בלינדער...

שיר — דאָס געזאנג

שיר — דאָס געזאנג, השירים — פון אלע געזאנגען
האָט זיך פאר מיין פענצטער אויפגעהאַנגען:
— זינג מיך אויס און פייטש!
וונדער איך מיך: פטייטש?

און איך זאָג מיר: יאָ, מיין ליד פון ליבן און פון האסן

האָט זיך פאר מיין פענצטער אויפגעהאָנגען.
שיר — דאָס געזאַנג, השירים — פון אלע געזאַנגען!
ליבסטע! דיינע אויגן, דיינע האָר, די ציינדלער מיט די ליפן,
ס'מויל און דיינע בריסטלעך צווײ, דיין האלדז און נאקן און די ריפ
זענען, ווי צוויי טראָפּן וואסער, ענלעך צו די זעלבע גלידער
אין דעם וונדערבאר פון שטיין-געהאקטן פרויען-קערפּער — שטאָט.

קוק איך און דערקען ניט: וועם פון אייך אָפּשפּיגלען מיינע לידער?
ווער פון אייך ווייב און ווער גאָר ס'קעפּסוויב איז? מיין גאָט!

שטאָט אין פּראָפיל

שטאָט —
דו שטייסט צו מיר אין פּראָפיל
סאמע,
ווי איינע וואקסענע דאמע
אויפן אייזערנעם קנאָפּל
אינעם לונאפּארק.

אי מיט ליבע, אי מיט האס —
כ'נעם די ביקס, וויל טרעפן רק
אינעם מעכאניזם פון דיין קארק —
זאָלסט צו מיר אויסדרייען זיך: En face

די אָרעמקייט האָט מיך גענומען אין אָרעם

די אָרעמקייט האָט מיך גענומען אין אָרעם.
מיר האנט אין האנט האָבן שפּאצירט לאנג די נאכט,
פארגעסן זיך ביידע, אז מיר זענען אָרעם,
און האָבן געליבט זיך און האָבן געלאכט.

די דאָזיקע פרייד — אָ, מע קאָן זי נאָר גלייכן
מיט יענעם באהאלטענעם קוועליקן ליכט
אין מאטאָווע שפּיגלען פון נאכט-טונקלע טייכן,
וואָס שמייכלען אין טרויער אריין טיף צו זיך.

די דאָזיקע פרייד אויך מיט באָרוויסע פיס גייט
ארום, ווי א קונדס אויף שנייאיקער שיין.
זי שמעקט ניט מיט ברויט, נאָר מיט שיכורער זיסקייט,
וואָס פליסט פון לבנה אין קעלערס אריין.

די אָרעמקייט האָט מיך געגומען אין אָרעם.
מיר האנט אין האנט האָבן שפּאצירט לאנג די נאכט,
פארגעסן זיךביידע, אז מיר זענען אָרעם,
און האָבן געליבט זיך און האָבן געלאכט.

וויפל שטאָט עס גייט אריין

וויפל שטאָט עס גייט אריין
אין פענצטער מיין,
איז שוין גענוג, אז איך זאָל זען איר פּיין.

כאָטש עס גייט א דריבנע רעגן, לעשט זיך ניט די ווייטע שקיעה-שיין —
אָט די שארלאך-רויטע וווּנד פון שטאָט אין פּיין.

זיי, הפּנים זיי, די טורעמס, קוימענעס און אלע שאָטנדיקע דאך-פיגורן
פון מאָנאכן ניט געשטייגענע און הינט-כימערעס, קבורה-פורן —
זענען דאָס די קאָפּ-קאָשמארן פון דער שטאָט?...

פייכטע, עסיק-הארבע, יאוש-פולע פינצטער אויסגעשפּרייט
זיך האָט.

וויפל שמאָט עס גייט אריין
אין פענצטער מיין,
איז שוין נענוג, אז איך זאָל זען איר פּיין.

ווי מע גנבעט אן ארבוז

ווי מע גנבעט אן ארבוז אין וואָגן,
וואָלט איך די לבנה צוגעלאָטכענט איידער ס'הייבט אָן טאָגן,
אונטער רעקל, לעבן הוילן לייב, איך וואָלט זי אומגעטראָגן,
און אזוי, איין האנט אין קעשענע, ארומגעגאן
סוויוועשענדיק און פייפנדיק — די שטאָט געמאָסטן מיט מיין שפאַן.

אלע מארקן, הינטערגעסלעך, שענקען, נאכט-אזילן
הערן, ווי מיין קערפּער הייבט אָן זינגען, שפּילן.
מיין לבנה-ליכט-געזאַנג — ווי זיס איז!
אונטער אים, ווי וואקס פון ליכט דערוואַרעמט,
זיך צעשמעלצן אלע קייטן-רינגען אין די תפיסות.
נאָר דאָס הארץ פון וועכטער — שטיין און ניט דערבאַרעמט.

שפּילנדיק און זינגענדיק איך פיר אים —
פיר ארום מיין קערפּער, ווי עס שטייט אין שיר-השירים:
— עס האָבן מיך די נאכט-וועכטער באַגעגנט
און מיט קלעפּ אויף מיר געהאָגלט און גערעגנט,
מיך צעבלוטיקט, מיך פארוואונדעט און ביז טויט געשלאָגן
ווייל —

ווי מע גנבעט אן ארבוז אראָפּ פון וואָגן,
האָב איך די לבנה צוגעלאָטכענט ערב טאָגן,
אונטער רעקל, לעבן הוילן לייב, זי אומגעטראָגן,
און אזוי, איין האנט אין קעשענע, ארומגעגאן
פייפנדיק — דער ליכטיקסטער, דער רייכסטער אָרעמאַן.

קיינמאָל נאָך ביז אונדזערע צייטן

הייליק,
וועל איך מיך אויסשטרעקן
אין מיין גאנצער לענג
אויף דעם הויכן שטיינער־בעט
פון אָוונט-גאס — פה נטמן א יידישער פּאָעט !

גאסן, גוף־געפּאקטע, דיקע !
כ'וויל פארשטערן אייער זיסלעד־באנגע
קארנאוואל-פרייד מיט די לאנגע
אָקסן־הערנער און ויצ׳חה׳שן מערוקע, —
ווארף איך דיכטער־ליב, מיך זאָלן איבערפאָרן
אלע אייערע אויטאָ־צעלטן רונדע, פעטע,
הויכע, ווי די יחוס-הינט-קאנוורעם —
וייך צום שלאָפן אויסגעבעטע.

אָט די מאָדנע גרויסע קעלבלער־שוואלבן,
קאָלאָרירטע פּאסבא-אייער גאנצע, האלבע,
אָנגעבלאָז'נע ברעגענדיקע זשאבעס,
טויזנט לויף-שיך, וואָס אויף זייגע זייד־געקליידטע לאבעס,
טראָגט שווארצקינצלעריש דער גרויסשטאָט־ליץ,
טוט זיי אָן, טוט אויס, צעווארפט זיי ווי א נעץ, —
וועלן טויזנט מאָל זיי'ר ליכט-צוג, רויט, ווי קרעץ,
שיקן אויף מיין רוקן.

נאכט־בולווארן־קינדער,
וואָס איר לויערט שוין פון לאנג
אויף מיין גייסט אים צו פארצוקן !

איר מיט אונטער בלינדער

גאסן־לאָמפּן־זון זיך שפּילנדיקער שלאנג,
וואָס איר טראָגט זי אום אין אויג — א רעטעניש-געוואנג —
און איר גייט מיט איר ארום קאָליעדעווען, ווי טיפן הייליקן
בית-לחם-שטערן ;

איר, וואָס אויפגעהויבענע שפּייז און שטיקלעך ציגאַרעט אייך נערן,
ווי ביי אַלט-צעפּליקטע ליאַלקעס ברענען ביי אייך די
שאַרף-לאַקירטע אַפּלען.
אייערע גרויסע, שקראַבענדיקע שיך — דער טאַנץ פון טשאַרלי
טשאַפּלען!

מיט די זעלבע צאַפּלען,
ווילדע קולות — העמערלעך און דאַלטעם אייערע, —
וואָס איר קריצט מיט זיי די צייטונג-גייעסן אויף אונדזער שטערן, —
יעכצט, שרייט, מײַנע קליינע, טייערע
ברידערלעך, אַז אַלע זאָלן הערן:
קיינמאָל נאָך ביי לייטן,
קיינמאָל נאָך ביז אונדזערע צייטן,
האָט דער דיכטער ניט זיין לייב, ווי האַרפּן
אויפגעהאָנגען, ניט געוואָרפן
אין די גאַסן
פאַר די הוליענדיקע מאַסן.

מיט לבנה-האַק

מיט לבנה-האַק
אויף אַקסל, ווי אַ זעלנער פּונעם אַלטן רוים,
גיי איך און איך טרוים.

ווײַנט אַ זעלנער? ווײַנט אַ האַק?

אויף מיין באַק
פאַלט אַ טרער... זי איז מײַנע? דער לבנהס?
כ'ווייס ניט. די לבנה איז אַ האַק

אויף מיין אַקסל היינט.
זאָל איך האַקן זייערע איקאָנעס?
וואַרפן בלאַנקע האַק אין ווילדן פלייש פון מײַנע פיינד?

מיט לבנה־האק,
אויף אקסל, ווי א זעלנער פונעם אלטן רוים,
גיי איך און איך טרוים.

טרוימט א זעלנער? טרוימט א האק?

נאָקטורן

די סאמעט־שווארצע פעלערינע פון שאָפּען
אויפן הימל האָט א שוועב געטאָן. וועט זיין א נאכט־קאָנצערט?
אלע וואָלקנס אויפגעכאפט זיך האָבן און זיך איינגעהערט...
(הינטער זיי האָט די לבנה אויפגעפלאטערט מיט א ברען)

באגאָסענע מיט ליכט, מיט שיין באזוימט,
זיך די כמארעלער צערינען, מאכן פריי איעדן שטעג
פאר שאָפּענס, דער שווארצער פעלערינע, וואָס פארטרוימט
האָט געטראָפן די לבנה איר אנטקעגן גיין אין וועג.

שטיל אויסגעשפרייט אויף איר עס האָט די פעלערינע אירע פליגל,
ווי א גרויסער טרויער־פויגל , ווי א פלעדערמויז,
אָבער, ווי א קינד, וואָס פאלט בייגאכט ארוים פון וויגל,
די לבנה איז א ליכטיקע פון הינטער איר ארויס.

און אויפגעשווומען איז זי, ווי דעם קאָמפּאָזיטאָרס קאָפּ,
אויף דער פליענדיקער סאמעט־שווארצער פעלערינע... ס'איז שאָפּען!
אינעם ניגון פון דעם ווייכן שוועבן זייערן עס האָט דער טראָפּ
פון שאָפּענס נאָקטורן אויפגעפלאטערט מיט א ברען.

אָדע צו די פערד

ס'קושט זיך שוין דאָס ליכט פון טאָג מיט צארטן אָוונט-פייער
אין די גאסן-לאָמפּן און דער אלטער מארק — ער שיינט איצט נייער.
אויף דער שווערער רייטער-מאָנומענט אינמיטן
וואָלט זיך אויפגעהויבן און ארום זיין שאָטן רונד געריטן,
ווי ארום אים פליען איצט די אויטאָס און טראמווייען.

אָן א שום הקדמה, נאָר מיט סקריפּ פון פראָסטע רעדער,
מיט א בייטש א לאנגער, וואָס דער קוטשער שרייבט מיט איר, ווי מיט א פעדער
(אפשר קאָרעגירט ער דעם טראמוויים צעבליטע דראָטן-בליצן)
און דער קוטשער — ניט אזוינער, וואָס ער זאָל, חלילה, זיצן,
נייערט אויף די פיס ער שטייט — א הויכער פויער-יונג אין הוילן סטאָן, —
זיך באווייזט א ליידיקע, פארקאלעכטער קאמיאָן. [1]

כאָטש ער האָט אריינגעגנבעט זיך א פרעמדער אויף דעם פּאָן —
אין די אלטע צייטן ניט געפאָרן שטאָלץ אזוי א פּריצישער פאעטאָן.

דרייט די בייטש א שלשלת — א הויכן שמועס מיט די ערשטע שטערן...
אונטן פאלט דערוויל איין פערד... נאָר איידער הייבסט אָן קלערן,
ליגט עס, נעבעך, אויסגעצויגן — א צעבראָכ'נער באס, א ריזן-פידל,
וואָס מע וועט אויף אים שוין מער ניט שפּילן אין דער מיט פון גאס א לידל.

הייבט מען אים ביים פולן בויך אָן סטרונעס, ביי דער קאָדע[2]
ביז מע ליינגט אים אויף זיין וואָגן אייגענעם, ווי אויף א מטה...
דאָ באשאפן ווערט די אָדע,
אלע גאסן-לאָמפּן און אויך די פון אויטאָס און טראמווייען —
אים באלויכטן מיטן גאנצן אָוונט-ליכט אויף אים געוואָרפענעם און שרייען

[1] קאמיאָן — א פלאטפארמע-וואגן, א פערד-„גרוזאוויק“.
[2] קאָדע — פערדישער עק.

פייערלעך א הספד — ליכטיקער און הונדערט מאָל מער פּאָרכטיק,
ווי עס זענען אין די טונקלע נעכט די שטערן... פרום, געהאָרכיק
רירט זיך מיטן מת דאָס צווייטע יתום-פערד, וואָס איז אליין געבליבן
ביי א לאנגן דישל... מיט וואָס זשע טרייסט מען אים? מיט דעם,
וואָס שטייט אָט דאָ געשריבן?...

פעריפעריע

אויבן ברענען פרומע שטערן. אונטן, — אונטערוועלט ברענט וויסטיק.
אויף דער גראָבער, רויער ווירקלעכקייט שוועבט מיסטיק.
ס'איז דער טורמל פונעם קוואל העט אונטן — פריי געמאכט זיך,
אויפגעבונדן
בריט דעם גארטל מעשה-שלענגער מיט צעמעסערט לייב, פול וווּנדן.

בלויז דאָס מויל טרינקט ווייז, צי בראָנפן, נאָר די אויגן — גאז...

ס'הייבט זיך אויף דער יונג פון טישל און פון קרעטשמע ביז אין
מיטן גאס
שלעפּט אין שטויב, ווי א נבלה, אונדזער ליבע, אונדזער האַס.
ס'גייט דער טויטן-טאַנץ
מיט דער מעוברתער און באָרוויס-אויסגעשטאַטער כלה,
וואָס דערקוויקלעט, ווי א גאַנדז,
בליץ-שנעל אָפּגעפּליקט פאר אויגן אלע
האָט דער אָפּגעריסענער, צעוויכערטער חתן,
און אין זעלבן אויגנבליק אויף זיך אליין די רויטע יויך ארויפגעגאָסן.

ביז פארטאָג אלץ רויכערט זיך דער סאָזשע-שווארצער טאָפּ,
וואָס עס ווערט אין אים געקאָכט, ווי אין א שטאַרקער פאן פון מעש,
שיכּרות, גיט געצוימטע ליידנשאפט, פלייש לעבעדיקס, ווי קויטיק וועש.
ווען שוין אלצדינג זינקט אין שלאָף, זיך עס עפענען זיך ערשט די גרונטן
און דאָס טונקלע לעבן הייבט אָן קלאפן וואך און מעכטיק, ווי די פרעש,
אז עס טוט אזש וויי דער נאכט דער קאָפּ...

ס'שווימט ארום א גאַס לבנהלע, ערשט פון די וויקעלער זיך אויפגעבונדן און די מידע, קראַנקע נאַכט, וואָס קאָן שוין מער ניט גאָרנישט זען און הערן

באַפּט און טוט א דריי אויס די לבנה, ווי א טיכל, בינדט ארום מיט איר דעם שטערן.

א פארליבטער זאָגט אזוי, מיר דאכט

אליעזר שטיינבארגן.

שטאַרקער פראָסט קלאַפּט צוועקעס
אין דיין זילבערנער פּאָדקאָווע,
נאַכט!

איך דיין ווילדן פּוס אין שויס אין מיינעם
האַלט.
א פארליבטער טוט אזוי, מיר דאכט.

צו מיין פערדעלע אין פרעהם וואָגן
גלייך איך דיך, מיין פריינדין
נאַכט!

לויף! איך קנאַק מיט בייטשל פון תנ"ך.

טענצל דיך אויף שאַרפן גליטש-אספאַלט,
און זיין שווארצן שפיגל-פלאַר צעקריץ און שפּאַלט
מיט דיין זילבערנער פּאָדקאָווע,
נאַכט!

אייראָפּע — דאָך לעגענדע בלייבט דיין
שליאַר.

טראָגסטו אין דיין פּלי דורך אונדזערע גאַסן
דיין געפּאַנגענעם, דיין בלינדן
פּערסישן שאַך.

ער פּאַר מיר אַ בליסק געטאָן האָט מיט זיין פּאַספּאָר-פּנים בלאַסן,
מיט זיין בלויער באָרד, וועג פּליט געבונדן
צו דיין לערן
וואָגן פון טריאומף — דיין שטערן —
און מזלות-קאַטש.

כאַטש
טויזנט און איין שרעק —
לאָז מיר זיך אָנקניפּן פּאַר אַ בענדל אין דיין עק!

צו מיין פּערדעלע אין פּרעהם וואָגן —
גלייך איך דיך, מיין פריינדין
נאַכט!

אַ פּאַרליבטער זאָגט אַזוי, מיר דאַכט.

שאָמערן [1]

אין פּאַרק איז אַ זייטיקע אַליע געוויילט פון שאָמערן פּאַראַן.
דאָ זיצן און שלאָפן אַריינגעפּאַסט ענג
אין קלעצלער, אויף האַלב אויסגעהוילטע, אַ פּאָר הונדערט מאַן.

זיי אַלע — איין מעכטיקע, גרויזאַמע צייכנונג פון ליניען
געבראָכענע — טראַגישע, מיסטישע, טונקעלע גענג,
וואָס מענטשלעכע אבֿרים — אין דער ברייט, אין דער לענג —
עקשנותדיק בויען דורך זיי צו פאַרלאָזן דעם בנין
פון אייגענעם גוף.

[1] שאָמערן — אַרבעטסלאָזע.

פלעבייער-קנויל. פלאָנטער פון וואָרצלען ווילד-קרומע, זיגזאַגישער רוף
פון פלייצעס און ברוסטן און העלדזער אנטלאָפע־
נע, גלייביקע קעפ.

וואָס קלעטערן בונטאריש און פאלן אזוי אויף די אָפּע־
נע,
קלאָר אין רוים אויפגעטורעמטע מירמלנע טרעפ.

קום, קינסטלער, באוווּנדער דעם האָלצשניט. ס'איז עקספּרעסיאָניזם?
ניין, ניין! ס'האָט געשניטן א ריז אים
מיט נאָמען פיל פּשוטערן: הונגער!...

ביי דעם ליכט פון רעפלעקטאָרן

ווי א טענצערן פון שפאניע, וואָס איר שאָל מיט חן שפּרייט אויס,
האָט א וואָרף געטאָן די נאכט א ווונדערבארע
אידל-שיינע, גוטע כמארע
פון א שטאָף א טונקל-בלויען
פאר א הינטערגרונט צום גרויען
אין די ציגל שטייענדיקן,
ערשט צום לעצטן שטאָק נאָכגייענדיקן
שטייגנדיקן הויז.

פון דער הייך פון רעסטאָוואַניעס — קינאָ-שאָטנס בלויז
שיינען איצט די מאנצבילן און פרויען —
ארבעטער, וואָס ביי דעם שטארקן ליכט פון רעפלעקטאָרן,
זענען, דאכט זיך, פלייסיקער געוואָרן,
הייסער זיך באוועגן, טוען, בויען.

נאָר ווי אויף א בינע
רוט אצינד אויף זיי די שכינה.
איבער זיי, דאָרט ביי דער הימל-טעליע, ארבעטנדיקע מענטשן-סילועטן
שוועבט די זומער-נאכט גאַנץ נאָנט און רעדט צו זיי מיט מאמע
ווייכע מאמע-גלעטן.

דרייט ארום זיך, ווי א גוטער מלאָך,
צווישן די, וואָס שלעפּן ברעטער, אייזן, קאַלער.

רופט דערביי ארויס און זאמלט דער פארגאנגענהייטס געשפענסטער
און זיי קומען דורך די פוסטע ערטער, וווּ מע דאַרף ערשט שטעלן
טירן, פענצטער.

אלע: ווער מיט העלפן ציגל טראָגן, ווער סתם שטייט און דיכטעט —
שפּילן איבער דאָרטן אין דער הייך די גאנצע מי־געשיכטע
פונעם שאפנדיקן מענטשן אין פארשקלאפונג... אָט אזוי די קנעכט
פון נעכטן
מישן אויס זיך מיט די היינטיקע אין אָט דער שפעטער ארבעטס־שעה,
און אינייגעם קלאפן, רוישן, מאָנען, פאָדערן דעם עפּילאָג געדעכטן
פון דער אור אור־אלטער דראמע...

איבער זיי די זומער־נאכט געגעדיק, בלאָ
שוועבט ארום א בארעמהארציק־גוטע, טיף באטריבטע מאמע.

יודא

ס׳שמעקט מיט אָריענט, מיט שטערן און מיט מעשה.

כאָטש עס איז געווען זומער,
זענען צוועלף, איינס אין אנדערן פארטשעפעטע, צונויפ־געשארטע
גאסנקינדער (צווישן זיי א האָרביטש און א קרומער),
שפעט געזעסן אויף די טרעפ פון א קאפע־טעראסע
און געזונגען, ווי מען זינגט דערציילט א מעשה,
ווייגאכטס־לידער.

מיינע הפקרדיקע, קליינע ברידער,
נאָנטע צו די שטערן איצט און טרוים־באגעריקע —
טרוים און ליד און קלויסטער־בייגל אייעריקע —

האָבן צווישן זיך געהאַט די פּערצניעריקע
קליינע, פּוכלע מאַגדאַלענע,
וואָס איז צו דער זעלבער צייט אויך זייער ווענוס.

גאַנץ אין עק איז אויסגעקומען יודא —
אויך א גאַסנקינד, וואָס האָט געברומט
די ניגונים גלייך מיט אַלע.

האָט מען אָבער אַלע מאָל געשטעלט אים שאלות:
— הלמאַי ער קאָן ניט גוט די ווערטער.
הלמאַי אפילו ער דעם ניגון איבערקרומט...
איז א סימן, אַז ער איז א ייד.

און זיי רוקן זיך פון אים אָפּ מיט די ערטער.
אָבער יודא נאָכצוברומען ווערט ניט מיד.

האָט געפּסקנט דאַן די קליינע, פּוכלע מאַגדאַלענע,
וואָס איז צו דער זעלבער צייט אויך זייער ווענוס,
אַז מע זאָל אים לאָזן זיצן אויף די טרעפּ אַליין.

און געזאָגט — געטאָן. געבליבן יודא איינער...
אָבער אויף זיין קרום-געוואָרענעם פּנים קיין געוויין.
זיצט פאַרעקשנט צו דער טרעפּ געשמידט מיט אַלע זיינע גלידער,
און מיט אויגן צו דעם גאַסן-לאָמפּ — ער ברומט די ווייַנאַכטסלידער,
ווי אַן אָנגעבונדענער... עס קרייען שוין צום דריטן מאָל די הענער.

אין א פינצטערער אַלייע מיט דער קליינער,
פּוכלער מאַגדאַלענע,
וואָס איז צו דער זעלבער צייט אויך זייער ווענוס,
שלאָפן שוין די אַנדערע עלף, וואָס אויסגעטאָן זיך האָבן ביז די העמדער.

ווער געבליבן ריין די נאַכט, געווען איז יודא — ער, דער פרעמדער...

ביילע די האָרבאַטע...

ווער פון אונדז געדענקט ניט ביילע די האָרבאַטע
מיט איר לאַנגן שלעפּ פון בעטלער-קלייד אין גלופּסקער בלאָטע?
ווער אין זיידנס ביידל האָט ניט איינגעהאָרכט זיך אין איר דאַליע,
ניט געזען האָט איר פאַרטעט אין דער לבנה פון וואָלין און פון פאָדאָליע?

איך האָב אויך איר נאַכטיגאַלן-בענקשאַפט-שטים אין האַרץ געטראָגן,
אירע גרויסע טרויער-אויגן לאַנג ארומגעזוכט אין וואָגן
מיט קבצנים פאַרן הקדש, צי אין טונקלען ראָוו פון פעלדער-שליאַכן,
צי אויף ערגעץ א בית-עולם, ווו וואָראָנעס פלעגן היפּן, כריפּן, לאַכן.

אָבער אומגעריכט, נאָך אזויפיל פוסטע זוכענישן אויף די אלע שטעגן,
האָב איך זי, די כשרע בת-מלכה מענדעלעס, באַגעגנט.

ס'איז כדאי פון דעם דערציילן גראָד געניי, מיט אלע פּרטים.
שפּעט ביינאַכט ארומגעוואַנדערט האָב איך זוכן אין דער שטאָט אים —
אים, וואָס האָט אמאָל פון מיר ארויסגעריסן זיך דאָ, אויף די גאַסן,
און אויף יעדן ראָג געשפּילט אויף קליינע פידלען און אויף גרויסע
באַסן.

אָבער נודנע הייזער און עובר-בטל האָבן זיך פאַר מיר געשפּרייט די
זעלבע מאַרקן.
מיט א מאָל, ווי אויף א טעפּיך, אין א ליכט-קרייז פון א גאַסן-לאָמפּ
א שטאַרקן,
הינטער בלומען-קווישן זיצט א פרויעלע — ציגיינערישע גזע —
ווי א קינד די גרוים און מיט א האָרב אויף פּלייצעלע — איר שטראָף
איר בייזע.

פול מיט חן עס שימערירט א צאַרטער און געהיימער בינדונג-צייכן
צווישן אירע בלומען און איר פּנימל — דאָס איידעלע, דאָס בלייכע,

מיט לבנות אין די אוינגן קילע, קלוגע, ריידעוודיקע, גרויסע,
ביז דאָס בלומען־בלוט פארלאָזט דעם קויש האָט און ארויס אין דרויסן,

אויפן פראָסטואר זיך אויסגעגאָסן, אויסגערונען און פארשווונדן...

דער האַרבאַסעס בעקעלעך פון ציילן איצט דעם פדיון — פורפור־רויט
געצונדן.

ס'גלעט באהאלטן — ווי א פויגל לייכט, מיט פוסטע קוישן האָט זיך
אויפגעהויבן
און אוועק, צערעדט זיך אויף א קול מיט אלע ווערטער, מיט די שויבן
אויסגעלאָשענע, מיט גאסן־קינדער, מיט שאָפערן אויף די ראָגן —
ס'האָט איר ריינע שפים געקלונגען, ווי פון בארג א וואסער־קוועלכל
ערב טאָגן.

ניט געגאנגען איז זי, נאָר געטאנצט מיט לאנגען שלעפ פון קלייד —
א לאַטע אויף א לאַטע.
היינט ערשט האָב אליין געזען איך און געהערט די „קאַליקע־פרינצעסן" —
ביילע די האַרבאַטע...

מיין ליד

מיין ליד —
וויפל מאָל דערשלאָגן בלייבט זי, טוט זיך אויס דעם ווערטער־גרים,
און זי בענקט, ווי איך, גיין אָפגעריסן,אנאָנים,
שלאָפן מיט די בעטלערס, וואָס זיי שטייען אויף און טרינקען וויין,
און פאריכטן זיך די הויזן מיט לבנה־שיין.

נאָר מיין ליד, וואָס אונטער בריק ביים טייך
מיט די אָרעמע זיך בויט א נעסט — נאָר פלוצעם רייך
טוט זיך אויך א פוץ אויס און זי גייט
אינעם גרעסטן לוקסוס־קלייד

פון די זאטע, שטארק געשמינקט דאָס פּנים, אָנגערויט די ליפּן,
אז עס טוט א שטאָך מיר ביז די ריפּן,
ווען פארפּוצט אזוי זי קומט אנטקעגן מיר אין גאס...

נענטער אָבער צום עלעקטרי-ליכט, וואָס שטראָמט, ווי פון א פאס,
זע איך איין מיין טעות. א פארווירטע פרוי,
פּיס-באָרוועס, אָנגעטאָן אין כל-המינים שמאטעס.
גייט און וויגט אזוי
איר אייגענע געשטאלט
אין געשפּענסטער-וויגל פון אספאלט.

אז איך האָב מיין ליד געלעסטערט, האָב פארשטאנען באלד.

א האנט

א האנט,
צי אפשר א שטיק האָלץ, שווארצע ערד,
א האק, א האמער,
האָט גענעבן מיר (געדארפט זיין שפּעט ביינאכט) אין קאָפּ,
ווי אין א וואנט,
צעוואָרפן מיר מיין שלאָף — די פינצטערע, ענגע
היגער-קאמער,
פון וואַנען, ווי מיט אן אָפּצוועגגע,
איך האָב מיך קוים ארויסגעריסן,
קוים ארויפגעכאפּט אויף מיר א מלבוש און געלאָפן
שעפן שרפות אינעם מערב און א ביסל לופט אין צפון,
נאָר ניט פייער, ניט א טראָפּן פייכטקייט האָב געטראָפן.

תיכף אָבער — אלע שווארצע שטיינער פון געפלאסטער
און פון יעדער טויער
האָבן זיך פארזאמלט, מיר דעם וועג פארשטעלט,
אין מיט-וועלט
אויסגעבויט א פעסטונג מיט א טויער,

וואָס ער עפנט זיך (ביים עפענען מיך כאפט אָן א געוויין)
און שטיין נאָר שטיין
אין דער תפיסה אויפגעפראלטער, חושכדיקער, לערער,
רעדט צו מיר מיט הארטע ווערטער — טונקלער, שווערער:
— פאר דיר געעפנט זיך דער טויער.
אומגליקלעכער, באפריי דיין טרויער!

האָב איך ניט געגלייבט און דאָך גענענט,
גענענט,
אריינגעקוקט און אלץ דערקענט.

און ווידער האָט די זעלבע האנט,
צי אפשר א שטיק האָלץ, שווארצע ערד,
א האק, א האמער,
געגעבן מיר אין קאָפּ, ווי אין א וואנט —
צו מיין שאנד.
צו מיין שאנד.

בין איך מיטן פנים אויף דער שוועל געפאלן
און געציטערט און געהערט —
טראָט פון פערד.
טראָט פון פערד.

אויף די ביינער מיינע קלאפן,
קומען דורך דער תפיסה'ס פעדער-זאלן,
פירן ערשט ארום מיין טרויער
פון די ווייטע הינטערשטאלן.

נאָר די פרעה-רייטער שווערע —
פוסגייער נאָר מערע.

אלע אומגעקומענע מצרים,
בבלים, גריכן, רוימער
איין לוויה נאָך דער צווייטער.
וועלדער טראָגן טויטע בוימער
שורה נאָך א שורה.
בערג פארשלעפּן בערג
מיט פון זיי זיך שיט־דיקער ערד,
ווי הינט צו קבורה...

נאָך פּאוואָליער, גודנער
שפּאנען חיות — אין די נעזער,
ווי אין צירק, מיט שווארצע פּענער.
בלינד־געמישטע ערב־רבן. קעץ מיט הענער.
פייגל מיט חזרים.
שטילע. ווילדע. היימישע און פרעמדע —
גרים...

נאָך צוריקגעקומען מיט אמאָל איז
ווידער יענער שטראָם פון מענטשלעכע הילות.

שעלטן? — ניט!
מיינע אויסגעבענקטע מענטשן־טריט!
ווייטע. נאָענטע. איך הער איך אויף מיין רוקן שפּרייגן,
גלייך איך בין א בריק פון אייזן.

נאָך אָט ווערן לויזער, שיטער,
שיטערער די רייען.
ס'גייען שוין בלויז אייגענע. איעדערער ביחידות —
מיד איז.
און די מיילער אויסגעקרומטע: אָט, אָט שרייען!

און ניטאָ קיין אָנהויב און ניטאָ קיין ענד.

און צום דריטן מאָל די זעלבע האנט,
צי אפשר הענט,
שווארצע ערד, א האק, א האמער,

האָט געגעבן מיר (שוין געשאריעט בלייך אויף טאָג) אין קאָפּ,
ווי אין א וואנט,
און איך האָב אזוי אי זיך אין אלעמען, דערקענט.

נעכט פון קריזע

נעכט פון קריזע,
נעכט פון נאקעטסטער פסיכאָ-אנאליזע.
נעכט פון ביטערניש. פון גיפט.

נעכט, ווען מיט די אויגן זעסט דיין פלייש און בלוט הענגט, טריפט
פונקט ווי יעדע נאכט אין קלייט ביים קצב אונטער ליכט
אויסגעשטעלט אומישנע אי די ריפּן, אי ס׳געזיכט
פון געשאָכטענע בהמות — אויפגעהאָנגען מיט א טאָלק...
שיין און ריין. קיין סימן ניט פון קצב. ניט פון קונים-פאָלק.
ניט קיין מעסערס. ניט קיין העק. סאדיסטיש אויפגערוימט,
און אויף דער טיר א שלאָס — דער וועג ארוים פארצוימט.

נעכט פון קריזע,
נאכט פון פסיכאָ-אנאליזע,
ווען באליידיקט בלוט און פלייש בלויז העק און מעסערס זעט אין טרוים

װעכטער, װי האלט עס מיט דער נאכט?

װעכטער, ווי האלט עס מיט דער נאכט?

ווי מע פּיקט געוויינלעך אויף אן איי,
האָלט איך אלע נאסן-לאָפּזן אויפגעמאכט
און ארויסגעלאָזט פון זיי,

ווי פון א פויגל-שטייגעלע, דאָס ליכט —
די טרויעריקסטע גאָלדענע שוואלבן,
וואָס נאָך דעם ערשטן פלי — א קראנקן קרייז א האלבן —
האָבן מיך מיט דעם געטאָן אויך זאלבן.

זיי, די גאָלדענע שוואלבן,
אין די שנאָבלען מיט די ליכטיקסטע געזאנגען,
פליען פריידיקע פון מיר אוועק און לאָזן דעם באפרייער זייערן געפאנגען.
וועכטער, וויפל מאָל עס האָט זיך דאָס מיר אויסגעדאַכט?

אין א קרייז א האלבן
הער איך ווידער איבער מיר די זעלבע שוואלבן,
וואָס איך האָב באפרייט... צוריק געפאנגען
זיי עס האָבן גאסנקינדער און צו מיר זיי אויף דער האנט געבראכט —
אין די שנאָבעלער — די ליכטיקסטע געזאנגען.

און צום צווייטן מאָל די גאָלדענע שוואלבן
טוען פון דאָס ניי מיך זאלבן
בלילה הזה — אין דער דאָזיקער נאכט.
וועכטער, וויפל מאָל האָב איך שוין וועגן דעם געטראַכט?

ווי מע שניידט א בויך אויף, וואָלט איך אויפגעמאכט
דעם אספאלט — דאָס אויסגעפרעסטע בריסט-העמד פון דער שטאָט,
און איך וואָלט זיך אויסגעמישט אזוי מיט אירע גרונטן,
ווי דער מוילוואָרף — מיט איר אונטער-ערד פארבונדן.

וויפל מאָל אָט דאָס געזאָגט שוין מיר עס האָט
די שטים פון די, וואָס אין דער פינצטער זיך פארנעסטעט האָבן
און געגראָבן,
ביז די שיינע איבערדעק, דעם שוך-וואקס-גלאַנץ, זיי האָבן דורכגעביסן
און דאָס פאלשע טישטוך פון דער שטאָטס רייך-אָנגעפרעטן טיש
אראָפּגעריסן.

נאָר אָט בין איך אין דעם איינגעווייד שוין פון דער מעטראָפּאָלעס
טיפע נויטן —

אין די געדערים אירע, וווּ דער אַרבעטער דאָרט גייט מיט אַ
לאַמטערן רויטן,
און איך ליג שוין אין דער שוואַרצערד, אין די פלאַסטנדיקע
אונטערהויטן,
מיט די אַרבעטס־קינדער — מיט די גאָלדענע שוואַלבן,
וואָס מיט זייער ליכט צום דריטן מאָל אַזוי מיך זאַלבן
בלילה הזה — אין דער דאָזיקער נאַכט.

וועכטער, וויפל מאָל האָסטו פון מיר אָט דעם געדאַנק אַרויסגעבראַכט?

שטאָט אין פּראָפיל

קאלעא וואקארעשט [1]

שלאָפט די נאכט אויף שוועל פון שענקען,
ציט זי אוים די פים צום פייער
אויף דער גאס — די פים וואָס קרענקען
שווער־רעוומאטיש ניט פון האיאָר,

נאָך פון רוסיש-טערקישער מלחמה
טוען זיי מיר ווי... נאָר גאָרניט —
אָט אזוי מען לעבט, ארום — קיין האָר ניט
זיך פון דאן געענדערט. מיט נשמה

ברענען פייערן... פּאָפּשויעס
בראָט מען אויף די טראָטוארן.
אויפגעשטאנען סליחות גויעס —
רויטע קוילן און מטבעות שארן.

און די קרעטשמע-גערטנער זידן...
ס׳זיצט א קצב, ווייזט עשירות.
די לבנה פאר דעם יידן
זינגט, ווי פּעפּי ליטמאן [1], זמירות.

רוף זי צו און משקה שטעל איר.
זע: איר טעלערל פון הימל
ווערט א פולער קעטע [2]־טעלער...
ניין. ס׳איז שטערן... כ׳רעד פון דרימל.

---

[1]) קאלעא וואקארעשט — די געוועזענע יידישע געגנד אין באַיארישן בוקארעשט.

[2]) פּעפּי ליטמאן, א באוווסטע יידישע ווארייטע-זינגערן.

[3]) קעטע — דער אָפּצאָל, וואָס דער אקטיאָר אליין זאמלט איין ביים קרעטשמע־עולם מיט א טעלערל אין דער האנט נאָך דער וואַריטע־פּראָדוקציע.

קיל... דאָס פייער טאָר ניט שטאַרבן.
האַלט עס אויף נאָך, וואַרט פון דיכטער!
מיר א גאַנצע נאַכט זיך שאָקלען
חצי שיכור, חצי ניכטער.

דער „ישׂמחו"־טריאָ"

ער — דער פידל־שפּילער דאָ — איז נאַיע שחור, דער עגיפּטער —
ארץ־ישׂראלם געליבטער.

זי, די אַלטע שפּילערן, די קליינע יידענע ביים פּיאַן —
דאָס לאַנד כנען.

און די זינגערן מיט ציין פון סאַמע גאָלד — איז די מילך און דער האָניק
אין צעבראָכענעם פּאָלאָניק...

מיטן קעסע־טעלער איז זי נאָך ארומגעגאַן ביי פּרעהן אין מצרים,
און, ווי אַלע זינגערס און טענצערס, געווען געטריי אים.

נאָר ווען משה האָט גענומען שטראָפן אים מיט: דם...
צפרדע... איז זי אויך אַנטלאָפן מיטן ים.

אין איר שטים האָט זיך באַזעצט א לאַנג־ארויסגעוואָרפענער
כאָר־שול־באַס,
דאָך בפירוש אויף איר דעקאָלטע מיט רויטע באַנקעס שטייט געשריבן:
חוה בת...

אָפּגעזונגען, קויפט זי אוים ביים יידן מיטן קוישל אַלע ניס,
און זי נעמט זיך קנאַקן... ווייניק עולם, ווייניק חדווה איז.

שפעט. די אלטע, קליינע יידע:ע, וואָס דרימלט לעבן פּיאַן,
וויל שוין, נעבער, שלאָפן. אָרעם, חרוב לאַנד כנען!

אפשר וועט איר נעמען, מומעניו, א שווארצע קאווע?
נאיע שוואַרצער, ווער אויך דו, „פארשווארצט" מיט מרת חוה.

אויף מיין חשבון. קעלנער, זיי מכבד אויך דעם יידן מיט די ניס:
ס'איז מאלווינעס טאטע. אונדזער בעסטע פּרימאַדאָנע זי געווען דאָ איז...

ס'קרייען הענער... קאלעא וואקארעשטער נארישע און פוסטע הענער.
איך דערוויל אין גאנצן קרעטשמע-גאָרטן בין געבליבן איינער.

מאכט זיך, אז פון אומעט כ'בין געשטאָרבן. כ'ריר מיך ניט, בלייב זיצן,
און איך לאָז דעם דרימפּלנדיקן טריאָ אויך אויף מיין מצבה קריצן:

„ישמחו, אוי, ישמחו במלכותך"...

Finita la melodrama

הערש איז געווען אמאָל א לייב —
א געזונטער און א זאטער,
ווען זיין ברודער לעאָ בערגער
האָט געשפּילט דעם ערשטן קאָמיקער
אין יידישן טעאטער.

כאָטש ער איז געווען
נאָר דער נושא־כלים הינטער די קוליסן —
דארפט איר וויסן,
אז אין „פופסיק"[1]
האָט ער אויך געשפּילט דעם בער.
גאָרניט איז פאר אים געווען ניט שווער.

[1] פופסיק — אן אלטע יידישע אָפּערעטע.

ווען די טרופּע
איז געווען אין וועג אין שלעכטע צייטן,
און מען האָט אמאָל געדאַרפט אויך פאַסטן,
האָט געטראָגן הערש אויף זיינע פּלייצעס
דער סוברעטקעס שווערן קאַסטן.

די כאָריסטקעס חילן אַלע
אונדזער הערשן פאַר א חתן.
ווייל הערשלס כלה
ווערט פאַראייגוועגס אויך די שוועגערן
פון לעאָ בערגער.

איז געוואָרן אָבער שלימער, ערגער
אינעם אַלטן ייִדישן טעאַטער.
נישט דאָס שפּילן, נישט די פּיעסן,
נישט דאָס פּובליקום... פאַרגעסן
האָט מען, וואָס געווען ערשט נעכטן.

קאָן מען דען אזוי א דור א גאַנצן שעכטן?

לאָמיר זשע דערמאָנען די „געפאַלענע"
מיט דעם לידל,
וואָס אַליין געזונגען האָבן זיי צו דעם געשעכטן:
„גאָט און זיין משפּט איז גערעכט"...

א צעבראָכענער, א יורד,
דרייט זיך הערש שוין אום די נעכט
אין די קרעטשמעס. אונטער אָרעם
טראָגט א סלוי מיט ניסלעך
צו פאַרקויפן.
שטייט ער, שמייכלט טראַגיש-לאַקריץ-זיסלעך,
ווי דער העלד אין לעצטן אקט פון „חורבן ירושלים".

אין דער רייע אים
עפענען זיך אַלע קיניגלעכע הויפן
פון דעם גרעסטן הויף-פּאַראַדע-מייסטער —

יאָזעף דער לאַטיינער,
און א מלך נאָך א מלך (יעדער
אין דער „גילדענער“ שפּיל-קרוין זיינער)
קומען, נייגן זיך פאר אים און ניסלעך קויפן...

אָבער ווען דער פּדיון גראָד אזוי
איז ביי אים אין ברען אין סאמע
(אויף זיין קאָפּ טוט אָן א קראַנץ פון שטרוי
די שטרענגע, שווארץ-פארשלייערטע דאמע...)
הערש פאַרלירט דאן אויף דער ערד דעם סלוי
מיט ניס פון אונטער אָרעם,
און צעברעכט זיין אָרעם
— הארץ
Finita la melodrama!

דער בלינדער פאָלקס־זינגער

מיטן זעכצנטן טראַמוואַי דערפאָרט ער ביז דער גרויסער האלע
יעדן טאָג שוין אין דער פרי. דאָרט שטייען אלע

רוישיקע ציגיינערטעס מיט הויכע שטעקענעס, וואָס וויזן
אין דער הייך — דאָרט אויף די בערשט אויף זייערע צו קאַלעכן
די הייזער

ווי ער שטייגט נאָר אראָפּ פון טראַמוויי, איז בלייבט ער שטיין פאַרלוירן
מיטן פידל אין פאטשיילע און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן.

צו די קרעטשמעס מיט געבראָט'נע פליישן ביי דער דימבאָוויצע[1],
מוז ער זיך דערשלאָגן. דאָרטן מיט ציגיינערישער מליצה

[1]) דימבאָוויצע — דער טייך, וואָס אויף זיינע ברעגעס איז געבויט בוקארעשט.

מאָלט ער אויף זיין פידל ווייך דעם טונקלען וואלד, א פעלד מיט
שאָף און רינדער
און דערפאר א שטיקל פלייש דאָרט ביי די טישלער קריגט צו נאשן
אָרעמינקער זינגנדיקער זינדער!

אָט דאָס בלאָ־דזנדיקע שעפעלע, וואָס ער באקרעכצט אין לידל,
קומט אין קרעטשמע, לאָזט זיך קוילען דאָ — פארנארט פון
זעלבן פידל...

איילט ער זיך נים. שטייט ער. צוויי ציגיי־ערטעס מיט שטעקענעס,
וואָס וויזן.
אין דער הייך, — דאָרט אויף די בערשט אויף זייערע צו קאלעכן
די הייזער. —

וואקסן באלד אוים לעבן אים און, ווי נעוויינלער, נעמען אים אין אָרעם,
גייען שנעל מיט אים דעם וועג אריבער ביז צ׳א קרעטשמע. וואָרעם

צוליב וואָס זשע מיט טראמוויי דעם זעכצנטן דאָ קומט ער ביז
דער האלע
יעדן טאָג און פרי אזוי? פירן זיי אזוי אים אלע,

ווי א חתן, ווי א פרינץ אן אינדישן... די שטעקענעס, וואָס וויזן
אין דער הייך — דאָרט אויף די בערשט אויף זייערע צו קאלעכן
די הייזער —

זאָגן, דאכט זיך: שטעלט אייך פאָר, מיר זענען פאלמעס, פעכער...
און זיי ווערן אויף די אקסלען דאן געטראָגן עבּעס העכער,

העכער...

די בוקארעשטער פרומע יידענע, די ציגיינערטע און דער ווינט

ענדלעך —
אין הייסן חודש תמוז,
און דערצו נאָך גראָד אום זונטיק,
האָבן אָנגעטרונקען זיך מיט טונקל-בלויען ווייַן, ווי טרויבן,
כמארעס. זייער ווייבער, קילער שאָטן
פאַלט אויף אלע שויבן.

האָט איין פרייַלער-שיכורער וואָלקן
שווער ארויפגעלייגט די לאַבעס
אויפן קאָפּ פון שמאָלן יידישן געסל,
ווו אָט דאָ, אין בוקארעשט, אום זונטיק,
פונקט ווי אין מאָלדאָווע, [1] אום שבת, —

מיט דער צאינה־וראינה
זיצט אין דרויסן מומע העניע...
ס'איז א יידישער פּייזאַזש דאָך פון רומעניע!

בלייבט די יידענע —
אן ארץ־ישׂראלדיק שטיק פרומע ערד,
און פארקערט:
מיט געפארבטן הימל טוט זיך יאגבע טישן

די בּאָרוויסע ציגיינערטע, וואָס איז געקליידט אין
גרין־ראָז־בלויע טענער —
זיי דערמאנען אונדז אין ערב־רעגנדיקן קריי פון הענער...
די גראָטעסקע פארבן אירע מיין נשמה איצט דערפרישן!

---

[1] „מאָלדאָווע" ווערט פון די רומענישע יידן ארויסגערעדט מיטן טראָפּ אויפן ערשטן טראָף.

„האינע וועק“ [2]
„האינע וועק!“

פילט זי, אז דער זונטיק-רוים איז פוסט אין האָט קיין ברעג...
גייט זי לייכטער, איידעלער אלץ טרעט
אויף דער שארף
פונעם זונטיקדיק-באטאָגן געשמאקן שלאָף,
וואָס איז היינט אָ דאָ (פונקט ווי אין דער מאָלדאָווע אום שבת)
צוקער-זים
אפילו אונדזער אלטן פרעדיקער, דעם רב...

שטיל. די הויכע, גאקעטע ציגיינערישע פים —
זיי ליגן אוים טריט — קאָרטן...

גיט א קוק דער ווינט, צעווארפט,
לייענט תיכף איבער: דאָרטן
סטרויעט אָן זיין הארף
דער וואָלקן...

שטעלט דער ווינט אקעגן אים אין מיטן גאס זיין אָרגל,
(ווי זיין שפילקאסטן דער מוזיקער מיט דארן גאָרגל,
און מיט בלויע ברילן),
ווילד קאָמאנדעוועט די כמארעס,
ביימער, בלעטלער, פייגעלער און גרילן.

גאָר ווען ט'אויסגעפעלט אים
אן הערצאָישער פינאל פון העלע טאצן,
האָט זיין אומגעזעען שטעקעלע געצווונגען
גראָד דער מומע העניעם אָרעמע צוויי שויבן
טראגיש פלאצן...

דאָס האָט די ציגיינערטע פארקלעמט ביים הארצן —
גאָר-גאָר שטארק פארדראָסן,

[2]) האינע וועק — אלטע קליידער.

האָט זי אויפן ווינט איר שרפה-מיילעכל געעפנט און
געגאָסן
פעך און שוועבל אויף זיין מאמען,
אויף זיין טאטן — ביז כריסטאָסן.

ווער געזען זי דאן — געזען די באָבע יאכנע.
אירע קללות, ווי א שווארצע פייגל-מחנה,
האָבן סוף-כל-סוף דעם ווינט צו אירע ראָבן-פיס געוואָרפן,
און דאָס רעגן-ליד מיט דונערן און בליצן,
האָט, ווי זיבעציק גבורים-הארפן,
ווי דער תהילים, וואָס פון דוד,
אונדז אין הייליקייט געוואָלט פארשרפן...

אנע מיט דער פיאנע און דער מלאך דומה

(פראגמענט פון א פאָעמע)

I

אנע די פיאניסטן און דער מלאך דומה
האָבן אין מיין היינטיקער פאסירונג זיך געטראָפן —
א פאסירונג, וואָס באדארפט נאָך קומען פארן קלוגן
מלך שלמה.

אט למשל וכדומה,
ווי די מעשה זיך פארלאָפן.

אנע מיט איר ווינאָרט אויף דער ערד
אין דעם פאסטעך בוקורס שטאָט, וואָס רופט דערפאר
זיך: בוקארעשט,
שפילט ביים פיאן א גאנצן אָוונט אין א שענק אויף
וואקארעשט —
אין דער נאס פון טעמפלען-יידישקייט און נאָך א גרויסער,
מאמע לשונדיקן יידן-רעשט.

מיט די זעלבע אלטע פינגער
קלאפט זי אויף די ביינדלעך פון טאַפּטשאַן א „ישמחו“,
א „טאננאָ“
און די נעבעך — זיי זענען לאנגע, לאנגע...

האָט זי צייט ג ענוג צו טראכט אי פון אירע קרענק,
אי פון איר מאמעס.
יעדן טאָג זיי גייען ביידע פאר זייער שטוב א שעה שפּאַצירן.
אונטער אָרעם טוט די טאָכטער שוין די מוטער פירן,
און ביי אלע פענצטער שושקען זיך די שכנים:
„אונדזערע דאמעס!“

אָבער חוץ פון קרענקען,
נעבער, האָט גענוג נאָך אנע אויף צו דאנהן, דענקען.
דאָס צו טרעפן דארף מען גאָרניט זיין קיין נביא.
איז בשעת די קרעטשמע הודעט, ווי א באָן,
זעט אוים אנעם פרומע, חרובע פלייצע ביי דעם פיאן,
ווי די כותל המערבי...

קומט איר ניט פאר אירע ליידן,
אז אין שלאָף, ווען כאפט אמאָל אין שענק א דרימל,
זאָל זי זיצן אויף א גילדענער שטיל אין הימל,
שפּילן דאָרט פאר די צדיקים: הענדל, באך און היידן —
קומט איר ניט פאר אירע ליידן?

פעלט אין הימל אָבער אויך גערעכטיקייט.

קוים שאריעט שוין אויף טאָג. די אלטע מויד לבנה גייט
טריט ביי טריט נאָך אנע דער פיאניסטן אויף דער ערד.
וואָס די חברטעס צוויי טענעהן איין אזוי, האָט קיינער
ניט געהערט.
אָבער אלטע מיידלעך ריידן ניט, נאָר שפּיגען
זייער טיף אינטים געשפּרעך. מיט פליים פון בינען.
העפטן זיי די ווערטער אוים, ווי מיט א נאָדל, און
פארוואָרפן ביי די זויטען
מיט א פרישן, בענקענדיקן פאָדעם זיידן...

צאַרט אין דעמערס שלייער ביז די אויגן הילן זיך די
טרוימען.
אויפן הימל-טראַטואַר עס גייען קאַפּ-צעש:יבערט: הענדל,
באַד און היידן.
די פּיאַניסטן שיקט אַ הייסן בליק צו זייערע קאַלטע
כמאַרע-סילועטן,
וואָס מיט זייער קוק — זיי אויך צוריק זי
הימליש-גלעטן.

קילער ווערט איר עפּעס אין די אַלטע ביינער. פונעם
מאָרגן-ווינטל?
זי פאַריכט אויף זיך די בלוזע... אַט איז ש:ין די זונה
מיטן הינטל.
תמיד ביי דעם ווייסן קלויסטער... וו איז ערגעץ היינט
די קורצע, דיקע?
אַט — אָ שטייט זי טאַקע... אייזלע אַנע טראַכט פון
זיי בשתיקה.

זיי — צוזאַמען מיטן, פון דער אַלטער שטאַט
שטעט-נאַכטיש-שאַרף זיך רויבערדיקן, ריח שווערן,
זענען פאַר איר נאָז — איר שוואַכקייט: טאַביק שמעקן,
קאָן זי שווערן...

נאָר דער מלאך דומה האָט דאָס אַלץ באַנומען אַנדערש,
דאַרף מען קלערן. —
עפנט אויף איך, שערי-רחמים, אַז די רייד פון אַנעס
מליץ-יושר זאָל מען אויך דערהערן!

II

אַנע די פּיאַניסטן, וואָס זי האָט געהאַט אַן אַלטע מאַמע
נאָך צו שפּייזן
איז געשטאָרבן. האָבן אָנגעהויבן אויף אַן אמת אירע
הימל-רייזעס.

דאָ — איר בייז באַנגענגיש מיטן מלאך דומה.
ער אַנשטאָט צו פרעגן: מה שמך וכדומה,
איז באַגנוגט זיך איצט שוין אויף דער עלטער
בלויז אַ שמעק טאָן צו אַ נייעם מת און ווייסט שוין צו באַשיידן
ווו צו שיקן אים: אין גיהנום צי גן־עדן.

אונדזער אַנע
(אויף דערציילן דאָס, מיין וואָרט צו אָרעם איז און בלייך)
מיט איר איינגעזאַפּטן קרעטשמע־ריח,
מיט אויף איר, ווי שטויב אויף קלייד, געפאַלענעם געררוך
פון נאַטיש־בלאָנקנדיקע גאַסן־פּרויען,
האָט אַליין געבראַכט אויף זיך דעם גרויסן טעות.

טועה
זיך געווען דער אַלטער מלאך
מיט זיין נאַנצער זיכערקייט שוין פון אַ קלויסטער־גלח,
וואָס אַ ביסל ייִ״ש אים טוט אַן איינגענומען – שאַרפן־צופּ
גלייך אין דער נאָז...

דאָס —
געמלער, די רויטן קאַזיאָנע פונעם מלאך דומה
האָט אין שוואַרצן פּאַס געפאַנגען די לבנה —
אַנע די פּיאַניסטן,
און ער האָט זי אָפּגעשיקט אין שאול תחתיהדיקן וויסטן
צימער פון די גאַסן־זונות...

מיין בענקשאַפט נאָך יידן

נאָך מיטן ערשטן אָנצינד פון עלעקטרישן ליכט,
האָט זיך אין אַ יענעם אָוונט אָנגעצונדן מיין געזיכט
מיט אַ פלאַמענדיקער בענקשאַפט נאָך יידן...
(ווי זי פלאַקערט אין די שריפטן ביי י. ל. פּרץ!)

האָט א שאַרפער ווינט געשמיסן מיר אין פנים:
— דרך ארץ!
דרך ארץ!

אָבער איך באַפוילן האָב מיין פענצטער פליען,
און כ'בין אָנגעקומען — מיען זאָל מיין שויב זיך, מיען! —
אין דער גאס פון יידישע קליטן, טעמפלען, קלויזן.

האָב איך מיך געכאַפט, אז בין אין קאָפּ אין בלויזן.
אז קיין סימן בגד ניט אויף מיר — האָט מיך ניט געאַרט,
און איך האָב געזוכט און האָב געוואַרט
ביי אַלע מיט געהיימער ערמה זיך באַהאַלטענדיקע שול־הויפן,
צי איך קען נישט דאָרט א יאַרמעלקע אויסכאַפּן מיר, צי קויפן.

אז אויסכאַפּן איז פיל גרינגער — האָב איך באַלד פאַרשטאַנען.
נאָר ווי איך בין אן אָרענטלעכער מאַן,
האָב איך בעסער מיט א יענעם ניגון,
וואָס האָט בלעטער שוין, וואָס וויאַנען,
צו מיין פאָלק, וואָס איז געגאַנגען דאַווענען,
אַראָפּגעשריען:
— אַלטע יאַרמעלקעס!
אַלטע יאַרמעלקעס!
ס'איז געקומען קויפן יאַרמעלקעס אן עראָפּלאַן!

האָט מיין יידיש פאָלק צוערשט געטאָן א שפּאַן
אהער, אהין,
און זיך אויפגעהויבן און גענומען פליען,
קלאַפּענדיק ביי דער ערד מיט זיינע לאַנגע פאָלעס,
ווי איבערגעשראָקענע הינער מיט די פליגל...

האָב איך אויף זיין רוקן פייעריק געלייגט דעם שאַרלאַך־
רויטן זיגל:
גלות!
און דערווייל אין אָוונטיקן גאַסן־טאָל איז
יעדער ברוינער ייד געהאָנגען אויף די ברענענדיקע, ווילדע,

נעלע, רויטע פארבן פון די קלייטנס טירן, פענצטער,
שילדן.

האָב איך גוט געזען, אז זענען צוגעקלעפט מיט שפייעכץ
בלויז.
האָב איך זיך אראָפּגעלאָזט צו יעדן איינעם פאר זיין הויז,
אָבער ניט מיין גוף און ניט איין בגד בין איך ניט געווען
בכוח

אָפּצורייסן...

איז מיר דורכגעפלויגן דורכן מוח:
— שמייסן!

האָבן זיי זיך,
הענגענדיק אויף זייערע טירן, פענצטער, שילדן,
געהאָרכזאם אויסגערדייט צו מיר מיט זייערע הינטנס,
וו אן איינגענייטער אָפּגעשפּאָרטער גילדן,
האָט געגלאנצט אנשטאט א לאטקעלע אין יעדן הויזן־לעכל.

האָב איך מיך געטאָן שנעל א בארעכן:
היות איך דארף רחמנות האָבן אויפן פריון,
זאָל איך פריער באשפּייען די מטבעות
און דערנאָך ערשט שלאָגן מלקות —
ווייל גראָז דאָס פאָלק איז!
גראָז דאָס פאָלק איז!

האָבן אויף די שוועלן זיך באוויזן זייערע טעכטער —
יידישע טעכטער — מלכות!
און זיי האָבן מיך געפרעגט בלויז מיט א פרומען אויגן־
סימן:
— אזא חתן בחור האָט אפילו ניט אויף זיך קיין רימען?

האָט אויף מיר דערמונטערנדיק א ווי געטאָן דער גאנצער
יידיש־צארטער כלה־מירל־פלאטער
פון די טעכטער פון מיין פאָלק, וואָס איז געהאָנגען

אויף די ברענענדיקע, ווילדע,
געלע, רויטע טירן, פענצטער, שילדן,
ווי ביים רבין אויף דער קני מיטן פנים אראָפּ.

אויף די פינגער־שפּיץ מיט צניעות-חן געגאַנגען,
מיט די רוקנס צו מיין נאַקעטקייט —
ריי נאָך ריי
האָבן זיי
ביז צו מיר געטראָגן זייער שענסטן גאָב:
אַטלעסענע קליידער מיט און אויסגעהעפטער
יאַרמעלקע אויף קאָפּ.

איז געווען,
ווען
ז'האָבן אָנגעקלעפּט מיר אויך א סימן באָרד —
האָבן זיי צעלאַכט זיך מיט די אויפגעגלאַנצטע
יידישע פיר טויזנט יאָר אין די זיידענע
שוואַרצע אויגן מיטן יום־טוב־פינטל דאָרט
און אַרויסגעבראַכט דאָס זינדיק־שווערע וואָרט,
— פיר אונדז שמדן!...

האָב איך תיכף מיט דער האַנט זיי אָנגעוויזן אויפן גרז,
וואָס ער בלישטשעט טרויעריק אויף דער הויזן־פּלעכע,
פון די, ווי אין א זאַזערעכע,
אויפגעדעקטע הינטנס פון די אָרעמע טאַטעס,
און אין איין שמע ישראל
בין איך פון מיין פּאַק אויפגעפלויגן,
וואַרפנדיק אראָפּ אין גאַסן־טאָג
דעם אָנגעגעבענעם טיר רעקוויזיט
מיט —
הייליקע שמאַטעס...

אינטערמעצאָ אין דריי מוזיקאַלישע מאָמענטן

(פראַגמענט פון דער פּאָעמע „מײַן לוויה")

.1

דין דאַן!
דלין — דלאַן!

א פאַעטאָן!
א פאַעטאָן —
גלייך פון קעניגלעכן הויף!
מיטן קוטשער איך אים קויף.

באַלד באַווייזט זיך רויטער פעס.
אונטער אים — דער שלאַנקער, שטרענגער פּריץ.
ר'איז געווען א שטאָלצער מענטש און איז א שטאָלצער מת.
דער מחבר פון „בר כוכבא". תיכּף מעלדעט זיך דער גאַליציאַנער חרוץ
וועלוול זבאַרזשער. ער גלייך מודה איז,
אַז עס איז נאָך דאָ אין קאָטש א פּלאַץ פאַר ראובן אשר ברוידעס[1].
איך אויף קעלניע לעבן קוטשער זיץ מיר. אָט אַזוי אין פּירן
לאָזן זיך שפּאַצירן.

אַלע (ווי צוריק מיט פופציק יאָר געווען ביי זיי די פירונג) אין די רויטע פעסן,
ווי באַזונדערס פלעגט געפעלן זיין צו טראָגן דעם פּראָפעסער פון די פּיעסן
מיט זיין היגן ערשטן יידישן טעאַטער-דירעקטאָר מאָריץ ליבלער,
ווען מען האָט אויף זייער פאַעטאָן געקוקט פון אַלע טויערן און שטיבלעך.

---

[1]) ראובן אשר ברוידעס האָט עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אין רומעניע.

כ׳ווייס ניט, וויפל ס׳האָט ביי אונדז געדויערט דער שפּאַציר.
מיין פּאַטעטאָן, איך זע, ניטאָ מער, און מיר זיצן אַלע פיר
אויף דער קאַלטער ערד. יעדער זאָגט: איך פריר...
און כדי זיך אָנצוואַרעמען — „פּלאַקער, פּלאַקער, פייער"
ברומען מיר.

א ציגיינער־קינד צום גליק אין אונדזער מיט וואַקסט אויס
מיט א פידל, וואָס איז צוויי מאָל, ווי דער פידלער, גרוים.
„פּלאַקער, פּלאַקער, פייער" —
צום ציגיינערישן יאַפּל טוליען מיר זיך נענטער, טרייער.

קינד זיין פידל פאַר די אויגן אונדזערע צעברעכט,
נעמט אַרויס פון בוזעם א פּאַפּשוי, אים זיינע בלאָנדע האָר
צעפּלעכט,
און ער קאַכט אונדז ביי דעם האָלץ פון פידל א פּאַפּשויענע
ווערשערע... פאַר וואָר:
ס׳איז שוין נישט דאָס ערשטע יאָר.

נאָך דער סעודה הייב איך אויף מיין שטים און זאָג אזוי,
זייענדיק מצרף אויך דאָס שוואַרצע באָרוויס קינד, דעם „גוי":
— רבותי, מיר וועלן בענטשן!..."
ווערן סילועטן באַלד פון אַלע מיינע מענטשן.
כ׳קוק מיך בעסער צו — ס׳איז קיינער ניט פאַראַן.

וואָס זשע הייסט עס? ביי מיין מטה־פּיאַן —
ביי דעם זעלבן, וואָס אויף אים איך ליג, ווי פריער אין מיט גאַס,
זיצט אַליין באָרוויס, דאָס קליין ציגיינערל און שפּילט, פאַרפּאַסט
פאַר זיך א לידל: דין־דאַן.
דין־דאַן.

.2

דין־דאַן —
צווייטער מוזיקאַלישער מאָמענט וועט עס זיין.

ווידער אויף דער קאַלטער ערד איך זיץ.
ס׳טוט א פייף א מייזל. הויך אין הימל שניידט א שטערן־
פייל א לאַנגגען קריץ

פון דער איינציק פרומער יידישער ביכער־קראָם סופרין,
וואָס א חוץ א פארמלחמהדיקן ניו־יאָרק־„פאָרווערטס" האָט
זי אויך א הערצל־בילד פון ווין,
קומט א מויז אין אייל־געלויף מיט צוגעגנבעטער מזוזה אויפן
פיצל רוקן,
און דערזעט מיך ליגן דאָ אין מיטן וועג און שטעלט זיך אָפּ מיך
גוט באקוקן.
נעמטערט זיך און נענטערט זיך צו מיר, זי וועט מיך באלד
באשמעקן.
הייסט עס, איך בין טאקע טויט... דארף מען דאָך די פיס
אויסשטרעקן.

טרעף איך מיט די אויסגעצויגענע פיס אין אנדערע פיעטעס.
און איך בין זיך אויך משער ווער: זיין וועט עס...
אך, ווי רופט מען עס? יאָ, די קולטור־געשיכטע פון די היגע יידן...
פרייט מיך שוין, וואָס פוס צו פוס מיר ציען זיך פאנטאסטיש־
לאנג אין טיפנאכט־פרידן.
לאד איך איין מיינע פיעטעס — וויזאווי מיט מיר אצינד א ביסל
ראדיאָ הערן,
און איך טוליע צו דער ערד ביז ווי מיין אויער: האלאָ, ווארשע!
האלאָ, ניו יאָרק! האלאָ מאָסקווע!... טויב...
עס ענטפערט עפּעס קיינער ניט... וואָרן וואָס באטייט פאר זיי
דאָרט נאָך איינער מיט א פעדער קריצנדיקער ייד פון אזא מין
העק ווי דאָ איז?
פרוון איך צו די אלטע זיך דערשלאָגן:
האלאָ!... שלום עליכם... מענדעלע... אזוי ביז ס'הויבט אָן טאָגן.

דין־דאן.
שפּיל, ציגיינער־קינד, אקאָמפּאניר מיר ווייטער אויפן פּיאַן.

3.

דין־דאן.
דין־דאן.
נאָך איין מוזיקאלישער מאָמענט אלא שובערט וועט עס זיין,
ווידער דאָס ציגיינער־קינד אימפּראָוויזירט ביים פּיאַן.

ס'הייבט זיך אָן דער חלום.
אויף די טישלעך ריקן זיך ארוים אין גאס די יידישע מאכלים.
לעבערלעך מיט פופיקלעך, מיט פיש, מיט קנישעקלעך מיט
לעקעכלעך, מיט חלות —
קיין עין הרע, ווי די כלות!
הייגט די חמשה־עשר־זאכן, פורים־פלאָדן, בולקעס, אייער־קיכלעך„

וואָס זיי וואַרטן נאָר אויף טשאַפּליגס טרויער־הענט צו ווערן
צארט־באלעטנע שיכלער.
נו, מיט איינעם וואָרט: דער גאנצער „נאָך א מארק אזוינעם",
אָבער אָן א מענטש אין גאס, אָן קרעמערס און אָן קונים,
אָן כלי־קודש און אפילו אָן די טרייע, פעטע גרויסע בייבער יענע„
וואָס זייער יידישקייט איז: יידיש עסן, כאָטש א ברכה מאכן זיי
נים קענען.

פאַלט מיר איין צו שרייבן אויפן פארמעטענעם הימל־טויער:
„גרויסער יידישער מאכלים־טרויער —
פה ק"ק בוקארעשט".
טו איך עס נים, וויל עס קענען קומען אנדערע און גרעסערע
נאָך פרעסערס פונעם שכנותדיקן בודאפעשט.

האָב איך ווילד הנאה פון מיין חלום.
זיי אליין — די יידישע מאכלים —
פרייט עס אויך, אפנים. אַז מע שטעלט זיך אוים, ווי קינדער, און
מע מאַכט א טאַנץ.
פיש מיט חלה... האָן מיט קאַשקע... זע, איך אויבן, אויף
די דעכער — מענטשן אין א גלאַנץ
איז אין זייערע אויגן... נאָר, ווי טאָגולעסקון, אפלאָדירן זיי
דער האָדערקע, דער גאנדז!...

כאַפּ דיך אויך ארויף און טאַנץ דיין טאַנץ אוים, טאַנץ,
קליין ציגיינערל, קינד באָרווים, אויף די קלאַווישן פון פיאַן.
לאָז די יידישע מזונות־העפּקע נאָך התלהבותדיקער זיין!
דין־דאַן.

איך בין דער דיכטער
פון קאלעא וואקארעשט

איך בין דער דיכטער
פון קאלעא וואקארעשט.
נו, איז וואָס? אויף וואָגשאָל די געוויכטער!
קומט פון מיר אייך אפשר עפּעס רעשט?

אפשר האָב איך נישט גענוג מיין פערז געשליפן
אָן מעטאל פון אייער ליד?
ניט ארויסגעבראכט אים פון די טיפן,
ווי דער קילער בוים דעם שיכורלעכן צוויט?

כ'וואָלט געוויס געקענט אים אנדערש פורמען:
לייכטע פיס מיט פלעקן אויפן קארק,
נאָר ווי מאכט מען דאָס, ווען שטורעמס
האָבן מיר פארהאקט דעם וועג צום מארק?

כ'וואָלט געוויס געקענט אין טעפּ־מעת לעתן
באָרגן מיר דעם פּאסטעכס פלייט צו שפּילן זיס.
עפּעס שטאם איך דאָך פון סאמעט־שעסן [1]
שאָף און רינדער ביי די פיס.

כ'וואָלט געוויס געקענט מיט מיינע פערזן
פאָרן גלייך ארויף צו דער לבנהס ליכט,
דאָרט זיך איבערקערן, שאפן קאטאסטראָפן,
ווי דער לעצטער פורמאן מיט פארשלאָפענעם געזיכט,

ווען זיין פערד זיך דיבאָם שטעלט, צערייסט די שלייעס,
פליענדיק אראָפּ פון א לבנה־בארג,
ווו ער האָט פארבלאָנדזעט, און ווו שיין, ווי שניי איז,
און צוריק ער קומט דאָ דרימלען אויפן אלטן מארק.

---

[1]) שעסן — לאנקעס.

כ׳וואָלט געווים געקענט מיר דינגען אָט דעם וואָגן,
צי אן אנדערן גאָר אויפן אָרט פון דעם —
ס׳דארע פערדל פאָרט אליין — מע דארף עס גאָר ניט שלאָגן.
טיף אין בויד זיצט גאָט און אויף דער קעלניע דער בעל־שם...

כ׳וואָלט געווים געקענט פארזאמלען אויך געשעפענסטער
אויף אן אָווגט־תפלה, צי אויף רויב צו גיין מיט זיי,
ווילדע שוידער־קעפ און הענט צערייצטע לאָזן אויף די פענצטער,
און א פייף טאָן כוליגאניש אויף די פינגער מיטעלע די צווי.

כ׳וואָלט געווים געקענט אזוי אין אונדזער כעלם
אויך מפורסם ווערן, ווי איך בין א ייד.
נאָר מיין רום — איך ווייס אליין — כ׳פארשטעל אים
מיט מיין קאלעא וואקארעשטער ליד.

ווי א שיכורער אין פענצטער האָט דעם היגן קצבס פנים
זיך אריינגעשטעלט אין שויב פון מיין געמיט.
ווי אזוי פארווערן אים אָט דאָס, אז צווישן אלע „בני רחמנים“. —
אויפן מארק גאָלדפאדנס ער געוועזן איז דער גלאַוונע ייד?...

ס׳האָט זיין טאטע פלייש אויף באָרג געגעבן די ערשטע יידישע אקטיאָרן:
שכר גאָלדשטיינען און מאָגולעסקון, טאקע אים, גאָלד־פאדענען אליין.
מיר, דעם טרייען יורש זייערן, מיר א פריינט איז ער געוואָרן,
און באדויערט, וואָס איך קום צו אים ניט נאָך קיין מארעך־ביין.

ווען ער רופט אמאָל מיך זיצן ביי זיין טיש אין דער
„טשיינע“ —
ווי עס גייט ניט אויף אויך מיר זיין בלוט־און גשמיות־
גערוד,
איז ער מילדער איידלער, אויך פון פען־חברים מיינע
מיטן ליטעראריש־דופטנדיקן, טויטנדיקן קנאָה־שנאָה־שפּרוד.

און פאַרוואָס זאָל איך עס לייקענען? נאָך מיין לוויה
ער און אנדערע פון היגע עס ארצים וועלן גיין.
ארט מיך ניט, וואָס קיינער פון דער שיינער דיכטער־רייע
וועט מיך נישט באַוויינען,

נישט מצבהדיק באַשטיינען
מיט דער לויב:עזאַנגען־טרער און מיטן פייף־געוויין.

איך בין דער דיכטער
פון קאַלעאַ וואַקאַרעשט.
נו, איז וואָס? אויף וואָגשאָל די געוויכטער!
קומט פון מיר איין אפשר עפּעס רעשט?

ווייל איך וויל ניט א געשריי טאָן...

„יידענע, ניטע וויין,
דער קאָפּ וועט דיר ווי טאָן“ —[1])
יעדן אָוונט קום איך דאָ צוגיין,
און איך זאָג בלחש אָט די ווערטער,
ווייל איך וויל ניט א געשריי טאָן.

---

[1]) א פערז פון באַרימטן פאָלקס־ליד.

ווייל איך וויל ניט א געשריי טאָן
אויף מיין רווישיקער נשמה, וואָס איך זע צוטאָל
זי אויך א קראַנקע זיצן
אין די אייגענע די גראָע האָר מסתמאָ,
ווי מיין וואָלעכישע מאמע —
מיט א טיכל שטייף-פארבונדן זיך דעם קאָפּ,
און אין אויג א קאַלטע טרער, וואָס פאַלט שוין
ניט אראָפּ.

ווייל איך וויל ניט א געשריי טאָן
אויף דער גאנצער היגער טידער, מידער,
יידענעס-קאפעליע
יעדן אָוונט פאר די שוועלן אויף די טראָטוארן,
מיט א קאווע-שעלעכל אין האנט און מיט ציגארן,
און זיי הייסן קאראָלינגע צי קאמעליע,
און זיי ווייסן ניט אפילו גאָר,
אז פאר פראָגן פרעמדע געמען, רויכערן און גיין
אין די אייגענע האָר
(כ'קאָן באצייטנס איבערגעבן זיי א פרויעריקן גרוס),
ווארט אויף זיי ניט אין פרומאקישן גן עדן
קיין שום זכות...

ווייל איך וויל ניט א געשריי טאָן
אויף דעם קלאָרן קוואַל, וואָס ריזלט אין געהיים
אין דעם פרומען ליים
פונעם כלל-נעמיט געבראָכענעם, נאָר שטארקן,
וואָס ער וועט אוודאי איבערלעבן אלע אויס-
געבלאָזענע קארקען
ניט בלויז פון ראסיסטישע נביאים, נאָר — להבֿ-
דיל! - אויך פון אייגענע בעל-גאווהדיקע דיכטער,
וואָס זיי האָבן דאָ געשאָלטן אזוי ניכטער, —
יעדן אָוונט קום איך דאָ און גאס צו גיין,
און איך זאָג צו מיין פארקלעמטקייט,
און איך זאָג צו מיין פארשעמטקייט,
און צום טיפער נאָך פארקלעמטן
און צום טיפער נאָך פארשעמטן,
יידיש האָרעפּאשנע פאָלק טיינס, ווי א תפילה,

אָט די ווערטער שטילע שבישטילע:
דו ווערסט ניט אונטערגיין!
„יידענע, ניטע וויין —
דער קאָפּ וועט דיר ווי טאָן...“

ווייל איך וויל ניט א געשריי טאָן!

איך וועל קויפן מיר א קאטערינקע...

מילדע ברידער מיינע,
וואָס איר שווער זייט, נעבער, אויף דער עברי —
תורה שבכתב,
אָבער ניט בעל־פּה, חלילה,
און איך הער כסדר אייך פארגאפט.

מילדע ברידער מיינע,
אייניקלער פון קאנטאָניסטן,
וואָס אהער אנטלאָפן זענען —
דינען ניט געוואָלט דעם צאר דעם ווילסטן;

מילדע, פּראָסטע ברידער מיינע,
מיטן תמימות־פינטעלע דעם הארציק־גוטן,
אין געמיט פארבליבענע רעקרוטן —
איר, וואָס בילדעט דאָ מיין האָרעפאשנע יידיש פאָלק, —
איידער קומען נאָר צו אייך מיט רוגזה־טענות,
לעסטערן, צי שטראָפן אָן א טאָלק,
וועל איך בעסער קויפן מיר א קאטערינקע,
און אין אייערע הויפן
אומגיין שפּילן „כינקע־פינקע“

וויסטע: דער קלענסטער כבוד־יענער —
איז נאָך אַלץ דער היגער יידישער פּאָעט.
ער — נאָך אַלץ דער נעגער
צווישן זיינע ווייסע דיכטער־ברידער
אויף דער גאָרער וועלט.
דאָך אַזוי — אייך דינען מיר געפעלט!

זאָלן די נאַאיווע פייערן
פון אייערע שענק — מזבח'ן,
וואָס פאַר היימישקייט איר האָט דאָ אָנגעצונדן,
מיט התלהבות געצנדינערישן
פרום צו זיי זיך צוגעבונדן, —
זאָלן זיי אין איר באַהאַלטעניש אויך מיין
נשמה גרייכן,
זי פאַרוויכערן און גיפטיק שמאַרצן, בראָטן, —
איך באַדוויער ניט. מיין זיין מיט אייך
איך האַלט פאַר גורלדיק געראָטן.

און עס בלייבט דער טאַט פון אַלע מיינע טאַטן
אַלץ מיין שטילער נדר: איידער איך פאַראַטן, —
בעסער וועל איך דינגען, קויפן
מיר אַ קאַטערינקע,
און אין אייערע הויפן
אומגיין שפּילן „כינקע־פינקע".

„Wien, du Stadt" [1])

כ'הייב אָן פונעם עפּילאָג —
פון אויסקושן יעדע וונד פון צוואָק
אינעם אַרבעטער־מאַרטירער־לייב אין עסטרייכס
תליה־וואַלד,

[1]) געשריבן אין די טעג פונעם דאָלפוס־פּוטש.

ווו די שווארצע ראָבן (אומריין, טמא, ווי גענאָסע
מאקראָנאלד)
אויף גערוך פון פלייש
זיך צונויפגעלאָפענע — מיט קאלטער, שארפער „רייש“
און מיט אלע קלעריקאלישע הוויות
קראקן נאָך די טויטע העלדן שווארץ „משניות“,
אויף צו לעסטערן די הייליקע לוויות.

כ'הייב אָן פונעם עפילאָג,
און איך זאָג:
— „ווין, דו שטאט“[2]
מיט די עלטעסטע ווייסע דיפּלאָמאטן־האנטשו און
שווארץ־גלאנציקן צילינדער,
וואָס דו האָסט אין זיי פון תמיד אָן געשמארעט רעכט
אויף רויב,
ווי עס בעטלען ברויט, להבדיל, דיינע הונגעריקע גאסן־
קינדער
פאר קאפע־הויז־שויב, —
ענדלעך איז שוין פון דיין קאָפּ
אראָפּ
דיין ראָקאָקאָ־פּארוק פון פרומער טערטלטויב!

אין די איינענע, די ווילדע קליאַטשע־האָר —
צום נאציסטישן בערלין א פּאָר —
ביסטו פאר דער גאנצער וועלט איצט שוין געבליבן.
ביזן גרוב, דו מיינסט, דו וועסט אזוי זיך ליבן
מיט דיין זיסן אָפּערעטע־פּרינץ,
וואָס איז אויסן נאָר דיין פּויטיקע, דאָס ביסל מינץ...

אלטע צלמניצע, פּריצה עובר בטלע־דו, ווין, דו שטאט! —
טאָפּ צעבראָכענער אָן ליגדז —
זיגן סוף כל סוף וועט אָבער אלץ דיין נאָבעלער
פּראָלעטאריאט
און דיין איידעלער ארבעטער פון לינקס!

---

[2]) פּאָפּולערער ווינער וואלס.

פראנקרייך אויף דער גאס

פראנקרייך אויף דער גאס...
פונקט ווי אויף א טיש קערט איבער זיך א ברענענדיקער
לאָמפּ מיט גאז,
אויסגעגאָסן האָבן זיך די רעגאליסטן אויף די מארקן און
בולווארן,
ווו אויף אלע ראָגן שטייען נאָך ביז היינט די שאָטנס פון
די קאָמונארן.

לעבן אייזערנעם צילינדער פונעם שטאָל־פאבריקאנט
שפאנט „פרומע יארמעלקע" — דאָס חוזק־מיצל פון
מאָנסיע ארפאגאָן [1])
דער צווייטער האר אין לאנד.
אונטער אָרעם די שקאטולקע, ווו זיין גאָלדשטיק האלט ער,
הינקט ער, טאנצט ארום, געשפענסטער אָט דער פינצ־
טערלינג דער אלטער,
מישט זיך אוים און טוט א ווינק א וואָלפישן און ווערט
פארשלונגען
צווישן די פאשיסטיש־גרוילנדיקע קוילער־יונגען, —
אָט דער העלד מאָליערס און אלע זיינע די פארשידנ־
דיקסטע עקזעמפלארן
אויף די זעלבע מארקן און בולווארן,
ווו אויף אלע ראָגן שטייען נאָך די שאָטנס פון די
קאָמונארן.

ווײ! זיי קאָנען אים, דעם אלטן, ליגנערישן, שטארקן,
ארפאגאָן —
איצט בשעת אין גאס ער גיריק קלעטערט,
מיט די פאָלעס שטורעמדיק־צעוועטערט,
זיך אויפצוכאפן אויף די טעמפּע קארקן
פון צעיושעטן אפאש און אויפן סאמע שפּיץ קאנאָן [1])

[1]) דער הויפטהעלד פון מאליערס „קארגן".
[1]) קאנאָן — הארמאט (פראנצויזיש).

ער זאָל קענען געבן קלאָר די ריכטונג און דעם טאָן —
יאָ, זיי קאָנען אים דאָס גאָלד פון זיין שקאַטולקע נאָך
צעשיטן
דאָ, אינמיטן
פון די אויפגעברויזטע מאַרקן...

פראַנקרייך אויך דער גאַס...
פונקט ווי אויף א טיש קערט איבער זיך א לאָמפּ
מיט גאַז,
האָבן אויסגעגאָסן זיך די רעגאַליסטן אויף די מאַרקן
און בולוואַרן,
וו אויף אַלע ראָגן לעבן אויף די שאָטנס פון די
קאָמונאַרן.

ליידי טשעמבערלען איז געגאַן דאַווענען [1]

איך האָב היינט געטראָפן אליין די לבנה
אַרום דריי א זייגער ביינאַכט,
און כ׳האָב איר דערציילט מויל צו מויל
און פּנים צו פּנים —
דערציילט און דערביי ווילד געלאַכט:

— ליידי טשעמבערלען איז געגאַן דאַווענען.

געכאַפּט האָט אויף זיך די לבנה א טיכל
פון גאָר-גאָר א הייליקער מוידס גאַרדעראָב,
און זען קלאָר דער דייטש זאָל — דער נאַרישער מיכל —
אַז פרום איז די וועלט, מיט געבויגענעם קאָפּ:

[1] געשריבן אין די מיונכענער טעג, ווען די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט-פּרעסע האָט צעפּויקט די ידיעה וועגן ליידי טשעמבערלענס גיין דאַווענען אַלס א סגולה, אַז איר מאַן טשעמבערלען זאָל אין מיונכען „מצליח זיין“...

— ליידי טשעמבערלען איז געגאַן דאַווענען...

די שטערן — אַ זעק און באַשטערנט דעם קלויסטער,
ווו ס'קומט פאַר דער גאַבעלער ליידים געבעט,
און ווינקען מיט אייגעלער בוימלדיק־פעט
צו בלוטיקער שווערד איבער פעלקער אנטבלויזטער:

— ששש! ליידי טשעמבערלען איז געגאַן דאַווענען.

און אַלע חצופות זיך אויך אָנגעלאָפן,
געלאָזט אין די בעטן דעם זונטאָג־סאָלדאַט.
גו, זאָל ער אַליין דערווייל ליגן און פּאָפן —
זיי בעטן פאַר אים דאָך מיט פורכט און מיט שטאַט,

ווי די פרומע ליידי, וואָס איז געגאַן דאַווענען...

און אַז גאָט וועט אויך העלפן, די ליידי וועט פּועלן,
און יעזוס דאָס זאָגן וועט איר ביים אַלטאַר —
ערשט דעמלט די וועלט וועט ניט שווינען די זוילן,
און שפּרינגען קדושה, אַ טאַנץ טאָן דערפאַר,

וואָס ליידי טשעמבערלען איז באַצייטנס געגאַנגען
דאַווענען.

זעקס זענען זיי געזעסן

זעקס זענען זיי געזעסן תמיד אין קאַפע־הויז — זעקס.
נאָר אין ערשטן היטלער־יאָר
זיך געפעלט עם האָט דאָס עלטסטע פּאָר,
און געבליבן זענען איצט נאָר פיר
ביי דעם זעלבן טיש, וו זיי זיצן לאַנג ביי קריגל ביר,
צו טרינקען זייער קאַווע און פאַרבייסן מיט געבעקס.

פיר יאהודישע פראנץ יאָזעף־בערד.
איינע פון זיי שוואך זעט,
איינע פון זיי שוואך רעדט,
איינע פון זיי שוואך פארשטייט,
און איינע פון זיי שוואך הערט.

אוים שאך אפילו, אוים ביליארדן־זאלן.
בלויז די דייטשע „ווינער פרעסע" און אילוסטרירטע זשורנאלן.

אָט אזוי געפאלן
איז אויף ליידי טשעמבערלענס פאָטאָ זייער בליק.
— איינע פעשע דאמע [1]... שיק!
— היפשעם פראאונצימער [2]...
— די אָסטיודן [3] ווירדן זאגן: איינע פעטע...
— שפאסן זי ניכט, זי, שפיצבוב! [4]
— רוהע! רוהע!
— שאאון זי [5] שפעציעל איין שווארצעם קלייד איינגעצאָגן...
— ימים נוראָים־טואלעטע...

אָפגעשפריצט אזוי די פאָטאָ פעטע
פון דער ליידי מיט זייערע קיי־ און שפיי־רייד
און מיט קרישקעס זים געבעקס,
און אָפגעווישט פון איר געזיכט דעם ברוינעם קאווע־פלעק
מיט זייער ווייסן איידעלן סאלוועט־פאפיר —
הייבן זיי זיך אויף, ווי תמיד, ברוגז צווישן זיך די פיר
יאהודישע פראנציאָזעף־בערד,
וואָס איינע פון זיי שוואך הערט,
איינע פון זיי שוואך זעט,
איינע פון זיי שוואך פארשטייט,
און איינע פון זיי שוואך רעדט.

1) פעטע.
2) חנעוודיקע פרוי.
3) מזרח יידן.
4) קונדס.
5) נאט, זעט.

יעדערער פון זיי — ער קומט אהיים
און טרעפט זיין אלטע עפעס אלטער.
און יעדערער פון זיי
דערמאנט זיך אזוי קלאָר אין דער געשטאלטנער
לײדי טשעמבערלען אין איר „ימים נוראָים“-טואלעט.
„וויר זינט שאָן נאָענט צו ימים נוראָים...“ —
זאָגן מיט א זיפץ ביים עסן די פראנץ-יאָזעף-בערד
צו זייערע פרויענצימער,
וואָס איינס פון זיי שוואך הערט,
איינע פון זיי שוואך זעט,
איינע פון זיי שוואך רעדט,
און איינע פון זיי שוואך פארשטייט.

נאָר דער שמועס קלעפט זיך עפעס ניט.
דער אפעטיט —
עפעס אויכעט גאנץ קאפוט.
לײדים טשעמבערלענס „ימים נוראָים“-קלייד און הוט
האָט א בלאָז געטאָן מיט יום הדין, מיט יידישע צרות
און יידיש בלוט
אויף די פיר ווייסענקע פראנץ-יאָזעף-בערד,
וואָס צום ערשטן מאָל אזוי פארקלערט,
שלאנקע, ווי די גרויסע וואקסענע ליכט פאר א קאטאפאלק
דע לוקס —
זענען זיי געגאנגען אויסגעצויגן אין דער גאנצער ווקס
צו זייער בעט זיך לייגן שלאָפן אין געהיימען טרויער —
עפעס אומגעהויער
פיזיש-שוואכער מיט א מאָל און געבראָכענער אין מוט.

פונעם בוך דאָ

„דאָ" I

פישקע דער קרומער

דאָ פון פראָנט דערווייטערט, ווו עס לויערט מער ניט די סכנה,
אז דער שונא זאָל א שפרונג טון פון די כמארעס אינעם הימל —
שטייט די גאנצע צייט איין מענטש אליין, ווי די לבנה,
און זיין פענעץ פנים, ווי א קוילעטשל א בלייכם מיט קימל...

זיין געזיכט מיט קלייען איז פון איין קאָליר מיט טאָרבע געלער,
וואָס זי הענגט אויף אים א פוסטע און כמעט פון אים פארגעסן.
יעדער איינער טראָגט א ברויט, א פרוכט, א קוואָרט, א טעלער,
ער — דער איינציקער, דאכט, וואָס איך זע ניט, ער זאָל עסן.

כאָטש מע מערקט אין אים א גייער איבער הייזער א געניטן,
און זיין פויגליש היפן זאָגט אונדז: איך בין אייער פישקע קרומער, —
האָט ער, ווייזט אויס, אויסגעטון זיך איצט פון אלע זיינע זיטן,
ווי א הארבסט-בוים זיינע בלעטער — אָפּגעטרייסלט זיי א פרומער.

און זיין שנאָרער־האַנט פארוויאנעט שטרעקט ניט אויס זיך מאָנען עפעס.
מיט די בלויע אויגן זיינע, וואָס זיי בלאָנקען אויף די גרינע סטעפּעס,
שטייט ער אויך מיט אונדז אָט דאָ פון היטלערן אנטלאָפן,
ווייל אויך אים, ווי אלעמען, דער גרויסער אומגליק האָט געטראָפן.

און ער מערט זיך אין מיין דמיון, ווערט אויף טויזנטער געצפלט —
טויזנטער מיט בעטלער-טאָרבעס, זע איך, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן,
ווי פארטראכט עס האָט דער פיינט אונדז אלע אָנטאָן אָן שום צווייפל —
ווי פארטראכט דער קאט — די חיה אין געיעג נאָך פעטן ביסן.

צי אָט דאָס איצט פּילט דעם זיידנס קרוע בלוע-העמד אין לאַטעס?
אין זיין אָנגעשטרענגטן קלערן — אפשר ער די וועלט באַדויערט?
צי ער שטייט דערפאַר פאַרטראַכט אזוי און אומגעטרייסט ער טרויערט,
ווייל געטראָפן גאָר א באָמבע האָט זיין ביילע די האַרבאַטע?

גאָר דעריבער אזוי עלנט שטייט ער, פּישקע, אָפּגעזונדערט?
איינער אויף דער ערד — ער קוקט די ערד אָן, ווי צום ערשטן מאָל פאַרוואונדערט,
און ער זעט ניט, הערט ניט, ווי דער צוג, ער לאָזט אין וועג זיך אָן אים.
מיר פאַרשווינדן. ער אליין פאַרבליבן צו די סטעפּעס מיטן פּנים.

טרוימט ער נאָך פון הקדש, צי ער האָט אויף אלץ גאָר איצט חרטה?
אָט אזוי א קראַנקער בושל בלייבט אום הארבסט אויף אייז און בלאָטע...

די באַלאַדע פון רחמיאל דעם בעסאַראַבישן יידישן פּויער מיט זיין „אָטריאַד".

איך וויל היינט דערציילן א מעשׂה,
וואָס איז זיך פאַרלאָפן... מיט וועמען?
דאָ האָבן זיך איבערגעפּלאָנטן
פון מענטש און בהמה די נעמען.

...פון אונטער דעם דניעסטער-באַרג הויכן
ארויס די לבנה, געשלעפּט זיך,
אזוי ווי אן עמער א פּולער
פון ברונעם פון טיפן עס שעפּט זיך.

געניט גיט דער אלטער בן שבעים —
רחמיאל דער יידישער פּויער —
א קוק ווייט אהין, וו עס שפּאַלט זיך
פון הימל דער כמאַרעשער טויער.

און תיכף באטראַכט ער זיין וואָגן,
אויף וועלכן געזעסן איז מילקע —
די מוטער פון קינדער פון זיינע,
דערזען אויך זיין טעלעצע „צילקע“,

וואָס לויפט צו דער פור צוגעבונדן,
מיט סטעפּישן נאַכטישן פיבער
אין אויגן אין אירע שוואַרץ־פייכטע.
מיט איר יאָגט אויך „שמשון הגבור“ —

דאָס עקסל דאָס שטאַלטנע און שטאָלצע
מיט נאָמען, וואָס שטאַמט פון דער ביבל...
רחמיאל צוריק צו דעם הימל
זיין בליק ווענדט מיט טיפן פאַראיבל.

„א וויסטער, א פינצטערער חלום —
און טאקע אויף איר, דער לבנה!
ווען פעלט זי, ווער בעט זי, ווער דאַרף זי
אצינד, ווען עס לויערט סכנה?“

א שפּיי טוט רחמיאל דער פּויער,
און שטאַרק ער א צי גיט די לייצן.
ער פילט, אַז דאָס ליכט איצטער וואַרגט אים.
ווי וואַסער דאָס ליכט הייבט אָן פלייצן,

און וועקט אויף דעם ווייץ מיטן קאָרן,
און קעגן זיי אויך די פּאַפּשוּיען.
ער קען זייער לשון, פאַרשטייט זיי,
און קיינמאָל ער איז זיך ניט טועה.

„מע דאַרף אפשר נעמען די אַלטע,
באַהאַלטן זיך דאָ, אין די זאַנגען?“
נאָר פלוצעם צו אים פון דער נאָענט
דערגייען ניט פריילעכע קלאַנגען.

און איידער ביי זיך ער קען פועלן
צו לאָזן דאָס פורל, זיך שיידן
מיט טעלעצע, קאלב, וואָס, ווי קינדער,
ער האָט זיי געכאָוועט דאָך ביידע,

עס פליען אָן ווילד מאָטאָציקלען,
און ס'דוכט, איינס דאָס צווייטע זיי שטויסן.
דאָס זגנען די רוצחים, די קוילער —
דאָס איז ער, דער אומגליק דער גרויסער!

אלץ נענטער רחמיאל מיט פורל
צום ראָוו פונעם שטראָז זיך געטוליעט,
נאָר מ'האָט אים באמערקט שוין, דערזען אים,
און ס'האָבן זיך ביקסן צעהוליעט.

פון שמאָלן, פון פלי־מאָטאָציקל,
האָט יעדער געצילט זיך, געשאָסן,
פון גאנצן געזינגדל רחמיאלס
האָט לעבעדיק בלוט זיך געגאָסן.

געטראָפן זיך האָבן די אויגן
רחמיאלס צוערשטן מיט מילקען,
און ביידע אינאיינעם דערזעען
זיי האָבן דאָס סאמעט־אויג צילקעס,

און אויך דאָס געשריי אין די גרויסע
שוואַרצאפלען פון „שמשון הגבור“,
און אלע צוזאמען באגעגנט
דעם גרויל, וואָס צום פערד איז אריבער.

מיט בליק יענעם גרויזאמען, לעצטן
זיך אָנגעקוקט שטום, זיך געזעגנט.
איין שבועה, דוכט, זיי זיך געגעבן —
פארשטארט איינס דעם צווייטן אקעגן...
....

אין פלוג אָט־אָ דאָ רייסט זיך איבער
דער פּאָדעם פון אונדזער געשיכטע,
נאָר אנדערש דאָס פאָלק האָט געאורטיילט,
און אייגענעם סוף צוגעדיכטעט.

און איך מיטן פאָלק בין איך מסכים —
מיט פאָלק, וואָס גערעכט איז עס שטענדיק.
איז הערט, ווי די מעשׂה גייט ווייטער,
אזוי ווי דאָס פאָלק זי פארענדיקט.

...רחמיאל דער מעבטיקער זקן,
די קרעפטיקע יידענע מילקע,
דאָס פערד מיט צעפליקטע פּאָסטראָמקעס,
און „שמשון הגבור“, און „צילקע“ —

נאָך דעם, וואָס געזאָטן, געמישט זיך
עס האָט זייער בלוט דאָ צוזאמען —
זיי זענען ערשט דעמלט געוואָרן
איין כוח, געשמעלצטער אין פלאמען.

זיי פלעגן באנאבט איבערפאלן
די דייטשישע טילן, אָבאָזן —
באזונדערס, ווען ליבט דער לבנהס
געשטראָמט האָט, ווי וואסער, אויף שטראָזן.

מיט נאָך ניט געזעענער גבורה
זיי פלעגן זיך שעהענווייז שלאָגן,
די טויטע אין פעלדער פארשלעפן —
אזוי ביז ס'פלעגט אָנהויבן טאָגן.

דער פיינט האָט געציטערט: „דראקאָנען
עס פירן מיט אים נאָר „מלחמה...“
רחמיאל און מילקע און „שמשון“
און „צילקע“ — איין גוף, איין נשמה.

און האָט מען געטראָפן אין ראָוון
צענהרגטע דייטשישע גופים —
אין גרויסער געהיימניש פלעגט ווערן
„רחמיאלס אָטריאד“ אָנגערופן...
....

אזוי גייט אין פאָלק אום א מעשׂה,
וואָס איז זיך פארלאָפן...מיט וועמען?
א דאגה מיט וועמען? די מעשׂה
גערופן נקמה צו נעמען.

דאָ האָבן זיך איבערגעפלאָכטן
דער גורל פון מענטש און בהמה,
אזוי ווי עס טרעפט אָפט אין מעשׂות —
אין פאָלקס-מעשׂות פאַרבטיק-געהיימע.

דער ערשטער טאָג

דער ערשטער טאָג פון קריג איז היינט.
איך האָב אליין געזען שוין אים, דעם פיינט,
זיין האקנקרייץ, זיין פעט באברילט געזיכט,
ביים שווינג פון עראָפּלאן אין דעמער-ליכט.

אדורכגעפלויגן פאר מיין פענצטער, ווי
א וויכער שדישער מיט פייער-בליץ.
„הייל היטלער“ האָב געהערט איך אין זיין פלי,
דעם פיורערס חיה-ברום און ציינער-קריץ.

און ווי ער האָט זיך ניט געאיילט, געיאָגט,
אריינגעקוקט ער האָט אין צימער אויך צו
מיר,

און אויסגעראכט האָט אזוי קלאָר מיר, אז
ער זאָגט:
„באזונדערס טרייבט מיין שׂנאה מיך צו דיר,

צו דיר און צו דיין גאנצן פאָלק — געטריי
מיין אלטן קרייץ־צוג־טרעגערישן שטאם“..
אים האָט געענטפערט דונער־קנאל און בליי.
אויף דעבער פון דער שטאָט האָט שוין
געטאנצט דער פלאם.

אינעם בעסאראבער שטעטל

אינעם בעסאראבער שטעטל אויף דער דלאָניע פונעם טאָל
מיט די הויכע גאניקעס, וואָס שיקן צו די טעדער זייער רוף,
צו די טעדער־בערג, ווּאָס גערן אָט די גאנצע געגנט דאָ —
אינעם בעסאראבער שטעטל פארן טויער פון שפּיטאָל
איז געלעגן אויף א וואָגן־דעק א רויטארמייער גוף.

אויף זײַן געל געזיכט האָט נאָך א טרער געלעבט,
און אוודאי ניט געזען האָט ער
ווען צוקאָפּנס אים האָט מאמע־טריי געשוועבט,
און די שפּראך געוויס דערקענען איז געווען אים שווער —
אויב אפילו נאָך געריכט אים דעמלט דער געהער.

ס'איז די גאס געווען מיט פרויען איבערפולט,
און געקלאָגט זיי האָבן, ווי יום־כּיפּור אין דער שול.
ס'האָט א זאָגערן דעם ניגון מיט א צוגעטראָגן וואָרט
פונעם אלטן אוצר יידישן געשעפּט און נישט געשפּאָרט
דאָרט ארום דעם וואָגן פארן טויער פון שפּיטאָל
אינעם בעסאראבער שטעטל אויף דער דלאָניע פונעם טאָל.

און די הויכע גאניקעס, וואָס שיקן צו די טעדער זייער רוף.
זיך פארבויגן האָבן אלע צו דעם רויטארמייערס גוף.

איצט, אין אייגענעם גערანגעל

מיט די ערשטע זונען-שטראַלן בעסאַראַביש-אויסגעגייטע
אויפֿן זומערדיקן לייגען-העמד פֿון קילבלעכן גאַנצפֿרי,
ווען געוויינלעך יידן באַרוויסע אין רעקלעך לופטיקע,
צעשפרייטע,

פלעגן טרייבן צו דער לאַנקע ציגן, קעלבלעך, קי, —
איז אַרויס אַליין זיך טרייבן היינט דאָס גאַנצע שטעטל,
ווי אַ קינד פֿון וויג, אַליין אַרויסגעוואָרפֿן זיך פֿון טאָל,
אָפּגעגעבן זיך דעם שטורעם גרינגער פֿון אַ בלעטל,
אויפֿגעהויבן זיך, ווי פֿייגל, אויף דער וואַנדער מיטאַמאָל,
און, ווי זיי, געגוואַלדעוועט, געדרייט זיך אין אַ סגל.
דאָס געשריי פֿון, בושלען אין די אָסיען-אָוונטן דערהערט
דערבײַ,

און באַנומען ערשט פֿון וואַנען קומט דער קלינג פֿון
שטאָל אין קול ביי פֿייגל —
איצט, אין אייגענעם גערانגעל אונטער כמאַרע, בליץ
און בליי...

געוויין און ניגון

אין טעפּליושקע[1], וואָס באַפֿעלקערט איז אונדז ביז באַלקן,
וויינט אַ פּיצל קינד אויף שלאָפֿע קני פֿון בלייכער מוטער.
דורך דער טיר דער אָפֿענער עס קוקט אַריין אַ וואָלקן,
און אין אים אַ שטערן אַזאַ באַרמהאַרציק-גוטער.

כאָטש דער שׂר פֿון שלאָף האָט טיף מיך אײַנגעבויגן,
זיץ איך וואַך, נאָר לאָז מיך פֿונעם צוג אויף האַלב
פֿאַרוויגן.
און דאָס וויינען פֿונעם קינד — עס איז געוויין און ניגון
פֿון אַן אַלטן פֿאָלק מיט קלוגער קינדהייט אין די אויגן.

[1]) טעפּליושקע — לאַסט-וואַגאָן

ערשט געווען איז די טעפּליושקע פול מיט רווישיק לשון.
איצט דער פלאם פון רייד, ווי אונטער אש ליגט
אויסגעלאָשן.
נאָר דאָס וויינען פונעם קינד — עס איז געוויין און ניגון
פון די אלע ווערטער, וואָס זיי זענען מיר אצינד אנטשוויגן.

נעם איך זיי אויף מיינע קני, און, ווי די וואכע מוטער
איבער קינד — איך זיץ און וויג זיך איבער זיי א גוטער.
הער איך מער ניט קיין געוויינען. ס'בלייבט נאָר בלויז
דער ניגון.
אויף דער שטערן אינעם וואָלקן לאָזט פון ווינטל זיך
פארוויגן.

„אוזבעקיסטאן" II

די אלטע און די היינטיקע וועלט
אלץ העכער מיט מיר טוען ריידן.
געסטע (פון די „רוימישע עלעגיעס")

אין דער מדבר

I.

א קראכט, ווי דער שטורעם, וואָס ברעכט איין די
ביימער,
און רייסט מיטן וואָרצל זיי ארויס פון דער ערד,
א שטורעם מיט פייער — אוי, וויי מיר! אוי,
וויי מיר! —
אין שלאָף איבער מיר האָב איך דייטלעך דערהערט:

„דו ביסט ניט געקומען אהער זיך באהאלטן,
פארנעם דעם געיאָמער, די לאסט אויף זיך טראָג".
אין רויש פון געוויטער, וואָס כמארעס טוט שפאלטן,
עס בליצט און עס דונערט: „אזוי האָט געזאָגט!"...

„ניט גראָז איז דאָס האָלץ. אויך דער היינט איז א האמער
פון אייזן, מיר וועלן זיין שטארקער פון שטאָל.
מיר וועלן צעקרומען, צעברעכן זיין קלאמער —
צעשטויבן זיין עוץ"...

איך רייס אויף די אויגן. ס'איז שטיל ווי נ'אוויסטע.
און דאָס איז קיין דמיון, נאָר וואָר. שוין א שעה
דער צוג שניידט די מדבר. א שטים פרעגט וו ביסטו?
און כ'ענטפער דער שטים: איך בין דאָ. איך בין דאָ...

II.

דער צוג גייט און גייט. אין דער מדבר מיר פאָרן.
ס'איז מדבר באר-שבע צי וויסטעניש פאָרן?

העט ווייט סילועטן פון וואנדערער זיך ווייזן.
די שאָטנס פון יוצאי־מצרים דאָרט שפּרייזן ?

דער צוג גייט און גייט און איך הער ווי איך פליסטער:
איך קרובים מיר זוך אין דער מדבר דער וויסטער...

אין דער טשייַכאנא[1]

.1

ביים בוכאַרער זקן אבא באבאדזשאן,
ביי דעם סומנע, אָבער שטאַרקן, סוקעוואַטן מאן,
מיט אן אַלט־אַלט דערנער־פּייערל אזא
אין די אויגן זיינע — אַט מיט חשד,
אַט מיט אַדלער־שטאָלץ, מיט רעטעניש און סוד
פון א שבט א פארלוירענעם, מיר דאַכט, —
מיר געפעלט צו זיצן יעדע נאכט
אים אנטקעגן אויף דער בריק
מיטן אויסגעשפּרייטן טעפּיך פּערסישן פון כורש'ם צייטן נאָך,
פון א פּיאַלע טרינקען טיי דאָ, ביים אריק,
און דערביי אראָפּצוקייקלען כ'פּרוו זיך דאָך —
ווי דער פאָטער יעקב פונעם וואסער־גרוב —
פון הארץ דעם שטיין
ביי מיין פארמעטענעם ברודער אבא באבאדזשאן,
נאָר ער לאָזט ניט, וויל ניט, צי ער קאָן דאָס ניט פארשטיין.
טו איך טרויעריק א טראכט: צי מיך אויע ניט דערקענט ?
צי, ווי יוסף פאר די ברידער, זיך אזוי פארשטעלט,
כאָטש קיין זיידן העמדל ניט צעפּליקט דאָך מיינע הענט,
ניט פארשמירט אין ציגן־בלוט, נאָר גראָד פארקערט:
די וועלט —
אין מיין בלוט געפארבט, געטונקען און געוואשן
איר שנאה־העמד...

[1]) טשייכאנא — אויף אוזבעקיש טשיינע.

איןביידע ארבל טיף־פארוקט די הענט,
אין שווערער קופער־שיין פון היגן זונפארגאנג,
וואָס אין אים דאָס פייער פונעם מדבר — סנה דערברענט.
צאנקט אזוי יאָרטויזנטער שוין לאנג, —
ביי דער טיי — א גליקלעכער, ווי אין גן־עדן,
זיצט אן אלטיטשקער אוזבעק
מיט א ביאליסטאָקער ייד,
אויך שוין א בן שבעים, און זייריידן
קענן נאכט, ווי קינדער, האלב אין זיסער שרעק,
מוראדיקע מעשׂות זיך דערציילן פונעם כיטרע סולטאן
האבדול האמיד.

איך הער און ס׳פאלט מיר איין, אז איך וואָלט זיי געקענט
דערציילן פון א סולטאן א פיל גרעסערן — א לייב
און ניט קיין פוקס — פון דעם, וואָס ער אליין אין שפּאַט
זיך אָנגערופן האָט:
דער סולטאן משה לייב...

מיר וואָלטן דאָך אזוי באדארפט אים האָבן היינט אין אונדזער שלאכט!

איך טראכט:
די לאפּע פון א לייב און פון א לייב זיין ברום —
ניטאָ מער צווישן אונדז. זיין וואָרט איז שטום.
ער האָט פארמאָגט צוויי גבור־הענט דאָס שלעגל צו כאפּן פארן גאָרגל.
נערענקט זיך, ניט געשווינט האָט ער זיין צימבל, וואָס געשפּילט האָט,
ווי א אָרגל,
א הייב געטאָן אים, ווי א האק, צו פּלעטן, שמעטערן די שונאים קעפּ.
זיין שטארקער צימבל, איז שוין צעבראָכן און דער פיינט — נאָך
גאנץ און לעבט.

ווען משה לייב מיט אונדז וואָלט דאָ געווען,
און אויך געקילט די וונדן אויף די פּיס אין היגן זינגנדיקן
וואסער־קוואל
אינאיינעם מיטן גאנצן קבוץ־גליות — ער דעמלט וואָלט געזען:
אפילו זיינע גאליציאנער לאנדסלייט פון קאליישאָקער באל,
זיי טוען אויך שוין עפּעס, זעינען אויך דאָ איינגעשפּאנט
צו שמירן דעם נקמה־וואפן פארן קריגערס האנט.

און ער, דער חכם, וואָלט געוויס אַ זאָג געטון, ווי ער נאָר קען:
„יעזוס איז אַ סטאָליער געווען
איידער ער איז געוואָרן גאָטס זון —
מעגן זיי אויך דערווייל עפּעס טון“...
און איך אוודאי וואָלט געוואָלט גערן משה לייב אַ העמד באַגלייך מיט מיינעם און צוריק,
און דאָס — פאַר קענען אָנשאַרפן מיין שׂנאה ווי אַ מעסער, אין זיין בליק.

און נאָר און נאָך איך פרוים:
ער האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט, דער ווינט פאַרנאַכט זאָל זינגען אינעם בוים.
איז דאַכט זיך מיר אַצינד:
איך בין דער שפּילער ווינט,
וואָס זינגט דאָ אין דעם צעדערבוים דאָס שקיעה־ליד.
איך ברום אַזוי אַריין אין אים —
אין אַלע זיינען צווייגן — ביז איך הער שוין אין מיין שטים
אַ צווייטן רוישנדיקן ייד...

נאָר איבער מיר די נאַכט
אויף משה לייבס געבענטשטער שפּראַך
מיר הייסט שוין ווערן מיד.

דער טרעגער ר׳משיח קאָלאָנטאַראָוו [1]

צעפּראַלט האָט זיינע זילבער־מויערן
דער מזרחדיק — גינגאָלדענער קאַיאָר,
און מיט אַ רעש ווי פאַר יריחום מויערן,
עס האָט דער אייזל־קעמל־שאָף און רינדער־כאָר
אויף שליאַך און פעלד אין מאַרק אַרויסגעשיט זיך
אינאיינעם מיטן מענטש, וואָס ערלער מיט זיך.

[1]) אַ נאָמען פון אַ בוכאַרער ייד.

און צווישן זיי דעם ערשטן זע איך ווידער
ר'משיחן מיט זיין אייזעלע אין שפּאַן.
ער פּאַרט אויך היינט אקעגן זיינע ברידער —
די פּליטים, וואָס זיי קומען מיט דער באַן —
דער טרעגער ר'משיח קאָלאָנטאַראָוו.
מיט פּנים פון א לאנגן מנחה־מעריב

מע זאָגט עס קען זיין אייזל לשון־קודש,
ווייל ער אליין, וואָס בלויז בוכאריש רעדט,
איז נוהג זיך צו פרעגן פרום און סודיש
א יעדן נייעם אורח, וואָס ער זעט:
„יהודי?" און אין אויג דאָס שווארצע פלעמל
א בלינצל טוט באלד אויף זיין אייזל דעמלט,

ווי גלייך ער פרעגט אים א פּאָר תרגום־ווערטער...
ער טוט א זיפץ, און דאָס געפּעק פארלאָרט,
און לעבן אייזעלע א טיף פארקלערטער,
דורכן הייסן זאמד ער פירט די געסט אין שטאָט,
מיט ווייב און קינד, מיט קאָלדרעס און מיט קווישן —
זיי פירט, ווי דורך דער מדבר משה...

אויף דארן לייב ער טראָגט די מזרח־קליידער,
די בונטע נאָר צעריסענע פון ערלער־שווערער מי.
זיין בערדעלע, איז דוכט זיך, בלויז א פרומער נדר.
עס וואָלט געפּאַסט אים זיין א שבתי צבי
אין יענער צייט פון סאמע מנחה מעריב...
נאָר ער, דער טרעגער קאָלאָנטאַראָוו —

פארגינט זיך נאָר צו עפענען די טויערן
פון גילדענעם אוזבעקישן קאיאָר,
אין גרויסן רעש, ווי פאר יריחום מויערן,
פון אייזל־קעמל־שאָף און רינדער־כאָר,
און יעדן טאָג דער ערשטער קומען ווידער
געטריי צו רייטן קעגן זיינע ברידער

אויף אייזעלע שניי־ווייסן צו דער באַן —
משיח אין געשטאלט פון אָרעמאַן.

דאָס פאַרכטיק ליד

מיליאסן שטערן אַנגעפלויגן היינט פון מעקא צי באגדאד
ווי נאָך עפּעס וואונדערלעכעס יאָגן זיי זיך אויף דער יאגד.

קוק איך לאנג צו זיי און אויך צו זייער טיף־שפּיל אין אריק.
קוק איך אי צו זיי, אי צו דעם וועג און צו דער בריק.

זע איך קעמלער קומען אָן — אויף שמאָלער גאס א
קעמל־קאראוואן.
העכער פון די דעכער, יעדער קעמל, נאָך דער שפּאן

פון דער מערעשקע איז שנעלער פונעם קעמעלס טויזנט מאָל...
זיץ איך א פארגאפטער און דאָס אלץ אין קאָפּ פארצייכן, מאָל.

רייט פאָרויס דער מאן — ער וויגט זיך אין זיין שלאָף
אויף די כוואליעס זאמד מיט שטערן פונעם מדברשן אין־סוף.

אויפן צווייטן קעמל — זי, דאָס יונגע ווייב, דער קאָפּ אין רוים.
ס'שוועבט אויף איר נאָך גאנץ דער כלה־שלייער־טרוים.

הינטער זיי א בילד פון העלפאנטן ביין...
זייער שטאלטנער יורשל, געגורט מיט חן.

אויפן פירטן קעמל, אין א קינדערישער וויג,
פאַרט אליין ווי א פרינצעסן, זייער ציג...

מוט א ווי אויף מיר מיט גוטסקייט און מיט טרויער אָן א שיר
ס'איז די מענטשלעכע הייליקע משפּחה דאָ פאר מיר.

ס'איז דער צארטער בונד פון מענטש און ערד און איר באשאף
וואָס געלעסטערט ווערט אצינד פון מענטש — דעם נעאָ אָף

אָט דערפאר די שטערן פלאמען: ציטער, ציטער, סדום!
אָט דערפאר די רייטערס ווינן, שאָקלען זיך קוים־קוים.

אָט דערפאר ווער איינער האָט נאָר, האָרכט אין אָט די טריט,
איינעם פאָבן פון די קעמלען־ריפּן, אָ דאָס פאָרכטיק ליד.

א שבת אין סאמארקאנד [1]

היינט איז שבת, קומען, גייען מוטערס, שוועסטער,
ווייטע קרובות, חברטעס און שכנות
צו מבקר חולה זיין די טיפע זקנה —
די אריבער הונדערט יאָר שוין אלטע אביגיל,
וואָס זי האָט אמאָל געשמט דאָ פאר דער גרעסטער
אשת חיל.

ווי די מוטער שׂרה, זאָגט מען, זי געווען איז א שיינע,
און ווי זי — א שטרענגע הארנטע. אויך איצטער
זעט די יונגע שנור: א וואָרט א העכערס זאָג איר —

אין די קאלטע איידלשטיינער־אויגן
ווערן כמארעס אָנגעצויגן,
ס'לויפט אדורך א בליק צעבליצטער,
און זי טוט פון שטארקן
האלדז ארויס א שארפן קראקע:
— הָזָר!

אָדער אפשר איז דאָס בלויז נאָר לשון הרע
פון א דור א נייעם
אויף א באָבע נאָך פון ניקאָלייסקע־צייטן,
וואָס נאָך סחורות פלעגט זי פאָרן

[1]) סאמארקאנד — די אלטע היסטאָרישע אוזבעקישע הויפּט־שטאָט.

אזש קיין מאָסקווע, טעגעראַן, מצרים —
אפשר איז לצנות בלויז דאָס אַלץ
פון אירע אייניקלעך קאָמיוגישע פאַרשייטע?

זיצט דער יונגסטער עכברוש אין הויף און היט,
און ווי דער פאַסטעך זיינע שאָף, אויך ציילט
אויף א קול די ווייבער, וואָס אין טירל זיך באַווייזן
שעמעוודיק צוערשט, נאָר באַלד מיט ווייכע שריט
און אין רעגנבויגנדיקע קליידער,
נאָר ווי די אמהות אין גן עדן,
פצוהדיק זיי שפּרייזן...

פונעם טירל ביז צום הויז
(כאָטש דער מהלך איז ניט גרויס) —
זיי ווערן, דאַכט זיך, עופות פאַרביק־בונטע,
ווייל קיין איינע ניט פון זיי (אין דאָס איז דאָך דאָס שענסטע!)
גייט ניט דורך דער טיר,
נאָר, ווי אויף פליגל, טוט א הייב זיך אונטער,
און אריין גלייך צו דער קראַנקער דורכן פענצטער.

אָט אזוי די שפּיל
א גאַנצן נודנע, זומער־לאַנגען שבת־טאָג
(לאַנג ווי הונדערט מייל)
ציט זיך, וויקלט זיך פאַנאַנדער,
ביז מע זעט: זיין נעץ דערווייל
עס פאַרוואַרפט דער אָונט־שלייער בלוילעך־גרינגער.

דורך דעם זעלבן פענצטער,
(און דאָס איז דאָך דאָס שענסטע!)
היפּן צוריק ארוים די ווייבער איינע נאָך דער אנדער
גלייך אין הויז אריין,
אין זעען אוים אין אָט דער בין השמשות־שיין,
ווי אלע ערב שלאָפן־גייען־שפּרינגנדיקע הינער...

אין מאָסקווע III

1

אין מאָסקווע דער שניי האָט זיין לאַר.
איך האָב עס געזען היינט פאַרנאַכט —
געזען און געהערט אויך זיין עכאָ
אין זונפאַרגאַנג איבער די דעכער.

א קלונג געטאָן לויטער און פריש
אין גלאָז פונעם פראָסט, אין געמיש
פון ווייס און פון ראָז אונטער שלייער
פון גרוי, וואָס צעפעכערט זיין ווייער.

דאָס לאַכן גייט איבער אין שמייכל,
וואָס קוקט פונעם שניי־בליץ ארויס.
פאַרוואַנדלט איז איצט אין א היכל
דער אַלטער טווערסקאָי מיט מיין הויז.

דער אַלטער טווערסקאָיער בולוואַר
מיט פושקין — זיין גייסטיקן האַר.
אין הימל — געלאָזט אים די שטערן.
אויף ד'רערד — פון זיין צייט די לאַמטערנס.

דער שניי פאַלט אויף קאָפּ דעם געלאָקטן,
פון דאָרטן — אויף אקסל געטאָקטן.
ער שטייט און דעם הוט טוט ניט אָן.
איך זאָג מיר: וואָס קען איך דען טאָן?

איך זאָל מיך ניט שעמען פאר לייטן —
דאָס הארץ וואָלט מיר ווערן געלייטערט,
ווען כ׳קער אָפּ דעם שניי מיט די הענט —
דעם שניי פון פּאָעטס מאָנומענט.

נאָר פּושקין — פארווייעט אינגאנצן, —
די רוסישע וויוגע לאָזט טאנצן.
דער שניי איז אים קאָנגעניאַל,
און איך — בין סענטימענטאַל...

2

פון אים און פון ז״ין שיין געבלענדט,
איך זאָג צו אים אַלץ מער גענענט:

צי שטיי איך פאר זיין פּיעדעסטאַל
אין גרויסן ליכט פון רוסלאנדס אַל —
ניט ווי קיין בעטלער אויף די טרעפּ,
וואָס אים פארשיטן וועט דער שניי,
פארוועבן אים, ווי דער זאווײ,
די נאקעטע לאמטערן-קעפּ?

צי וועט מיין גייסט זיך טאָן א ווענד,
זיך שפּרייטן פאר זיין מאָנומענט —
ניט ווי קיין שטאמלער, א כבד-פּה
(כאָטש קלאָר מיר אַלץ איז, וואָס איך זע),
ניט ווי קיין גר, א שטומע צונג,
נאָר ווי א פּערז, וואָס טוט א קלונג?

און פרעגן פרעג איך עם ביי אים,
און ווארט און לויער אויף זיין שטים,
ווייל ער ט׳אויך גלות אָפּגעריכט א סך,
מיט אויער וואך צו פרעמדער שפּראך,
און אומעטום דאָס פאָלק דערקענט,
און איינס צום צווייטן זיי גענענט.

ווי תמיד

ווי תמיד אונטער פלאטער פון טיף־שפעטער נאַכט,
ווען מאָסקווע מיט איין אויג נאָך שלאָפט און מיטן צווייטן וואַכט,
איך שטיי אויך היינט און קוק אין פענצטער, אויף טווערסקאָי בולוואר
און כ׳הער, ווי ס׳קלאַפּט מיין בלוט. מיין הארץ ווארט אויף זיין שכר,

כ׳גיי צו צום שרייב־טיש, צו מיין ליכטיק ווייס פאַפּיר,
און אלץ, וואָס כ׳האָב געזען, עס ווערט אויף אים פארזייט פון מיר;
דער מאָסקווער הימל צינדט זיך אָן מיט יענער שׂריפה־שיין.
וואָס האָט אין גיפט פארוואַנדלט באַפּאָרטס נצחון־וויין.

און אין דעם רויטן פלאַם אויף זעלביקן טווערסקאָי־בולוואר,
חו ניט נאָר שטיבער, אויך דיביימער האָבן דאן געברענט, —
א קינד אן איינגעוויקלטס מ׳האָט געטראָגן אויף די הענט.
ס׳איז אלעקסאַנדער הערצן[1] ... ער שוין דעמלט האָט דערפאר

געקוקט מיט גרויסע אויגן, גלייך פארשטאַנען אלץ, באַטראַכט,
געזען, ווי פראַנקרייכס גרענאַדירן זענען שיכור און פארווירט,
ער האָט געהאלדזט, געגלעט זיין אם, וואָס האָט אים אומגעפירט
אין גאַס, אין יענער מאָסקווער שׂריפה־נאַכט.

און עסן האָט אפילו אים פארוואָלט זיך. א געוויין
ער אויפגעהויבן האָט, נאָר ס׳איז די ברוסט פון אם — א שטיין.
אנטרונען איז די מילך. אויך ברויט אין שטאָט האָט אויסגעפעלט.
נאָר דאָ האָט עמעצער פאר אים זיך איינגעשטעלט

און ביי די זעלנער שיכורע פאר אים א שטיקל ברויט
ארויסגעריסן מיט געוואַלד. דער מאָסקווער הימל רויט
באַשיינט האָט דעם טראָפּיי אין האַנט פון קינד... ער אויפגעלייגט
איצט עסט דאָס ברויט, וואָס מ׳האָט פאר אים אין וואסער ווייך צעווייקט.

---

[1]) זע זיין באַרימט מעמואַרן־בוך „זכרונות און רעיונות“

און אַט די רויטע שיין, וואָס ער מיט זעלנער־ברויט צוזאַם
אַלס קינד געגעסן האָט אין יענער מאָסקווער שׂריפה־נאַכט, —
זי האָט דאָס גאַנצע לעבן דאָך געגערט זיין העלן פלאַם,
און ביז צו דער קאָמונע פון פאַריזש אין אים געוואַכט.

זי שטראַמט איצט אויף מיין שרייבטיש, אויף מיין ליכטיק ווייס־פאַפיר,
ווו אַלץ, וואָס כ'האָב געזען, עס ווערט אויף אים פאַרזייט פון מיר.
אין זיך איך שפּרייט, איך פלאַנץ דיך, מאָסקווע, מיין טווערסקאָי־בולוואַר
ס'איז אַלעקסאַנדער הערצן הייגט מיין הויבער לוין, מיין שׂכר.

מאַלאַכאָווקע

I.

דאָס זומערדיק שטעטל מיט וואַלד־סאָסנעס שלאַנקע
וואָס דאָ אונטער מאָסקווע, פאַרפלאַנצט איז,
איז מיר אַזוי נאָענט און היימיש געוואָרן —
הפנים, אַז עפּעס אין מיר דאָך דערגאַנצט עס.

ניט יידיש און יידיש עס איז אָט דאָס שטעטל —
שאַלישע ציגן און יאַרצייט־ליכט־בוימער...
די יידן, וואָס איך דאָ באַגעגן, איך רוף זיי:
"די יידעלעך רויטע"... נו, זאָגט, כ'בין א טרוימער...

ס'געפעלט מיר אייך זייערע שאָגם צו מעסטן
מיט שטאַמען פון סאָסנעס... דאָ לעבט איצט
ש. האַלקין.
ער היילט דאָ זיין האַרץ און אויך שרייבט זיינע
לידער —
דערבויט צו זיין דיכטונג א באַלקן נאָך באַלקן.

דאָ אײגנטלעך טרעפֿן מיר אונדזערע טאַטעס
מיט בערד און קאַפּאָטעס. זײ טראָגן בנעימות
די עלטער אינאײנעם מיט קינדישער תּמימות,
און יעדעה פֿון זײ, װי געצײכנט פֿון װײט איז...

מײַן בליק זײ באַגלײט און איך זאָג זײ אין רוקן:
— אין יעדן װאַלד זײט איך די אוראַלטסטע
בוימער!
װו זענען אָט די, װאָס א האַק אױפֿגעהויבן
אַקעגן אײַך האָבן? די בבֿלים, די רוימער?

אַזוי הײנט אין מיר האָט, װי שטאָל זיך צעקלונגען,
מיט פֿײגל־געצװיטשער אין בלוט זיך צעזונגען.

.II

כּסדר, װען דאָ, אויף די זומערשע װעגן,
אָט דאָ, אונטער שאָטנס פֿון בײמער כ'באַגעגן
אן עלטערן ייִדן מיט טאַטע־באָרד גרויער —
די זון עס פֿאַרשלײערט פֿון מנחה דער טרויער.

הפּנים, דער זקן, װאָס גײט מיר אנטקעגן,
מײַן קוק אויף זיך כאַפּט און ער זוכט אָפּצוקערן
זײַן בליק אָבער תּיכף איך װידער באַגעגן
זײַן אויג, װאָס פֿון מײַנעם אויך קאָן זיך ניט װערן.

און מיר, אַלטע ייִדן צװײ, זאַטע אין יאָרן,
מיר זעען אויס איצטער — צי זענען באמת
געװאָרן —
אין אָט אָ־דעם זומערשן מאָרגן צאַרט־קילן —
צװײ ייִנגלעך, װאָס זיך אין באַהעלטעניש שפּילן.

צוויי רעגנס

א. א פריילעכער רעגן

רעגן.
רעגן.
רעגן.

אָן שום האק און פּאק,
און אפילו אָן א זאק
אויף דער פּלייצע, קומט דער רעגן אין די היגע דאָרפיש־
זומערדיקע גאסן —
קומט א לייכטער, ווי דער קונצמאכער, לוסטיק שפּרינגען, שפּאסן,
גייט אויף זיינע הימל־קלעטערנדיקע שטאָלצן הויכע, דינע,
טרייבט ארוים די גענדז, די קאטשקעס מיט די הינער,
פון א דעכל סוף כל סוף דעם איינגעשפּארטן צאפּ פאריאָגט,
לעבן גאניק וואשט דעם הונט דעם קאָפּ, אים וואשט און צוואָגט,
נאָר אויך תיכף ווערט ער געלם, ווערט צוריק א וואָלקן גרויער.
בעסער אָבער קוקט אייך צו און זייט אייך נאָר ניט טועה:
זעט, ער זיצט און רוט זיך פּשוט אוים
אויף דער העכסטער סאָסנע, ווי ביי זיך אין הויז...

ב. א טרויעריקער רעגן

רעגן.
רעגן.
רעגן.

כ׳ווייס ניט, צי ער זיפּט זיך, גייט, צי שוועבט,
כ׳מיין גאָר גיכער, אז ער וועבט...
ר׳האָט זיין וועב־שטול דאָ, אין מיטן פעלד, אוועקגעשטעלט,
און פארמעסט זיך אויף דער גאָרער וועלט.
יעדעם מאָל זיין דיגעם פּאָדעם רייסט, פארלירט,
און, ווי ביי די וועבער, זיך עס פּירט,
שטעלט ער אָפּ זיך, כאפּט דעם פּאָדעם און פארקניפּט צוריק,
שפּינט אריין די קנופּן אין מאטעריע־שטיק.

רעגן.
רעגן.
רעגן.

הײנט אויף אַלע מײַנע װעגן —
אויף דער לײַװנט פֿונעם רעגן
זע איך יעדן ריס און יעדן קנופּ אין די געװעבן
פֿון מײַן אײגן לעבן...

אויך הײַנט

אויך הײַנט דאָס דאָרפֿישע קינד אויף שװעל פֿון װאַלד כ׳באַגעגן,
און כאָטש אַ ברײטע נעץ פֿאַרװאָרפֿט דער דריבנע רעגן,
ניט לאָזט דאָס שטיפֿערל זיך פֿאַנגען —
אַ װעװעריקל עס איז פֿאַרעקשנט נאָכגעגאַנגען...

איך שטױן: אַ װעװעריקל נאַרט אָפּ דאָס קינד און ס׳קינד — דעם רעגן
און איך, װי אין אַ מעשׂה, גײ זײ נאָך אויף אַלע זײערע שטעגן.

רוסישע באַלאַדע

די שלאַכט אָפּגעשטורעמט, די קריגס-לײַט אַװעק,
און איבערגעבליבן אַן עדות — דער װעג
פֿון שׂונאס מפּלה און רוסישן זיג.
און דאָרט — פֿאַר דער נאַכט-זאַװערוכע אַ װיג —
אַ לײדיקער פּויערישער שליטן עס שטײט.
פֿון גלאָז, דאַכט, דאָס פֿערדל. דער שנײ עס באַקלײדט
מיט שלײעס מיט נײַע, װאָס זײ זילבערט אָפּ
אַ גרױסע לבנה פֿון הימל אַראָפּ.

אין לײדיקן שליטן איז עמעץ פאראן?
א האק טוט א בלענד, צי דער פראָסט אויף די בערד?
זאָל זײן עס דער שאָטן פון פאָלקס-פארטיזאן —
דער רוסישער פױער — די גיפט אינעם װײן
פון שׂונאס פארװײלונג אויף רוסישער ערד?...
אין אָט דעם באהאלטניש פון פראָסט און פון שײן,
אין אײז-בלאנקען, גלעזערנעם שליטן און פערד,
װאָס שטײט, דאכט זיך, לײדיק, איז עמעץ פאראן.

און כמארעם צעשײדטע פארקניפּן א טאנץ,
גראָד איבער דעם שליטן און װערן דאָ גאנץ,
פארפירן אויך איבער פארצויבערטער װיג
אינמיטן דעם גנעדיקן לויכטן א קריג.
די שאָטנס, װאָס בלאַנקן אין רוסישן שנײ
פון הונדערטער יאָרן אין אָט דעם זאזײ —
זײ גײען ארום שנעל דעם שליטן, װאָס שטײט פאַפערעק,
און אײליק זײ לאָזן זיך װײטער אין װעג.

אין שנײ-שטויב א פלאם טוט א רויטלעכער מאן —
פון שױמיקן פערד װערט געשלעפּט טשינגיס כאן.
דערגאָר צײכנט אָן זיך אויף גרינלעכן פאָן
פון שנײ מיט לבנה אלס קרוין אָנגעטאָן —
א רוסישער שליטן מיט דרײ פערד געשפּאנט.
אין שליטן — באגלײט פון זײן לײב-עסקאדראָן —
פון װאָלקן געשװינדער עס יאָגט נאפּאָלעאָן.
זײן קרוין ליגט אין שנײ — װײזט די נאכט מיט איר האנט.

און אָט בלאנקען שװערדן. מאָנגאָל און פראנצויז —
פארפלאָנטערט אין נאכט-זאװערוכעשן ברויז —
דאָ, איבער דעם רוסישן שליטן אין סטעפּ,
זיך האקן אין בראָקן און שנײדן די קעפּ.
נאָר גלאָז איז דאָס פערדל, און שװער װי א בארג,
דער אײז ליגט פון הונדערטער יאָר אויף זײן קארק —
ניט רירן פון אָרט. אין צעריסענע זעק
מאָנגאָל און פראנצויז זיך צעלויפן אין שרעק.

עס שטייט אויף א דייטשישע ראָטע פון שניי.
די ראָטע פאַרמערט זיך — זי ווערט אַן אַרמיי,
דאָס גאַנצע באַזיגטע געוועזער מאַכט צוריקט,
באַוואָפנט זיך ווידער, זיך גרייט צום געפעכט.
זי גייט אין אַטאַקע מיט גרויזאַם געביל —
דעם אייגענעם אַנגסט איבערשרייען זי וויל.

אין וועג איר דער פּויערישער שליטן דאָ שטייט —
דער פאָלקס פאַרטיזאַן, וואָס, ווי שטויב, זי צעוויייט.

פאַר רוסישער נאַכט־זאַווערוכע א וויג —
א פערד מיט א שליטן אין מיטן וועג שטייט.
פון גלאָז, דאַכט, דאָס פערדל. דער שניי עס באַקליידט
מיט שלייערס מיט נייע, וואָס זיי זילבערט אָפּ
א גרויסע לבנה פון הימל אַראָפּ.
די שלאַכט אָפּגעשטורעמט, די קריגסלייט אַוועק,
נאָר איבערגעבליבן אַן עדות — דער וועג
פון שונאס מפּלה און רוסישן זיג.

די באַלאַדע פונעם אָשווענטשימער לאַגער

אין באַפרייטן אָקאָרשט אָשווענטשימער לאַגער,
זענען יידן דריי געבליבן זיצן אויף דער ערד,
נישט גערירט זיך נאָכן זיצן שבעה נאָך די קדושים,
גלייך, ווי זיי אַליין — צו יענע אויך געהערט.

אויף דעם פריי פאַר זיי צוריק צעפּראַלטן הימל —
רויט און שוואַרץ עס האָט דער זונפאַרגאַנג דערברענט.
צו דער אומהדיקער שקיעה, ווי נ׳א תפלה,
האָט דער אַלטער ייד פון וואַרשע זיך געווענדט:

„זאָל געבענטשט זיין דער משיח — אַ־דאָס חיל,
וואָס מיט שטערן זיינעם עם באַלויכט די נאַכט,
וואָס מיט פייער, שטאָל און אייזן איז געקומען,
און די שטראָף געדעכטע אויפן פיינט געבראַכט“.

טוט אַ זיפץ דער איידעלער מזרחי אזרי,
ס׳גריכיש יידיש יינגל, וואָס פון סאַלאָניק,
און דער ייד לוצאַטו פון איטאַליע — ביידע
לאָזן ניט אַראָפּ פון וואַרשעווער דעם בליק.

שוין געענדיקט זיין געבעט עס האָט דער זקן,
ווי אַ ספר עפנט אויף די טאַטוּאירטע הענט.
האָט לוצאַטו אויך אויף זיינע הענט גענומען קוקן —
אויף דער רעשט פון שאַנד, וואָס האָט אויף זיי געברענט.

„זאָלן מיר די שאַנד צוזאַמען מיט דער האַנד פאַרקוילן,
און דעם אַש באַגראָבן אויף אַ וויסטן פעלד?
צי דעם שטעמפּל פון בזיון אויפן אָרעם
טראָגן, ווי אַ קללה, איבער גאָרער וועלט?“

שטיל. עס ענטפערט קיינער. רעדט לוצאַטו ווייטער:
„כ׳האָב נאָך איין באַגער: צו דיר זיך קערן, רוים,
כ׳זאָל מיין שפּיי דיר וואַרפן, זונה, און ביים טויער
בלייבן מיטן גואל אויף דער קייט פון טרוים“.

ס׳שווייגט דער ייד פון וואַרשע. ס׳שווייגט מזרחי אזרי —
ס׳בלייבע יידיש יינגל, וואָס פון סאַלאָניק.
פלוצעם ווערטער־פיילן פון זיין מויל עס פליען,
ס׳דוכט, ער האָט זיך אָנגעגורט צו פירן קריג.

„ווידער וועלן מיר צעגיין זיך דאָך באַזונדער —
יעדער איינער מיט זיין שפּראַך און צו זיין לאַנד.
וואָסזשע האָט דער שונא, ווי איין פאָלק איניינעם,
אונדז פאַרזאַמלט און פאַרקלעמט דאָ אין זיין האַנט?

איך דעריבער פון דעם אָרט וועל זיך ניט רירן.
כ'וויל ניט זען מיין בלויע ים-שטאָט סאלאָניק,
ביז איך וועל דאָס בת-קול פון די קדושים ניט דערהערן
ווי אזוי צוריק צום לעבן בויען איצט די בריק..."

איבער דעם באפרייטן אָ שווענטשימער לאגער
אימהדיק די זון צעוויקלט זיך, דערברענט.
אלע דריי דערזעען האָבן: אין איר אויזן
פלאקערט אָט די קראפט, וואָס האָט דעם קאט פארלענדט.

די באלאדע פון דער עסעסאָווקע ברונהילדע און איר הונט

א בונד
געווען איז צווישן דער עסעסאָווקע ברונהילדע
און אים — א רשע אויך, ווי זי — געטרייען הונט.
געווען איז ער צו איר אויך ענלעך אין געפילדער,
כמעט געראָטן, ווי א ברודער אין א שוועסטער,
צי א פאָרפאָלק, וואָס לעבט אין פריינטשאפט גרעסטער.

גערעדט
מען האָט אין לאגער, אז דער האלבער וואָלף, האלב כלב —
ער שלאָפט מיט איר אויך, ווי א מאנצבל אינעם בעט.

זי פלעגט אים קעכלען, פיטערן מיט מענטשן-חלב,
מיט ווייבע, צארטע בינדעלעך פון קליינע קינדער —
דעם גלגול פון א וואָלף, דעם גזלן און דעם שינדער.

זי פלעגט
אים לויבן ביזן טאָג אריין פאר אירע פיין-קרבנות —
די פרויען, וואָס צו זיי מיט אים זי קומען פלעגט אין א געיעג.
די עלנטע, די בלייבע, ווי פארגאנגענע לבנות —
געמוזט זיי האָבן הערן אלץ — ס'האָט זיי דאָס הארץ געשניטן —
ס'האָט איוב דאָך אזויפיל ניט געליטן!

גערינגט
אזוי האָט טריי דעם „פירער“ די עסעסאָווקע ברונהילדע
מיט איר געליבטן אויסדערוויילטן וואָלף צעווישן הינט.
געוואָרן עקלער אויך צו אים אין ריטש-געפּילדער,
געקראָגן ביידע גלייך פון זיין קאנצליי דעם קרייץ פון אייזן,
געהאָפט צו פאָרן אויך מיט אים אין היטלער-שלאָס זיך ווייזן.

גענריים
צו דעם זיך האָט ברונהילדע מיט גרוים אייפער און עקשנות.
אויף פיקל-דארן לייב געצויגן קלייד נאָך קלייד —
דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פון די אָרעמע קרבנות.
דאָס קאַליע זונה-מויל באַשטעקט מיט גאָלדענע ציינער,
באַפּוצטע מיט די טייערסטע אמסטערדאמער איידל-שטיינער.

איר פליך —
זי האָט פאַרדעקט מיט בלאָנדע לאָקאָנעס געקרויזטע,
וואָס פלעגן אָבער ווערן אלע מאָל איר נמאס גיך,
זי האָט געביטן זיי, ווי האנטשו, די באַראָנען גרויסע.
אליין — די ניי-געקומענע אין לאגער פלעגט זי נעמען,
די קעפּ די אידעלע זיי ברעכן, שערן, ווי די לעמער,

איר טרייף,
פּאסקודנע פּנים דאָך האָט גאָרניט נישט געגאָלטן —
אפילו ניט די גוט באַרימטע „יודן-זייף“...
ווען ז'האָט איינגעקוקט זיך גוט אין אירע מוטנע אויגן-שפּאַלטן,
וו זרע פון איר הינט-שטאם האָט אין זיי געפלאָסן —
האָט זי ניט איינמאָל א געזיכט א שיינס מיט שוועבל אָפּגעגאָסן.

צערייצט —
זי האָט מיט צירונג, ווי מיט ציבעלעס, כסדר זיך באַהאָנגען,
און ס'האָט געדאַכט זיך איר, עס שטראָמט און פלייצט
אויף איר די מאַכט פון דייטשלאנדס האנט דער לאנגער,
און אָנגעטאָן זי האָט א האַלדזבאַנד מיט בריליאַנטן
דעם הונט אפילו און געוואָרט מיט קערפּער-שטיק-געשפּאַנטן

אויף יענעם טאָג,
ווען רופן ענדלעך וועט מען זי אַלס גאַסט קיין ברעכטעסגאַדן.
נאָר גיכער אָנגעקומען איז איר גרויסער בראָך און קלאָג.
זי האָט געמוזט איר גאַנצן רייכן „היטלער-נדן“
אַראָפּרייסן פון זיך, ווייל ס'איז געפאַלן איר ממשלה.
דער לאַגער איז אַרומגערינגלט. נאָענט — די מפּלה.

אין גרויל
געשטאַנען איז זי און פון זיך אַראָפּגעוואָרפן
דאָס פרעמדע גוטס, די האָר, דאָס זיידנס, און פון מויל —
די דימענטענע ציין מיט ווייטיק שאַרפן.
אין קרועה־בלועה זיך פאַרקליידט, געמיינט האָט זי —
די „היטלער־כלה“ —
אַזוי זיך אויסמישן מיט די פאַרפייניקטע די אַלע.

און אומבאַמערקט וועט זי פון דער געפאַנגענשאַפט אַנטרינען
באַלד אין די ערשטע רגעס, ווען דער טומל וועט זיין גרויס.
נאָר פריער מוז זי פאַרן הונט כאַטש א באַהעלטעניש געפינען.
געשטאַנען איז זי נאָך פאַר אים פון קאָפּ ביז פיס אין גאַנצן פּויז,
ברוגהילדע,
געזעגנט זיך, און ביידע — זיך צעיאָמערט מיט הוויות ווילדע.

נאָר ווען
עס איז די גרויזאַמע עסעסאַזיסע געגאַן שוין אָפּגעשליסן,
אין קליידער פון א יידישקע, אין ווי פאַרקלעמט די הענט, —
עס האָט איר טרייער הונט זיך פון זיין קייטל אָפּגעריסן,
אַריין צו איר אין צימער... איידער זי באַוויזן האָט זיך אומצוקוקן,
אַרויפגעשפּרונגען איז ער אויף איר סאַמע געלע לאַטעס־רוקן.

בליץ־שנעל
די ציין די שאַרפע איר אין סאַמע קאַרק אַריינגעביסן,
פון „יודן־האַס“ פאַרטויבט — געשלעפּט זי ביז דער שוועל,
און פּלוצעם האָט ער זי דערקענט, און מיט זיין הינטישן געוויסן
אַוועקגעלייגט זיך לעבן איר, נאָר זי — שוין א פּגירה —
האָט מער שוין ניט געפילט זיין מאָרדע אויף די היפּטן אירע...

קאָן זײַן,
אז ווען מ'האָט ליגן זיי אַזוי געטראָפן ביידע —
דעם הונט מיט דער עסעסאָווצע אין היטלערס שקיעה־שיין,
און ס'האָבן זיי דערקענט די אַלע לאַגער־עדות —
מען האָט דעם כלב דעם עסעסאָווקע אויך לעבן איר דערשאָסן.
נאָר מיך אַזאַ מין סוף אפילו — וואָלט פאַרדראָסן.

איך פאָר אהיים

1

איך פאָר אהיים
און דורך די בריאַנסקער וועלדער [1]
ליגט מיין וועג.

געציילט האָב די טעג —
באַגעגענען געגאַרט די לופט, דעם דופט,
דעם אָטעם
פון די בריאַנסקער וועלדער־שבטים,
וו א יעדער וואַלד, א יעדער שטאַם — א קריגער.

דער באַן —
טוט אַלע מאָל זיך א צעוויג ער,
און לאַנג פאַרטיפט זיך אין זיין גאַנג.
און איך — איך כפל זיין געזאַנג.

א יונגע בלייכע פרילינג־נאַכט —
א יונגע נאַכט, נאָר גאָר א קינד,
זי שלינגט, ווי איך,

[1] באַרימט געוועזענע מיט זייערע גרויסע אומגעהייערמוטיקע פּאַרטיזאַנער־חילות.

די ריחות פון די בריאנסקער וועלדער,
זי לאשטשעט זיך, די נאכט,
זי איז זיך צארט מתחתן מיט די היגע פעלדער.

כאָטש ס׳גרינט
דער פרידן שוין אין לאַנד —
דעם מולדס אָנגעשארפט, בלאנק מעסער
לאָזט זי ניט ארויס נאָך פון דער האנט
אצינד,
ווי דעמלט ווען זי איז געגאנגען
מיט די פארטיזאנער נאָך געהיים.

און דורך די בריאנסקער וועלדער
ליגט מיין שליאך.
דאָס ווייס איך און דערפאר איך וואך,
געניט ווי כ׳ווייס,
אז הוילע ליים איז איצט מיין היים.
עס סאָפּעט שווער און הייס
דער צוג.

אים זענען קארג די נאכטיש-קילע פעלדער.
די נאכט,
זי פילט זיין דורשט, זיין מי שוין —
ער איז שוין,
ער איז שוין
אין סאמע וואלד — געדיכטעניש אריין.
אין יאָגן פון די ביימער, אינעם לויפן נאָבן באן,
אין זייער גבור-שפּאן
איז ניט בלויז אימהדיקס, נאָר פריידיקס אויך פאראן.
דאָס אלץ עס גיט מיר איצטער א דערמאן
אין יענעם פּחד פאר דער לעבעדיקער
וואלד-געשטאלט,
וואָס איז געגאן
אמאָל אויף מאקבעטן
אין לעצטער גורלדיקער שלאכט,
זיין זין צעמישט
און האָט אים אומגעבראכט...

2

דער צוג — ער נעענטערט זיך שוין צו מיין היים.
דאָס סודעט זיך דאָס גראָז פאַר מיר געהיים.

מיין טאַטנס בליק פאַרבליבן אין דער שיין איז דאָ.
עס פלעגט מיין טאַטע אָפט דאָ פאָרן מיטן באַן.
אים אין דער זעלבער מאָרגנדיקער בלויער שעה
איך זע. אין טלית איבער קאָפּ ער הילט זיך איין,

און מיטן פּנים צו דעם פעלד און טונקלער שויב
ער כאַפּט אַזוי אַריין אַ דאַוון אין וואַגאָן.
דער זעלבער דעמער, זעלבער סטעפּ איצט קוקט מיר אָן
און זאָגן: גאָט געבליבן איז צום מענטשנס תּפלה, טויב.

נאָר ס'שפּראָצט דער טאָג און בולטער דערקענען כ'קאָן
מיין ישובֿס משופּרינע — די גרינע סעדער־קעפּ.
איך שרעק צו זיי די האַנט, איך פיל, איך נעם זיי אָן —
די שטומע עדות פונעם אומגליק. מיטן צוג איך שלעפּ

צוריק זיי ביז צום האַרץ פון בריאַנסקער וועלדער, דאָרט
זיי שטעלן צום געריכט — זיך אויסטענהן איך וויל
מיט זיי...
דערנאָך זיך אויסוויינען און טאָן אַזאַ געשריי —
געלייטערטער, געדעכטער קלינגען קאָנען זאָל מיין וואָרט.

פון שנאה קראַנק

מאָטל סאַקציערן

די ערשטע נאָך באַפרייאונגס־טעג — באַזונדערס צאַרטע...

ווי קאַליקעס פאַרשטאַרטע,

די חורבות — ביזן אויפגעדעקטן האָריזאָנט זיך ציען.

די פייגל טרעפן ניט די נעסטן זייערע
און נייע זוכן מ׳זן פליען.
און דעמלט גראָד—
א וואָגן זיך באוויזן האָט אין מיטן שטאָט.

נאָר ניט פון די מרכבות הימלישע, אָ ניין!
א פור א פויערישע. אין איר—א דאָרפיש מיידעלע א קליינס
ז׳געזעסן אויף א בארג מיט פרוכטן — ערשט פון בוים.
דער עפל לוסטיקער און שווארץ־חנווריקער פלוים—
א יעדע פרי האָט צו איר געפלאפלט אין איר קויש
און אויסדערציילט איר אלע סודות זיסן סעדער־רויש.

די קראנקע שטאָט אין זונפארגאנג האָט אלץ געהערט,
געוואָרן מילדער, צארטער, ווייכער און געקלערט
אזוי אין איר האָט יעדער ווסטער שטיין:
—ווי שיין די פרוכטן זענען! אוי, ווי מלא חן
און לייוונטענעם לאנגען העמד די גאָרטן־מויד,
וואָס גרוים איז, ווי א פינגערבויט...
צום ערשטן מאָל די שטאָט די חרובע — זי האָט געזאָגט:
„ווי שיין!“

אין שקיעה־פייער איז די שטאָט געשטאנען צונטער־רויט,
און שטיצנדיק זיך, ווי אויף קוליעס, אויף די גאנצע ווענט,
צום גאָרטן־מיידעלע און צו די פירות זיך געווענדט:
— דערמונטערט מיט א פלוים מיך איצט אין זונפארגאנג,
דערקוויקט מיך מיט די עפל אייערע, ווייל איך בין קראנק—
פון שנאה קראנק!...

די העכסטע הויך

דער ערשטער שטערן זיך צעשטראַלט
אין אָוונט־בלוי.
ער ציט זיך צו א מענטש־געשטאלט:
א יונגע פרוי

א באָרוועסע גייט ביי די ווענט,
און צו דער הויך
פון אַלע חורבות איז געווענדט
איר שוואַנגער־בויך.

דער שטערן, וואָס איז אויפגעגאַן
אין אָוונט־בלוי,
און זעט פון דאָרט אויף דעם מאָנבלאַן —
פאַר אים איז אָט די פרוי,
וואָס טראָגט אָט דאָ איר מוטער־בויך —
די העכסטע הויך...

דאָ ווו מ׳האָט געלעבט אין פשטות...

זומער־נאַכט מיט אויגן גרינגע
גרינט, פאַרוועבט די שטאָט־רוינעס

אין איר ציטער־נעץ פון זיידן,
אין איר קלאַנגען־נעץ פון היידן [1]

וואָס גייט איבער אין שאָפּעניען...
ווער זשע וועט עס דאָ דערקענען —

דאָ, ווו מ׳האָט געלעבט אין פשטות?
וואָס זשע הייבט מיט זיך דאָ רעשט עס?

מיט קלאַווירן, ווען בלויז פליטן
פלעגן דאָ ניגונים שפּרייטן,

[1] היידן — באַוווּסטער דייטשישער קאָמפּאָזיטאָר פון XVIII יאָרהונדערט.

און אויף חתונות קלאַרנעטן
פלעגן מחותּנים זעצן?

זומער-נאַכט מיט אויגן גרינגע
גרינט, פאַרוועבט די שטאָט-רוינען.

דאָ, ווו מ'האָט געלעבט אין פּשטות —
וואָס זשע היינט מיט זייד דאָ רעשט עס?

מענועטן און גאַוואָטן,
און וואַלס טריסט[1] ווי ס'איז געבאָטן.

אָט מאַזורקעס, אָט קאַדרילן, —
אויף קלאַוויר די נאַכט טוט שפּילן,

ווי א פּריצה פון פּאַרצייטן
מיט פאַנטאַזיעס, וואָס זיך בייטן.

נאָר א בונט געהיים עס שפּינט זיך
אונטער שטיין פון שטאָט-רוינען

קענן אָט דער נאַכט, וואָס גרינט זיך
מיט לבנה-אויגן גרינגע,

אויף באַלקאָנען און אין פענצטער —
שוין פאַרזאַמלט די געשפּענסטער.

ליבע-פּאָרלעך טראַגיש צאַרטע —
חתן-כּלהש איינגעשפּאַרטע,

פון דער נאַכט אַרויסגעבראַכטע
אין די קייטן אויסגעדאַכטע,

---

[1]) וואַלס טריסט — טרויער וואַלס פון דעביוסי.

ווי די בלייכע זין און טעכטער,
וואָס די בבלים זיי געפאנגנען,

און ביי זיי דער פיינט דער שלעכטער
פריידיק האָט געמאָנט געזאנגען.

ווי די זין און טעכטער יענע —
אויך געפאנגענע זיי שטייען,

און אויף זייערע מיילער ברענען
אויך די זעלבע שאנד־געשרייען:

ניט געזאנג, אין טאנץ ניט שוועבן.
ז׳וועלן זיך ניט אונטערגעבן

אָט דער נאכט דער פריציש־זאטער
מיט איר קיניגלער טעאטער.

זאָל פארזינקען ערד און הימל
אין דעם רויך פון תאווה־דרימל —

רויך און פלאקער בלויז פון לילית.
זייער בלוט געשענדעט — קיל איז.

זאָל די גלוסטונג לאָקן, זינגען,
נאָר קיין קוש וועט היינט ניט קלינגען.

שוועסטער מיינע

א.

ס׳ברענט א קאנעץ, ס׳ברענט אין הרובע,
און אין קראנקן־בעט — א שוועסטער.
ווער ז׳שע פון די אלע פלאמען —
אין זיין היליקייט איז גרעסער?

ווער זשע פון די אלע פלאמען
איז גורלותדיקער, עלטער?
איינגעוועבט אין וואנט א שאָטן
פון קדמונים... בענטשט ער? שעלט ער?

ס׳פאלט א שיין... כ׳זע טיש און בענקל,
און א קוואָרט, א טאָפּ א ליימענער,
וואָס פון זיי ביז הייל פון אורמענטש
ציט זיך דין א שטראַל געהיימער.

איך באריר אים... ווי א סטרונע
ענטפערט ער מיט קלאנגען-ציטער.
אויף דעם שטראַל כ׳שפּיל פאר דער קראנקער
אין דער נאַכט מיט שניי-געוויטער.

ס׳ברענט א קאנעץ, ס׳ברענט אין הרובע,
און אין קראנקן-בעט — א שוועסטער.
ווער זשע פון די אלע פלאמען —
אין זיין הייליקייט איז גרעסער?

ב.

חרובע, אָ שוועסטער מיינע!
יעדער קרעבץ אין דיינע ביינער,
איז דער ווינט, וואָס פון רוינען
רייסט ארויס די לעצטע שטיינער.

ליג איך און איך הער דעם שטורעם,
וואָס ער קלאָגט אין דיינע גלידער,
יאָגט ארום דאָרט און צעוואלגערט —
אָט א בייזער, אָט א מידער.

שרייען אויך פון זאווערוכעס
דיר צוקאָפּנס שטעט פארוויסטע:
— „נאָר ניט פאלן אין געראנגל —
דו, וואָס אונדזער שוועסטער ביסטו!

ליב פון אונדזער ליב צעשטערטן —
אונדזער ליב אמאַליק־שלאַנקען!..."
...הערסט? די גאַנצע וועלט זיך ראַנגלט,
שוועסטער, אין דיין גוף דיין קראַנקן.

ג.

ווי א וואָלף די גאָז עס טוליעט
צו א שויב אין דאָרף און טרויערט,
האָט אצינד דער פראָסט באַלאַגערט
אונדזער פענצטער און ער לויערט

אויפן ליב פון קראַנקער שוועסטער,
וואָס אין קאָלדרע־דעקן הילט זיך,
און ווי אין באַהעלטניש, דאַכט זיך,
מיטן טויט אַזוי זי שפּילט זיך,

ווי געשפּילט זיך מיט איר לעבן,
אונטער שלייערס עס באַהאַלטן
זויבער־ריין און זיך געגליכן
מיט די איידלסטע געשטאַלטן.

שטייט דער פראָסט. אויף רויב
היינט וואַרט ער...
אויך דאָס וואַרטן איז אים טייער.
פלוצעם גלייך אים אין די אויגן
טוט א זעץ א כוואַליע פייער —

דאָס עקשנות פון דער יונגפרוי,
אָט די אורקראַפט פון בראשית...
כ'זע אין שרעק, ווי טויט מיט לעבן
שפּילן זיך... די שפּיל ווי היים איז!

ד.

פאר דער העל-צעברעגטער הרובע,
אָפּגעשלאָסן אין איר עיגול,
איינגעהילט אין שימער, זיצט זי,
קוקט אין פלאם, ווי אין א שפיגל.

— זאָג, וואָס זעסטו, שוועסטער מיינע,
ווען דו טוסט אין פייער קוקן ?
זאָג, וואָס צויבערסטו ביים זיצן
צו דער טונקל מיטן רוקן ?

כישופסטו ארוים פון פייער,
רופסט ארוים פון אָט די פלאמען
יענע זומער-נעכט אויף לאָנקעס —
מיט די חברטעס צוזאמען ?

יענע נעכט, ווען ס'איז דאָס שטעטל
ווייט אהינטער אייך געבליבן,
און גערעדט האָט איר פון פרויען,
וואָס נעקראסאָוו האָט באשריבן,

און געזונגען האָט איר לידער,
וואָס באשערט זיי תפלות ווערן:
„שטיל די נאכט, גאָטס שטים די מדבר
האָרכט, און שטערן רעדט מיט שטערן...“[1])

אָבער וויי! די זעלבע שטערן
זענען דאָך ניט אויסגערונען,
ווען מען האָט פון אייך אזויפיל
טויטע אויפן וועג געפונען,

אויסגעטאָן ביז הויל און נאקעט...
די פארשעמטע, די פארלענדטע —
זייער נאקעטקייט, מיין שוועסטער,
זעסטו איצט אין פלאם צעברענטן ?

[1]) א פערז פון לערמאָנטאָווס א ליד.

ס׳רייסט זיך אויס פון דיר א יאָמער,
אויף א קול צעוויינסט זיך ביטער.
ווייס איך, אז דו קלאָגסט, וואָס לעבן
ביסט געבליבן. כ׳טו א ציטער,

גאָר איך וואג ניט עפּעס זאָגן,
כ׳האלט אויף דיר נאָר אין איין קוקן,
ווי אין קרייז פון דיינע פריינדינס
זיצסט צום חושך מיטן רוקן.

ה.

נאכט. אין טונקל פאר דער הרובע
— היינט איך איינציקער נאָך שפּיגל —
ווי פאר אויפגעגעברויזטער פיאנע
זיצט זי אין איר פייער-עיגול.

פרויען נאָר אזוי, מיר דאכט זיך,
קענען טרוימען אויף רוינען...
וואָס די מאמע ניט דערטרוימט האָט —
טוסטו, שוועסטער, ווייטער שפּינען.

איך געדענק זי, אונדזער מאמע,
ווען א קראנקע שוין, א בלינדע,
זי פלעגט זיצן מיט א שמייכל,
גלייך איר פנים ווינטלער לינדע

האָבן צארט געגלעט און סודות
איר ארייגערעדט אין אויער...
ניט פארשטאנען האָבן מיר נאָך,
אז זי שפּילט זיך מיטן טרויער,

ווי א קינד זיך שפּילט מיט ליאלקע,
ניט דער שפּיל צו טויזנט זינען...
וואָס די מאמע ניט דערטרוימט האָט,
טוסטו, שוועסטער, היינט דערשפּינען.

איינמאָל נאָר (דאָס לעצטע מאָל שוין!)
זענען מיר ביינאַנד געשטאַנען.
איר געזיכט האָט דאַן געפלאַקערט
אין דער שיין פון גסיסה־פלאַמען.

לאַנג געראַנגלט זיך, — מיט גבורה
אומגעקערט צו זיך די שיינקייט:
און ווי צו דער חופּה יונג נאָך,
און ווי פון אַ קינד די ריינקייט!

נאָר עס האָבן טרערן גרויסע
זיך צעפלייצט פון אירע אויגן
אויפן פּנים, און איר קערפּער
האָט דורך גוואַלד זיך אויסגעצויגן,

ווי דער פלאַם אַצינד אין הרובע,
וואָס פּאַר איר, אין טונקלען צימער,
זיצסט, ווי פאַר אַ פּיאַנע, שוועסטער,
זיצסט און שפּילסט, געהילט אין שימער.

כאָטש אין דיינע דריי־פּיר אײַלן
שטילער איז, ווי אין אַ טורעם
אַ פּאַרלאָזטן — גרייכט דיין שפּילן
צו מיין אויער, ווי אַ שטורעם.

שטיל. דאָס פייער לעשט זיך, שוועסטער,
מיט באַגינען־צער טויט גרינען...
פּרויען נאָר אַזוי, מיר דאַכט זיך,
קענען טרוימען אויף רוינען.

ו.

אויף איר אָרט, ווי יעדן אָוונט,
אין איר עיגול אָפּגעשלאָסן,
עטוואָס אָנגעבויגן זיצט זי,
מיט אַ רויטער שיין באַגאָסן.

וואָס האָט זי אזוי פארקוקט זיך?
ווען וויל איך ער זין די פלאמען

וועמען ווידער אין די פלאמען
זעט זי, ווען זי זיצט געבויגן,
גלייך ווי איבער וויג א מאמע?

ז.

...סטעפּ. עס טרייבט די זאווערוכע
אירע פערד די אויסגעדאַרטע,
וואָס זיי בייסן איינס דאָס צווייטע,
מיט די טלאָען פירן שלאַכטן.

און אין סטעפּ — צוויי מענטשן־טעכטער,
נאַקעטע, פון היים פארטריבן...
זיי דערזען — די זאווערוכע
אויף א וויילע איז שטיין געבליבן.

ס׳דרייען אוים זיך פון די שלייעס
אירע פערד די אויסגעדאַרטע,
קריכן מער ניט איינס אויף צווייטן,
פירן שוין ניט מער קיין שלאַכטן.

און זיי שפּאַנען נאָך דער זעונג:
אָט דעם צאַרטן אומשולד־פרילינג
פון אין פראָסט ארומגעיאָגטן
לייב — אנטבלויזטן יונגפרוי־צווילינג.

ח.

ס׳ברענט דער פראָסט איצט בלאָ און גרויזאם
אין דעם שפּיגל פון מיין שוועסטער.
זי — אין סאַמע סטעפּעס־מלכות
צווישן בוג דעם טייך און דניעסטער.

יעדן קוסט דאָ קען מיין שוועסטער —
אין איר לייב זיך טיף פארשטאָכן.
זי אליין האָט דאָ געזען דאָך,
ווי די חיה ערד געקראָכן

אין מיט אירע בערג און טאָלן,
פּרות כלערליי און פלאנצן
הויכע, צייטיקע און שווערע —
איר בייזוווּנדער אויסצוטאנצן.

ניט געקוקט זי אויף איר שיינער
תּבואָה, אויף די מאָרגן-טויען,
אויף דעם פּאסטעך, וואָס באהאלטן
האָט געוויינט אין די פּאַפּשויען,

אויף דער זון אין בלויען הימל,
אויף דער העלקייט פון די טייכן,
אויף דער מילדקייט פון די ברונעמס,
ווען א הייב געטאָן די שליאכן:

האָט זי אויף הריגות ווילדע —
העק און שארפע מעסער-בליצן...
ניט די פעלדער, ניט די וועלדער —
ניט געגעבן פאר א שיצונג.

אָט אזוי איז דורך א זומער,
און אן אָסיען איז פארלאָפן,
און, מיט הויכן שניי פארשאָטן,
מיט די ערד איצט כראָפּען, פּאָפּן...

און זי האָרכט ניט, ווי די טויטע
כאפּן אויף זיך אויף די וועגן,
קוקן נאָך דעם שוועסטער-צווילינג,
און זיי שושקען זיך און פרעגן:

„ווער געווען איז זייער טאטע?
ווער די מאמע? ווער דער זיידע?"
ווי א טייך עס רוישט דאָס לשון
פון דער אויפגעוואכטער ערדה.

יעדעס וואָרט שטייט אויף צום לעבן —
א בעל-שמחה און אן אָבל —
אויפן פראָסט מיט בלוט און פייער
ווערט פארקריצט, ווי אויף א טאָוול.

און דורך זיי אייגענעם הערט מען
ס'גאנצע פאָלק פארזאמלט ריידן.
און די רייד, ווי כוואליעס יאָגן —
איינס מיט צווייטן זיך ניט שיידן.

ט.

הער איך אין זיך אין דעם לשון
רוישיקן — א טייך אָן ברעגן.
כ'מיין זיך אויס מיט די הרוגים,
אויפגעשטאנענע אויף וועגן.

כ'זע אליין מיט מיינע אויגן
גייען אין שניי דעם שוועסטער-צווילינג
נאקעטן און מיט איין ש[illegible]
אופן קאָפּ אנשטאָט א הילונג.

און איך גיי זיי נאָך פון הינטן,
איבער הרודעס שניי איך הי[illegible]ער,
און איך שריי מיט די קדושים,
און מיר דאכט, איך שריי זיי איבער.

— ווער זיינע-פרעג איך אויך —
געווען איז
זייער טאטע, מאמע, זיידע?
...ווער? אָן עלטערן געקומען
זענען זיי אין לאגער ביידע.

זעכצן יאָר קוים אַלט געווען.
ס׳האָט דערפאַר דער קאַט באַפוילן
ביידע שוועסטער, אַז זיי זאָלן
זעכצן טעג אין העמד אין הוילן

פאַר זיין גאַניק גיין שפּאַצירן,
און די לידער פונעם טאַטן,
וואָס א חזן איז געווען
ערגעץ דאָרט אין די קאַרפּאַטן,

זאָלן זיי, ווי סערענאַדעס,
זינגען אים פאַר זיינע פענצטער,
ווייל אַזוי עס וויל דער היגער
האַר און אָפּיצער דער שענסטער.

ס׳איז א טאָג און צוויי פאַריבער,
האָט געשיקט דער תּלין זאָגן:
ביז אין טיפער נאַכט ער׳ט וואַרטן,
ביז ס׳וועט אָנהייבן צו טאָגן.

מיטן פינגער זאָלן זיי נאָר
קוים די פענצטער-שויב באַרירן,
ער אַליין וועט זיין אַנטקעגן,
און זיי עפענען די טירן.

קיינער וועט פון דעם ניט וויסן,
קיינער וועט פון דעם ניט רעדן,
דאָ, אין גיהנום, וועט ער שאַפן
פאַר זיי ביידן דעם גן-עדן.

שטיל און רואיק דעם שליח
האָבן אויסגעהערט די שוועסטער
און געענטפערט: „נעמט און וואַרפט אונדז
בעסער לעבעדיק אין דניעסטער.

אָדער שנייד דאָס לייב אויף שטיקער —
ס'וועט אונדז טויזנט מאָל זיין ליבער".
איז אוועק א טאָג א צווייטער,
און א דריטער איז פאַריבער.

„ניין! — צעלאכט האָט זיך דער רשע —
כ'וועל ניט שניידן זיי, ניט בראָטן.
אויך דאָס העמד זאָל זיי ניט הילן, —
נאקעט גיין איז זיי געבאָטן!"

זענען זיי געזעסןביידע
אין איין שאל פון סאמע לעבער
און געציטערט, ווי אין הארבסט-צייט
נאסע פייגל אויף די דעכער.

אין דעם קרועה-בלועה איינהיל —
האָבן ביידע זיך געטוליעט.
ווער געקוקט אויף זיי — געוויינט האָט,
נאָר דער אויסוואורף האָט געהוליעט.

איינמאָל נאָר האָט אים דאָס לאכן,
ווי א שליוף, דעם האלדז פארצויגן:
ס'האָבן ביידע שוועסטער — זעט ער —
אויסגעשטאָכן זיך די אויגן,

ווייל פאר זיי געוואָרן טמא
איז דאָס ריינע לייב דאָס בלאנקע,
וואָס פארדעקן עס ניט קענען
אויך די שוואַרצע האָר די לאנגע...
....

טעג נאָר טעג האָבן געשלעפט זיך,
פיינפול זיך פארקניפט אין וואָכן
ביז א שניי איז אויסגעפאלן
און א פראָסט האָט אויסגעבראָכן.

האָט מען אין א נאַכט אזוי־ער
אויפגעפּראַלט דעם שווערן טויער,
און דעם צווילינג חוה־נאַקעט
אָפּגעלאָזט אין קעלט אין בלויער.

י.

שטיין געבליבן ביי דעם טויער
זענעןביידע בלינדע שוועסטער,
פּלוצעם זיך ארומגענומען,
זיך צעקושט אין פרייד דער גרעסטער.

בלינדע — און עס דאכט, זיי זעען
מזרח, מערב, צפון, דרום...
און זיי נעמען „אונטערפירעכץ"
ביידע זיך אליין אין אָרעם.

האָט דער ווינט זיי אויפגעהויבן,
ווייט אין פעלד אריין פארטראָגן,
אז דער ווילדער יעגער זאָל ניט
קענען מערער זיי דעריאָגן.

מאָלט זיך זיי, זיי זענען הירשן
פון אן אויסגענייט פּרוכת,
צי פון טאַטנס הויז אין פלאמען
זייער גוף — דער לייכטער רויך איז.

צי פון אויפגעטרענטע קישנס
דאָ איניינעם מיט די שנייען,
איצט די פעדערן זיי זענען,
וואָס מיט זיי אין סטעפ זיך דרייען.

זייער שאַל אויף ביידנס אקסל
ציטערט, פלאַטערט, שאלט געזאנגען,
שפּרייט זיך אויס און ווערט א חופּה,
וואָס דער ווינט האלט, ווי אויף שטאַנגען.

און די מיליאָנען שטערן
טראָגן ליכט מיט פלעמלעך שאַרפע,
נאָר פאַרגעסן האָבן ביידע,
וויפל מאָל זיך דרייען דאַרף מען.

מער פון זיבן מאָל אַוודאי,
מער פון זיבן, פערצן, זעכצן...
איז פאַרוואָס זשע קלאָגן, כליפּן
פלייט און באַס — און בימער קרעכצן?

און פאַרוואָס מע הערט ניט זאָגן
שוין דעם מזל־טוב דעם גרויסן —
זיי און אויך דעם פאָלק דעם גאַנצן,
וואָס עס טוט זיך שטופּן, שטויסן

ענגער, הייסער און געדיכטער
זיי אַרום, אַרום, אַרומער?
און דעם קיניג דודס פידל —
וואָס געבליבן איז אַ שטומער?

צייט דעם כלה־טאַנץ גיין טאַנצן
דאָ אין שנייאיקן אינדרויסן —
אויף דער קעלט אַרויסגעשטופּטע,
פון דער וועלט אַרויסגעשטויסן...

און דעם גרעסטן, לעצטן כוח
טוען אָן זיך ביידע מיידלעך,
און זיך דרייען אין אַ וויכער
פון קאַפּאָטעס, טיכלעך, קליידלעך,

טיש און בענק און אַלמערס, שטולן,
פּריזבעס, גאַניקעס און וויגן,
גאַסן, ווו מחדש זענען
די לבנה איצט בלויז ציגן...

לאָמפּן לייכטער — גלייכע, קרומע —
(ס'גאַנצע ליים און מעש און זילבער
יידישע — אצינד אין טאָל איז)
לייכטן אַזוי איידל — פּילבאַר.

איבער אַלעם דעם — דער פלאַקער
פון געפלאָכטענע מנורות —
ברענענדיקע רעטענישן,
נאָכצודענקען פאַר די דורות.

מוט דער קאָפּ ווי בײַ די מיידלער
פונעם לייכטער-טשאַד דעם שווערן,
און זיי נעמען זיך ניט אונטער
איצט פון רעטענישן קלערן.

קומט אָן מיט לאַמטערן בלינדן
לייב דער קברן, און — אויס ליכטער.
גאָר אין מיטן טאַנץ די שוועסטער
זענען מער ניט קיין געזיכטער.

און אין פינצטערניש זיי האַלטן
ס'כלה-טיכל אויסגעדראַכטע,
און זיי דרייען זיך און דרייען
מיט די קדושים אומגעבראַכטע.

ווילן זיי אַ כלה-ווײַן טון,
נאָר געפאַלן אין חלשות
זענען זיי, ווי ס'פּאַסט פאַר כלות,
און שוין גאָר ניט זיי מער קשה איז.

בײַ דעם וועג אוועקגעפאַלן,
וווּ נאָך עמעץ איז געשטאַנען
נאַקעט... טויזנט יאָר אַ וודאי
דאָ אין סטעפּ איז ער פאַראַנען.

פון זיין צלם-ברעט דער שמאָלער,
ווו ער הענגט מיט הענט צעשפּרייטע,
זעט ער די צוויי מענטשן-טעכטער
נאַקעטע אין פעלד פארשנייטן.

און פאַר איינס — אַן אויג פון פייער
האָט געטאָן אַ בליץ אין פיבער:
ס'איז אַ וואָלף וואָס קוקט דאָ איצטער
מיטן נאַקעטן זיך איבער...

יא.

זעקס טעג האָט דערציילט מיין שוועסטער,
זעקס טעג איז אַזוי פאָריבער
ביי דער הרובע און אין קאַנעץ
ברענט דאָס פלעמל, ווי אין פיבער.

אויפן זעקסטן טאָג אין אָוונט,
איינגעהילט אין אין זעלבן שימער,
האָט גערוט מיין שוועסטער. צאַרטער
רו-טאָג האָט געשוועבט אין צימער.

האָב איך שוין געזען: געקומען
איז מיין ריי אצינד צו רעדן.
זיצן מיר אַזוי ביים פייער,
אויף זיין פלאַם מיר קוקן ביידע.

כ'ווייס, אַז קלאָרע ווערטער דאַרף איך
פאַר מיין אויסטערלישער מעשׂה...
...ווו פאַרלאָפן? ביי דער וואָלגע.
קיינמאָל נאָך אַזוינע ווייסע

האָב איך ניט געזען קיין שנייען
אין דער שיין פון אַ לבנה,
וואָס איר ווילדע שיינקייט הוזקט,
לאַכט פון איידלסטער מאַדאָנע.

אין די נעכט די העלע, וואכע,
ווען מען האָט דעם זיג געבוירן,
זענען מיר דאָ ניט געשלאָפן,
און א נאכט א יאָר פלעג דויערן.

אינעם הויז דעם ניט באהייצטן,
נאָך א ארבעטס־טאָג א לאנגן,
פייערלעך — פון איינס צום צווייטן
זענען מיר ארויסגעגאנגען.

ווארעמען די הענט איז פליטקעס,
און אזוי מיט ריין געווויסן
האָט צו האָט מיט איין מחשבה —
זיך די „לעצטע נייס" דערוויסן;

צי ביים אָקריפ זיך געטראָפן
אינעם ערשטן שטאָק אין קיבל,
ווו ארום דעם „קוב" געטריקנט
מ'האָט א שטיוול צי א שיבל,

און געזעסן אין דער טונקל
זענען מענטשן און דערקענט זיך
לויט דער שטים און לויטן פנים,
ווען דאָס פייער האָט צעברענט זיך

אינעם טירל פונעם קעסל,
און ס'איז ליכטיקער געוואָרן...
זיך געמישט דער ברייטער וואָלגער
דבור מיטן מאָסקווער קלאָרן.

קריג, סטראטעגיע און פּאָליטיק,
פאָלקס־לעגענדעס און געשיכטע
מאטעמאטיק, פילאָזאָפיע,
וועלט, ראסייא, וואָר און דיכטונג...

ווער זשע זענען זיי, די מענטשן,
וואָס פון זיי איעדער, יעדער
האָט דאָס פאָלק אין זיך געטראָגן
אונטער וואַטניק, פעלץ צי לעדער?

פּאַרטיזאַנער? צי שליחים
וויכטיקע, נאָר פּראָסט־פאַרשטעלטע?
ווערזשע זענען זיי — די אַלע
מיט אַ גרויסער שיין באַהעלטע,

וואָס מיט זיי איך בין געזעסן
און מיט זיי געוואַכט, געשלאָפן?
איינס מיר קלאָר נאָר: איך מיט רוסלאַנדס
גאָלדן האַרץ האָב זיך געטראָפן.

אין די נאַכט דאָרט ביי דער וואָלגע,
ווען מיט שנייען אַ פאַרוויטע
רוסלאַנד האָט פאַר וועלט געבלוטיקט,
שלאָגן זיך ביז טויט אַ גרייטע...
....

איך דערצייל... מיין קראַנקע שוועסטער
אויסגעגליכן איז געזעסן,
און ביי אירעליידן שווער איך:
קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

לידער
וועגן קיניג שלמה

דער מוטערס פארשטאנד

אָטיליען

צו שלמה דעם חכם ניט תיכף ז׳געקומען
די חכמה זיך בוקן, געהאָרכזאם אים דינען.
אזוי ווי די בין, וואָס באפאלט טויזנט בלומען —
אויף אים אָפגעשטעלט זיך ז׳האָט ניט פון באגינען.

די ערשטע צו אים האָט די דיכטונג געווענדט זיך —
מיט אויפגעדעקט פנים צו אים באלד דערנענט זיך.

און וואָס פאר א גאָלדענער אויסשיט פון טרוימען!
נאָר ריידן דערפון, אויפן קול עס דערציילן,
מיט פרייט צי מיט איינענע אפשר זיך טיילן? —
דאָס איז דאָך דער חילוק פון יוסף ביז שלמהן.

און טראכט ער צו יוספן — טרערן באלד הענגען
ביי אים אויף די וויעס... גלייך ער איז א נדר
מקיים — ער טוט זיך אָן פאסטעכער־קליידער
און לויפט אין די בערג ביי די שאָף צו פארברענגען.

און כאָטש עס איז פרעמד פאר די פאסטעכער־יונגען
דער בחור, וואָס קומט אומגעריכט, ווי א רעגן, —
מע קריגט אים באלד ליב און מיט פרייד מע באגעגנט
און לוסטיק צעבונדן זיך אלעמענס צונגען.

נאָר ווען ער פארשווינדט — בלייבט א טרויעריקער וואָלקן.
ביים פייער בייגאכט מע דערמאָנט אים מיט לויבן:
„זיין ברויט שמעקט ווי האָניק, און זיסער, ווי טרויבן;
די מילך פון די רינדער, וואָס ער האָט געמאָלקן.

אין אוראלט, אין יעקב אָבינושע צייטן,
דער באָק אויפן ווּנק פונעם פאסטעך פלעגט מעקן...
ביי אים אויך עס רעדט בלויז דער האָרן, דער שטעקן,
דאָס אייזל אליין קומט, ער זאָל אויף אים רייטן".

נאָר פרעגט ניט אויף שלמהן די אייגענע ברידער:
זיי ווייסן אליין ניט פון אים וואָס צו טראכטן.
„א פאסטעך, ווי גאָט האָט געבאָטן — זיי לאכן —
מיט האָרן צו זיצן און שפּילן בלויז לידער..."

און ווען אויך די זקנים פון הויזגעזינד גאַפן:
„ווי קומט אזא צווייג אויף א שטאם, ווי ס'איז דוד?"
בת־שבע אליין ווייסט: עס וועט נאָך גרויס כבוד
דעם שבט־יהודה איר שלמה פארשאפן.

איר מוטער־אויג זעט, אז דער חן, וואָס באהאלטן
איז אונטער זיין הויט — אין א מלכותדיק שמייכל
צעשיינען זיך וועט און אנטפּלעקן זיין שׂכל —
דעם לאנגזאם און ליכטיק אין אים אָנגעקוואלטן.

„נאָר וואָס קען א פּשוטע אשה דען ווּיסן?
(באפאלט זי ניט איינמאָל א שרעקלעכע מוראָ)
צי בין איך דען מרים? צי בין איך דען דבורה?"
און ס'ווערט איר דאָס הארץ שיר אויף צווייען צעריסן.

און ווידער זי כאפּט אין געהיים שלמהס בליקן
פון אויגן — שוין ברונעמדיק־טיפע אצינדער.
„דער מוטערס פארשטאנד וואקסט באנאנד מיט די קינדער —
עס הייבט זיך נאָך אָן ביי דעם וויגעלע וויגן"...

ויהי — ס׳איז געווען...

ויהי — ס׳איז געווען נאָך דער בלוטיקער נאכט אינעם דאָרף עין־חצור...

„כאָטש אמנון איז זינדיק — מעג הרגענען אים אבשלום?
אויב יאָ, וואָס זשע וויינט אזוי דוד, זיין פאָטער, און וויל זיך
ניט טרייסטן?" —
פרעגט שלמה — דער בן מלך יונגער און צארטער...
דאָס זיידענע העמדל צעריסן —
ער שטייט מיט די ברידער, די פריינט, און די קנעכט—דער אמיינסטן
פארוויינטער און וויל דעם באשייד דערפון וויסן.

א נאכט אָפגעשטאנען, געקוקט און געריעדט צו די שטערנקע שטערן
אין גליווער פון גארן אָן ענטפער, אין פיבער פון תפלה.
צום ערשטן מאָל האָט ער פארגעסן די פריינדין די קליינע,
די פלאמיקע רויז פונעם שרון, זיין טערטלטויב ריינע,
וואָס ווארט אין די הייכן פון פעלדזן, אין סעדער אין קילע.

און אפשר ער האָט ניט פארגעסן — ס׳איז בלויז אים א פחד באפאלן
פאר דעם, וואָס אויף דעק פון דער ליבע פאר אים זיך אנטפלעקט האָט:
איז תמר — נאָך איידער געוואָרן זי איז אמנונס כלה —
געווען דאָך זיין שוועסטער.
פארוואָס זשע אי צארטקייט, אי גלוסטונג אין אים זי געוועקט האָט?
צי דען זי זאָל ווערן זיין זינד — זיין פארברעכן דער גרעסטער?

ער לאָזט זיך אראָפּ טיף אין זאמד זיין געדאנק צו דערטראכטן.
דריי וואונדער ער קען און דעם פערטן ער וויל זיך דערוויסן:
דעם וועג פונעם אָדלער אין רוים, פון דער שלאנג אין די פעלדזענע ריסן,
אויף שטורמישער ברוסט פון די ימים דאָס שווימען פון שיפן,
דעם דראנג פון דעם מאן צו דער פרוי, וואָס ער קומט פון די טיפן...
....

א פלאם אויפן טורעם פון דוד... די זון ביי דעם ראנד פונעם הימל
צעגאָסן האָט עמערס באגין־גאָלד אויף ירושלים.

פון שטויב אויפגעשטאנענע — דערהייבן די ליבשאפט צו גאָטס
שטאָט האָט שלמהן.
ער זעט: מיט די שאָטנס אינאיינעם איז אמנון פארביי אים.
זיין בלוט אויפן פייפל אין מויל פונעם טאָג שפּאָגל-נייעם...

געטריי, ווי דער גערטנער, וואָס נאָכן געוויטער אין גאָרטן
באקוקט, שאצט דעם שאָדן, די פּרות, ווי קינדער, ציילט איבער,
אזוי נאָך דער דאָזיקער נאכט, וואָס ער פילט נאָך איר פיבער,
איר פלי איבער אים מיט איר פינצטערן פאָכן און שטיקן, —
געגארט עס האָט שלמה דערזען זיך מיט אייגענע בליקן.

זיין אויג וועט ניט ליגן. אין שפּיגל פון דמיון פון זיין ער אויף
זיך וועט א קוק טאָן.
אים דוכט זיך: זיין לייב לויכט, ווי עלפאנטביין ריינער, באזעצט
מיט סאפירן.
די פּיס, ווי די פעסטע און איידעלע זיילן פון מירמל, וואָס
טעמפּלען באצירן.
דער קאָפּ קוקט אראָפּ, ווי עס קוקט פון דער הייך פון לבנון
דער צעדער —
פון די, וואָס מע פלאנצט און מע כאָוועט פּאלאצן צו בויען.

און דאָך פאסט די ליבע צו אים, ווי אום פרילינג צו ביימער
די בליונג,
אזוי ווי צו בלעטער, צו בלומען, צו גראָזן די טויען.
זי הויערט אויף אים און א יעדערנס אויג טוט געפעלן,
און וועט ניט פארטונקלען א שלמהן אין אים, ניט פארשטעלן.
אים קאָן ניט און וועט ניט פארדארבן קיין אמנון־און תמר־נסיון!.

דער טאנץ פון מחנים

„מיין פריינד, קום אין פעלד!“
און ער שפּרינגט, ווי א הירש, אויף די בערגלעך
פארהיט זיינע טריט צו באריר ן די שחרית־געוועבן
פון נעפל און שטילקייט — דעם איידעלען, זיידענעם שלייער,
וואָס צינדט זיך אָן, קרייזט זיך, ווי קטורת, ווי רויך הייבט אָן שוועבן.

אויף זייַנע געלאָקטע האָר זיצט נאָך די נאַכט מיט די טויען...

די נאַכט, ווען ער לעבן דעם פאָטער, די ברידער, ז׳געזעסן,
באַווייַנט אמגוגס טויט און געקלערט וועגן זיין פונעם לעבן.
נאָר קען דען א פויגל זיין נעסט און זיין „זי“ לאַנג פאַרגעסן?

אויך שלמה, וואָס זעט אין דער שיין פונעם טאָג גאָטס פאַרגעבן,
ער קערט זיך איצט אום צו זיין גאָרטן מיט רויזן־דופט זיסן,
צו טרינקען זיין ווייַן און זיין האָניק געניסן.

נאָר ווייזט אוים, די שאָטנס, וואָס גרויזאַמע נאַכט האָט געשווירן
מיט זיי אים צו פאַנגען — פאַרבלייבן ניט, ווילן ניט שטאַרבן,
דעם וועג אים פאַרשטעלן, אויף זייַנע טריט וואַרטן און לויערן,
אַזוי ווי די שעדיקער פוקסן די ווייַנגערטנער טרעטן, פאַרדאַרבן.

און ס׳פרעגן אצינד ביי שולמית די מיידלעך און זאָגן:
„ווו איז ער, דיין פרייַנט, וואָס מע זעט אים ניט קומען?
ווו וואַנדערט אַרום דיין געליבטער? ווו קלויבט ער הייַנט בלומען?
קום, לאָמיר אים זוכן ביז נאַכטן עס וועט און ביז ווידער וועט טאָגן“

שולמית געהאָרכזאַם שטייט אויף און די חברטעס שווערן:
„וווהין זי וועט לויפן, זיך וועגדן — אהין אויך זיי קערן“.

זיי נעמען זיך אָן ביי די הענט און זיך שלענגלען, זיך דרייען
אין טאָל און אויף באַרג אין א שנור אין א לאַנגן און אָט
בלויז אין צווייען

אַזוי אויף פאַרשיידענע וועגן און שטעגן די פרייַנדינס געטרייַע
דעם טאַנץ פון דער מיידלעשער בענקשאַפט זיי טאַנצן —
דעם טאַנץ פון מחנים.

אויף הפקר די שאָף לאָזן איבער — די זון זאָל זיי פאַשן! —
און זינגען א ליד צו שולמית, אליין עס פאַרפאַסן.

נאָר זע! יענע פּאָרלעך, וואָס זענען געגאַנגען אויף רעכטס,
באַלד געטראָפן
זיי האָבן אין זאמדן צעגליטע שולמיתעס פריינד ליגן-שלאָפן.

און תיכף אויך די, וואָס פון לינקס אָנגעקומען, זיי האָבן געטראָפן
די חברטעס-פּאָרלעך שוין זיצן און רעדן צו אים און אים שטראָפן.

נאָר זיי מיטן דריטן און מיטעלן וועג אָנגעקומען
עס זענען די אנדערע מיידלעך מיט רווישיקע בינען-געזשומען.

האָט שלמהן אין שלאָף אויסגעדאכט זיך: ער הערט א געיאָמער —
ס׳געוויין פון די טעכטער פון ירושלים אויף אמנון און תמר...

נאָר טיפער ער האָט דאן דעם קאָפּ אינעם זאמד איינגעגראָבן.
די מיידלעך דערוויל אין א ראָד, וואָס זיך ברייטערט, געפאנגען
אים האָבן.

די מיידלעך, וואָס אלע אים ליבן, אין לידער באַזינגען —
זיי בילדן אצינד ארום אים פעסט-געשלאָסענע רינגען.

נאָר ווען מיט די לעצטע זיך האָט אויך שולמית באַוויזן —
זיי שטייען אויף אלע
און ס׳ברענט אין איעדער די גליאיקע בענקשאפט פון כלה.

זיי נעמען זיך אָן ביי די הענט און זיך שלענגלען, זיך דרייען
אין טאָל און אויף בארג אין א שנור אין א לאנגן און אָט
בלויז אין צווייען.

אזוי אויף פארשיידענע וועגן און שטעגן די פריינדינס געטרייע
דעם טאנץ פון דער מיידלעשער בענקשאפט זיי טאנצן —
דעם טאנץ פון מחנים.

און קומען צוריק צו די שאָף שוין מיט זונפארגאנג ראָזן,
און זעען: עס בלאָנקען די סטאדעס צעזייט און פארלאָזן.

„ווער ווידער צו אייערע שאָף איז געקומען פארנארן אייך, רויבן?
מיט וועמען שפּאצירט איר, פארברענגט, און איר וואָרקעט, ווי טויבן?“

ווי ס'האָבן די מיידלעך דערהערט דאָס — זיי זענען געשווינד צוגעלאָפן
צו זייערע חתנים, וואָס האָבן זיי אויפגערעגט-בייזע געטראָפן.

מיט צארטקייט זיי גובר געווען דאָך, מיט ליבשאפט ארום און
ארום זיך גערינגלט
א יעדע דאָס מויל פון איר פריינט מיט איין האנט האָט פארזיגלט.

מיט צווייטער זיין האלדז פעסט פארקלאמערט, באָטעמט זיין אויער:
„עס האָבן ניט יונגען געפירט אויף שפּאציר אונדז, נאָר כלהשער טרויער„

„צי זייט איר דען תמרס? צי אמנונס דען מיר — די חתנים?
(די פּאסטעכער ברומען און קוקן באליידיקט די מיידלעך אין פּנים)

צי אפשר שוין ווידער דער פּאסטעך געהיימער, דער פרעמדער —
דער פּאסטעך געהיימער אין זיידענע העמדער?

ווו פיטערט די שאָף ער? ווער האָט זיינע רינדער באגעגנט?
צי ברענט אים די זון אויך, ווי אונדז, און צי האָגלט אויף אים
און עס רעגנט?

ווו האָט איר געזען היינט זיין שאָטן? און וואָס פּאר א שפּאלטן
פון פעלדזן זיך האָט היינט דער גיפטיקער שלאנג אויסבאהאלטן?

ווער איז ער, וואָס טרינקט אונדזער וואסער? מיר ווילן אים קענען!
א פּאסטעך, ווי מיר, צי אין בלוט זיינעם ברענען

גאָר פירשטלעכע תאוות, דער דאָרשט זיינער — סם איז?
איז וואָר, אז ער וואלגערט זיין קאָפּ אויף דער ברוסט פון שולמית?„

דערשראָקן זיך האָבן די מיידלעך פאר פּאסטעכער-צאָרן,
וואָס בלינד איז און ווילד, ווי דער אָקס, ווען ער נעמט אויפן האָרן

און האָבן צו זיי זיך געטוליעט, געגלעט זיי, געקושט און געקניפּן,
ביז ווידער א פלאטער געטאָן האָט שולמיתעס נאָמען אויף אלעמענס ליפּן.

א צארטע, א שלאנקע, ווי רויך פון א קרבן, וואָס גאָט איז געפעלן,
זי קומט פון דער מדבר אין שלייער פון שטערן-ליכט העלן.

דער שרעק פון די מיידלעך איז גלייך, ווי דער נעפּל אויף זון,
זיך צעגאנגען.
זיי פרעגן און ענטפערן זיך, ווי ג׳געזאנג פון געזאנגען:

טרעפט, ווער איז אָ־די, וואָס זי קומט אין א טאנץ פון דער וויסטע,
און גייט אָנגעלענט אויף איר פריינט אין דער אָוונט-שיין זיסטער?

— ס׳איז די, וואָס זי לערנט איר פריינט, וואָס איז אנדערש פון אלע
די פאסטעכער-ליבע, דעם הייליקן זין פון א כלה.

און מעג ער זיין אמנונס א ברודער, און מעג זיין, אז ער וועט באזעצן
דעם שטול פון בית־דוד—ביי אונדז ער זיך לערנט די ליבע צו שעצן...

די פאסטעכער הערן: א ליד אין די רייד איז פארזיגלט —
א ליד, א נבואָה, און יעדער פארגאפּט אין זיין פריידן זיך שפּיגלט

אויך שלמה פארליבט האָט געקוקט — זיין געזיכט, ווי די מאָרגן-זון
גאָלדיק-צעצונדן
אקעגן שולמיתעס פּנים לבנהש-פארקילטן און רונדן...

קיניג שלמה, רויטער תשרי און דער פעלד־האר יואָב

אין לבוש פון רויטן תשרי שלמה זעט זיין גאָרטן:
קופּער, מעש און בלוט — די שקיעה אין דער הייך.
ס׳טוט זיין הארץ א ציטער: אויף די אָוונט-ביימער

ווידער הענגט פאר אים דער פעלד־האר יואָב
א געקעפּטער ביי די הערנער פון מזבח...
יעדן תשרי — אלץ די זעלבע זעאונג, וואָס זי בלייבט זיין עוולה־סוד.

יואָבס בלוט פאר אים — זיין גרעסטע זינד אקעגן גאָט.
שלמה זיפצט. ער ווייסט, אז אָט דער טרייער
מאַן — געקנאָטעגער פון בלוט און פייער —
האָט דאָך קעגן אים ניט ווידערשפּעניקט סתם.
ער ט׳געהאָלפן פירן דורן מלחמות
מיט די פּלשתים, מואָב, אדום און ארם.

שטארק געמאַכט דאָס פאָלק און גרויס דאָס לאַנד.
קלערט אזוי אצינד דער יונגער מלך שלמה,
לאַנג באטראַכט דעם גאָרטן אין זיין תשרי־בראַנד,
און ער זאָגט צו אים: „ווי דו, אין פארב־געקלאַנג, מיין ליבער,
ווי דו, אָ תשרי מעכטיקער, פארוועלקט עס האָט מיין גבור
אין זיין פּאַנצער און מיט שווערד אין קריגער־האַנט...

אים, דעם העלד פון אלע העלדן, האָט געשראָקן, אזש געמאַכט אים דול
האָט מיין מלכות איידער נאָך געזעסן כ׳בין אויף דודס שטול.
בלויז נאָר פארן מילדן שמייכל אין מיין אויג —
אויף מיין קלאָרער יוגנט אין זיין שנאה שוין געפאלן טונקל, שווער
ווי מע טרייבט די קראָען פונעם ווייצן־סטויג,
ער געטריבן האָט פון מיר מיין קיניג־טרוים־באַגער.

שוין פארפאָלגט ער האָט מיך אין זיין פרייגד —
מיין מאַמעס ערשטן מאַן,
וואָס ער האָט אומגעבראַכט לויט דודס פינצטערן באפעל.
אָבער פּונקט ווי פון געבורט אמאָל אויף שיין געזיכט א רויטער
פלאַם איז —
לאַנג, נאָך לאַנג דער טרויער איז פארבליבן אין מיין מוטערס זעל.
האָט מיט דעם דערמאַנט זי אים אין זיין פארברעכן? צי
געגלויבט האָט ער,
אז דאָס שלאָף־בעט פון זיין גרויסן קיניג זי אזוי באליידיקט שווער?

ס'פאלט מיר איין, אז נאָר פאר יענע טרערן, וואָס מיין מאמע ביי מיין וויג
האָט פארגאָסן — ער האָט דעמלט מיר דערקלערט שוין קריג.
ער פלעגט שפּעטן דאָך, אז דער זון פון קריגער דוד איז,
נאָר דער קלאָגערנס בת־שבע, וואָס אויף אירע קני זי האָט
דערצויגן מיך —
זי מיט אירע איבערבעטלער — הענט און ווערטער שווערע, טריבע
אויף צו לעסטערן די שווערד און פריזן הויך דעם פרידן און די ליבע.

ווייט פון זיינע אויגן מ'האָט דערפאר באדארפט מיך ברענגען
פון די שאָף, פון פאסטעך־ביידל, אין א יענעם וואונדערלעכן טאָג,
ווען זיין כהן ס'האָט דער שטארבנדיקער מלך מיך באפוילן זאלבן.
לאנג ארומגעזוכט מיך האָבן די שליחים ביז די שוואלבן
האָבן, פליענדיק פאָרויס און צוויטשערנדיק, ערשט אויסגעזאָגט
ווו איך מיט מיין אויסדערוויילטער טו אין פעלד פארברענגען.

כ'ווייס, אז ער, וואָס בלוט געפלייצט האָט אין זיין גארטל,
ער, וואָס שטעט און לענדער איז באפאלן צוליב שלאכט, —
וואָלט אויך היינט באטראכט מיך פאר א ליאדע טויבן־יעגער,
ווייל איך האָב די וועלט צו מיר אין נעסט געבראַכט,
ווי די פאווע, וואָס אויף שפּרוכן פון מכשף
איז אליין צו אים געקומען אין איר גילדנער ציר...
ווער זשע ווייסט ניט, אז אויף אלע זיבעציק לשונות
האָב גערעדט איך צו דער וועלט און זי צו מיר?

אירע שיינע טעכטער מיר געשענקט זי האָט פאר וויבער,
אויך דעם מירמלשטיין און מעש און גאָלד זי האָט מיר אָנפארטרויט,
און די קלוגע הענט פון אירע גרעסטע מייסטערס
האָבן מיר א פאלאץ און א הויז פאר גאָט געבויט.

מיט די שטארקע שטאָלצע אשור און מצרים
און די געטער זייערע — וואָס האָב איך געטאָן?
זיי פארקערט אין חיות שטומיקע געטרייע...
דו נאָר, זון פון צרויה, האָסט געהאסט מיין ווייסע פאָן!

איידער נאָך אויף דורס שטול איך בין געזעסן,
פלעגט דאָס בלוט דאָס צוגעזאָגטנס צו דיין גארטל, צו די שיך —
ווען דו האָסט געזען מיך — נעמען ווידער קאָכן, נעמען ווידער זידן —
ס'בלוט, וואָס דו פארגאָסן האָסט געטריי דיין קריגער־פליכט!..."

שטייט און רעדט נאָך לאנג דער קיניג שלמה אין דער טונקל
צו דעם גאָרטן, וואָס דערברענט זיין תשרי־בראנד,
בויגט זיך אָן, הייבט אויף א געלן בלאט און קושט אים —
קושט אזוי דעם גרויסן טויטן שלאכטמאנס האנט...

אבישג השונמית

אזוי ווי אין זומער־נעכט יונגע צעשאלט זיך א מעכטיקער דונער —
אבישג דערהערט האָט דאָס גרויסע געשריי אין איר בלוט.
נאָך דודס טויט — שלמה, דער צארט־יונגער קיניג, —
אן אויפגאנג פון זון איר,
בעת אדוניהו פון קנאָה פארסמט, ניט פארגיניק —
פאר איר איז דער פינצטערער נאכטישער שטורעם מיט בליציקער רוט.

זי ווייסט, אז באליידיקט ער שפרייט זיינע נעצן.
ער אויסטרינקען וויל פון איר יוגנט דעם וויין.
אָט בעט זי ביי גאָט און אָט קניט פאר די געצן —
ס׳זאָל פאלן באצייטנס אויף איר שלמהס גנעדיקע שיין.

שטאָק פינצטער. אבישג, אזוי ווי א שאָטן א שטומער, א בלינדער,
פלאר פויזט אויף דער ערד — זי דערגרייכן אזוי וויל דאָס
קיניגלער זומער־געצעלט.
די עטלעכע שטערן — די לויטערע אויגן פון קינדער,
וואָס איר איז נאָך אפשר צו ברענגען באשערט אויף דער וועלט —

זיי ווינקען צו איר, אז זי זאָל פאר דער וואך זיך ניט שרעקן.
צעגליט פון איר חלום, פון יונגפרויע גארן, יונגפרוישער גלוסט —
זי שטייט שוין פאר שלמהס געלעגער... אָט וועט זי אים וועקן...
ניין! פריער פארהייבט זי זיין צודעק, א קוש טוט זיין פוס.

אומזיסט. ווי א פאסטעך פון גלעד, דער קיניג געשמאק שלאָפט,
ניט פילט דעם באריר פון די ליפן.
אבישג אויף דר׳ערד זיצט און שמייכלנדיק שווייגט לעבן אים.

ביז ס׳פלאצט איר געדולד... זי אין כעס האָט זיין דיקן פוס־פינגער געקניפן...
און שלמה דערוואכט און באמערקט זי, דערהערט אויך איר שטים:

„די שליחים פון דוד מיך האָבן פון אונטער די שאָף אויסגעקליבן.
געבראַכט מיך צו אים א קלאָר ציגעלע נאָך מיט פריש ציגעלע־בלוט.
מיין גריין־אלטן הערשער געדיגט האָב איך טריי — איך זאָל
ווערט זיין צו ליבן
נאָר דיך, גרויס־צעזוניקטער קיניג, און ניט אדוניהון, מיין
שלאקס־רעגן־רוט.

ניין, כ׳וויל ניט. עס זאָל אדוניהו רויט־גיריק פארשווענקן דעם בעכער
פון וועלכן געטרונקען דיין זעליקער פאָטער עס האָט.
דערלויב זשע צו זיין כאָטש דיין ווינשטאָק, דיין שאָטן, דיין פעבער —
אזוי מיר דורך הייכטיקן דונער געהייסן דיר זאָגן האָט גאָט..."

געטאָן האָט א מילדן קוק שלמה און תיכף א ווייטאָג א שטומער
פארקלעמט האָט זיין הארץ — זי אויך איצט נאָך א זויבערע ציגעלע איז!
נאָר, וויי, זי זיין ווייב קען ניט ווערן: ווי שיין, וואָס ער וואָלט
אויסגעפאלן אום זומער,
אויף איר דורס עלטער זיך שיט — זי פארדעקט פונעם קאָפּ ביז די פיס...

די שיף אויסגעבויטע פון שלמה דעם קיניג

עס שווימט אויפן ים־סוף אין כוואליש: שוים
די שיף אויסגעבויטע פון שלמה דעם קיניג.
זי גייט אלץ אהין, ווי די וואָר איז נאָך פרוים.
די חכמה פון שלמהן איר שווימען באזיגיקט.

די חכמה פון שלמהן באנאנד מיט לבנה,
און ביידע אין רוים פון דער נאכט איינגעפאסט
אָט דאָ איבער ים — גלייך פאר אים א מתנה —
זיי פירן א שמועס נאָר איידל פארפאסט.

אז גורל פון פעלקער — דער גורל פון שטערן.
טייל בלייבן און ליכטן, טייל פאלן אראָפּ.
ביים ווערן צעבראָכן — דעם קלאפּ טוט מען הערן
גענוי, ווי ביי פּשוטן ליימענעם טאָפּ.

און נאָך זיי גערעדט וויפיל שיף איז געשווימען
פון כנען אהין, ווו דער ים איז מער טיף.
אז אנדערע ים-לייט נאָך זיי וועלן קומען,
נאָר אלע גערעדט זיי וועלן די שיף,

אויף וועלכער כנענים און עברים געגאנגען
די ערשטע אויף ימים זיי זענען באנאנד,
גערעדט אויף דעם לשון פון שלמהס געזאנגען,
און אויך אויף דעם לשון פון צור — חירמס לאנד.

געזאָגט חירמס מענטשן צו שלמהס: מיר וועלן
אייך לערנען דעם וועג פון די ימישע וועלן.
געזאָגט שלמהס מענטשן צו חירמס: און מיר —
אייך לערנען צום אייביקן גאָט דעם שפּאציר.

דער ווינט האָט געכאפּט זייערע רייד און באהאלטן
אויף גרונט פונעם ים, אין די כוואלישע שפּאלטן,
אין שלאָג פון די וועלן זאָל בלייבן דער קלאנג —
סעמיטישע בענקשאפט, סעמיטישער דראנג
אָט דאָ, אונטער אייביקן שטערן-געזאנג.

נאָר דאָס איז בלויז פּירוש. דער פּסוק אליין,
וואָס איז דער תוך פונעם ליד, אי זיין חן —
דאָס איז אויפן ים-סוף די יידישע שיף,
די שיף אויסגעבויטע פון שלמה דעם קיניג.
זי גייט אלץ אהין, ווו דער ים איז מער טיף.
די חכמה פון שלמהן איר שווימען באזיניקט.

די חכמה פון שלמהן באנאנד מיט לבנה,
און ביידע אין רוים פון דער נאכט איינגעפאסט
אָט דאָ איבער ים — גלייך פאר איר א מתנה —
און פירט א שמועס גאָר איידל פארפאסט
אויף יונג לשון קודש מכתם, אויף דער שפּראך —
דער מירמל צום קינפטיקן פּאלאץ תנ״ך...

שלמהס משפּט

בארבו לאזארעאנון.

ווער ווייסט ניט, אז דוד געפירט האָט מלחמות,
און שלמה געווען איז דער קיניג פון פרידן.
עס האָבן צו אים זיך געצויגן אי קעמלען, אי שיפן,
פון תרשיש און אופיר, פון צור און פון צדון.

איז מאכט זיך, אין איינער פון אָט אָ־די ים־שטעט
האָט שלמה א קנעכט פאר זיין שיינער צפּורה
געגנבעט א פּאווע, הגם ס׳האָט געהויערט
אויף אים פון „לא תגנוב" די גרויזאמע מורא.

נאָר ס׳האָט שוין דער נאָמען פון שלמהן געקלונגען
אויף אלע ארומיקע לענדער און ימים,
און ס׳האָבן די סוחרים פון גאָלדענעם אופיר
זיין קנעכט אָפּגעשיקט מיט דער גנבה צוזאמען.

דאָך אלע זיי קומען צו הערן דעם משפּט
פון דעם, וואָס געווען איז אי מלך, אי ריכטער:
פון דעם וואָס געזאָגט האָט: „לא יגנוב כי ירעב"
אין זיינע משלים, וואָס ער האָט געדיכטעט.

און כאָטש גוט געוווּסט האָט דער וועלט־חכם שלמה,
אז שווערער פון הונגער איז אָפּטמאָל די ליבע, —
ער גרייט זיך זיין קנעכט צו באשטראָפן. געשיקט זיך,
פארהוילן פאר אים איז די איידעלע סבה?

צי שולדיק עס זענען די ים־לייט, וואָס מאָנען
א שטראָף גאָר א הארבע? „דער קנעכט האָט — זיי טענהן —
ביי ים־ברעגעס פרעמדע דעם שם גוטן שלמהס
פארשעמט און מיט דעם אויך פארמינערט זיין שיינען".

צום פענצטער די אויגן קערט אָפּ מלך שלמה.
שוין לאנג שפּעטער הארבסט איז אין לאנד אָנגעקומען.
א שטאָך ער דערפילט אין דער ברוסט, גלייך א שפּארבער
א פּיק געטאָן האָט אים מיט שנאָבל מיט קרומען.

דער ווייטאָק דער שארפער — ער וועקט ניט קיין מיטלייד?
ס'איז אמתער צאָרן ביי שלמהן, צי מאכט זיך א שפּאס ער?
„דעם קנעכט זאָל מען פירן צום ים — זאָגט דער קיניג —
א גאנצע נאכט נאקעט אים האלטן אין וואסער.

די ווינטיקע חשון־קעלט זיין זאָל ז י י ןביידל,
די הארבסטיקע שטערן — זיין צודעק, זיין סכך זיין.
נאָר ביז אין דערפרי פון דערווייטנס א שייטער
אויף ברעגויקע זאמדן זאָל צאנקנדיק וואך זיין..."

ס'איז קיינער ניט משיג, וואָס אויסן איז שלמה
דערמיט, וואָס אויף ברעגעס זאָל ברענען א פייער.
וואָס קען עם דען העלפן צום פרירן אין וואסער
אויב ס'איז אים דאָס לעבן פון קנעכט וירקלעך טייער?

די ים־אורחים פרעמדע פארחידושטע זעען:
דאָס ווינטל נאָך שארפער די נאכט־קעלט טוט שלייפן,
און דאָך בייגעקומען דער קנעכט איז דעם עונש,
און קיינער פון זיי קען דעם נס ניט באגרייפן.

דאן האָבן צום קנעכט זיי געווענדט זיך: „זאָג ליבער,
אין וואָס פאר א זכות דו געבליבן ביסט לעבן?"
— „די חכמה פון שלמהן — זי איז אונדזער פאנצער,
און אויך אין זיין שטראָף איז פאראן א פארגעבן.

ס'איז וואָר: ס'האָט צום טויט מיך פארמשפּט מיין מלך,
נאָר גרויס איז זיין גנאָד, ווי איר הערן וועט ווייטער.
ווייל ווען ס'איז מיין גוף שיעור פון קעלט אומגעקומען —
א קוק געטאָן האָט מיין נשמה צום שייטער...

און איך האָב געזאָגט מיר: מיך לערנט מיין קיניג —
ניט שטאַרבן! און זעט, אז איך בין ניט פאַרזונקען.
צעשמאָלצן איך האָב פון דער קרירה די קייטן
אין גאָר ווייטן אָפּלאַנץ פון וואַרעמע פונקען".

עס הערן די ים־לייט דעם קנעכט. זיי דערמאָנט זיך:
ווען ס'כאַפּט זיי דער שטורעם אויף ימים־אינסופן,
און שליידערט און וואַרפט זיי אין כוואַליסן אָפּגרונט —
עס פעלט זיי אוים אָפּט אָ — די לערע פון האָפן...

באַרייכערטע שפּאַגן זיי אָן אַלע זעגלען,
צום גאָלדענעם אופיר — די שיפן זיי טרייבן,
און פירן לאַנד איין און לאַנד אוים שלמהס משפּט,
וואָס סופרים אין שטיין אים פאַרקריצן, פאַרשרייבן.

און ווען ס'קומען ווידער די סוחרים מיט סחורות
צו שלמהן, וואָס קיניגט מיט חכמה און פרידן,
פאַרגעסן זיי ניט פאַר דעם קנעכט אויבעט ברענגען
מתנות פון אופיר, פון צור און צדון.

אין גלעזערנעם זאַל

1

אין גלעזערנעם זאַל, דאָרט, ווו שלמה באַגעגנט
זיין גאַסט האָט — די מלכה פון וווּנדערלאַנד שבאָ —
אים אויסגעדוכט האָט זיך: ס'פאַרכמאַרעט זיך, רעגנט,
צי גאָר עס באַפאַלט אים די נאַכט טונקל־בלאָ...

די פאַרב פון איר הויט, ווי דער אָוונט אין גושן,
איר קלייד — האַריזאָנט־שיין מיט פלאַקער ביים זוים.
מיט באַרג־לופט עס שמעקט און געגומען האָט רוישן
אין פאַלאַץ א ווילדער און מעכטיקער בוים.

און דאָך איז זי קליין — אויף דלאָניע זי נעמען,
און קוקן אויף איר, זי באטראכטן פֿארגאפֿט —
די האָר און די בריסטלעך, די אויגן, די ברעמען...
איז זי דאָס דער ביישפּיל פֿון פֿרויען־באשאף?

א שרעטעלע, דוכט, און זי פּילט אָן דעם חלל
פֿון זאל מיט א צויבער פֿון זומער־פֿארנאכט.
איר כישוף? דער קאָפּ... די לבנה אין גליל
איז אויך אזוי גרויס און אויך הערשעריש־וואך.

עס שטייגערט די שטילקייט, ווי ערב געוויטער.
נאָר שלמה — ער זיצט אויף זיין שטול און ער ווארט.
ער שמייכלט: דאָס גלאָז פֿון די ווענט טוט א ציטער,
דאָס גלאָז פֿונעם דיל האָט שוין אויך אָפּגענארט.

א בלענד געטאָן האָט עס, א לויז, ווי א וואסער,
פֿון אונטער די פֿיס ביי דער מלכּה פֿון שבֿאָ.
די קיניגן קוקט צום משלים־פֿארפֿאסער:
געשיקט זיך, איר קלייד דארף זי נאס מאכן דאָ?

און גיט עס א כאפּ, טוט א הייב ביז די קני עס,
נאָר באלד, דאָרט דערמאָנט זיך אין עפּעס, בלייבט שטיין.
אראָפּגעלאָזט האָט זי פֿארשעמט אירע וויעס:
די האָר אויף די פֿיס, ווי דער מאָך אויף א שטיין...

דאָך שלמה דער קיניג האָט מער נאָך געליטן,
וואָס איבערגעריסן זיך האָט זיין פֿארגאף,
און איז מיט זיין קלערן געבליבן אין מיטן...
צעלאכט זיך עס האָבן די קראָ און דער אף —

אָט דאָ, פֿונעם פּאלאץ, די שטענדיקע שפּאסערס
פֿון מענטשלעכער פֿאלשקייט און מענטשלעכן גרייז.
נאָר שלמה זיין גאָלדענע רוט זיי שוין ווייזט,
און אלע שוין זענען געקומען אין כּעס ער.

דער ערשטער זיין אָדלער באמערקט שלמהס צאָרן,
א ריס זיך געטאָן האָט צום אַף און דער קראָ,
און ווידער איז שטיל אינעם פּאלאץ געוואָרן.
איר מויל האָט געעפנט די מלכּה פון שבֿאָ.

א שטים, ווי ביי פייגל אין פריען באגינען —
די פארביקע פייגל פון קופּערנעם כוש.
אויף ליפּן, וווּ ס'מינען זיך הונדערטער זינען,
איר וואָרט האָט געשפּילט און געגארט שלמהס קוש.

געשניצטער פון איידעלע זילבער-מנורות,
פארצווייגטער פון הירשענעם הערנער-געפלעכט —
איר רעטעניש איז דאָך ביי יידן אויף דורות
פארבליבן א מוסטער פון חכמה-געפעכט.

2

די שפּיל קומט צום סוף... אין די טונקעלע חידות
פון קיניגן שבֿאָ האָט דער חכם דער קיניג
זיין ליכט אָנגעצונדן און אלץ איז באזיניקט...
דאָך ניט זיין געדאנק — זיין נשמה גאָר מיד איז.

און אָנהייב ער האָט ניט די סבה באגריפן:
צי האָט אין איר נעץ אים די קושית געפאנגען?
נאָר פלוצעם צו אים עס דערגייט פון די טיפן
זיין שטענדיקע בענקשאפט: ס'געזאנג פון געזאנגען.

ווי זאָל מען פארשטיין עס? געחוסט האָט דער קיניג:
עס איז, ווי איר ליבע, שולמית געשטאָרבן.
די ליפּן דאָך פליסטערן שטיל: „זיי פארגיביק,
וואָס כ'האָב ניט דיין גאָרטן געהיט, אים פארדאָרבן".

און ס'האָט זיך צעזונגען אין אים שיר השירים.
ער ווידער האָט היינט זיין שולמית געפונען.
„מיין ליבע פון גאווהשער חכמה באשירעם" —
דערהערט ער איר שטים, ווי א בת-קול, איצט ברומען.

עס זעט מלכה שבאָ, אַז פאַרביי איז איר צויבער,
ס׳איז ווייט שוין פון איר שלמהס בליק, ווי אַ שטערן.
און ס׳פּיקט אין איר קאָפּ אַ געדאַנק, מעשׂה רויבער:
ער וויל פון איר ליבערשט אַ נאַרישקייט הערן...

זי איינגיין אויף דעם וועט. זי וועט זיך דערלויבן!
...און האָט זיך צום שלאָף־בעט פון שלמהן דערהויבן...

שלמה, די לבנה און די מלכה שבאָ

עס איז די לבנה באַפאַלן די שטאָט,
און שלמה באַמערקט, אַז איר הערשאַפט זי האָט
פאַרשפּרייט אויף די ווייטסטע געצעלטן.

אויף ווייס פאַרבט זי איבער אפילו אַ ראָב
די מלכה פון שבאָ בלויז פאַרמאָגט אַזאַ קאָפּ
אַ גרויסן און פלאַמיק־צעהעלטן.

נאָר יענע — די מלכה פון שבאָ — מיט אַ ברען
אין חכמה אין זיינער פאַרטאָן איז געווען,
געצויבערט זי האָט פאַר זיין טיפקייטן־שפּיגל...

און זי — די לבנה — פאַרליבט איז אין זיך,
אין אייגענער שיין, אין איר אייגן געזיכט,
פאַרכישופט אין אייגענעם עיגול.

שוין עטלעכע נעכט

שוין עטלעכע נעכט, אַז דער שלאָף איז פאַרוואַגלט
פון שלמהן.
אַ שפּיל־פויגל פרעמדער, וואָס פייערט און האַגלט,
צעטרייסלט אין גאָרטן די רוימען.

איז שכור פון ליבע דער בריהשער זינגער?
צי האָט אים פארלאָזט א געליבטע פארשייטע?
ווען איז ער געקומען דער זיסער באצווינגער?
פון וואָסערע קאנטן — פון נאָנטע, פון ווייטע?

און שלמה דער חכם, וואָס קען אלע שפראכן
פון חיות און עופות — צו אים היינט דערגייט ניט
פון נאכטיגאלס ליד זיינע טענות און מענות.
ער פלוצעם דאָס פויגלשע לשון פארשטייט ניט.

פון בעט שטייט ער אויף, שלייכט ארוים אינעם גאָרטן,
קומט אונטערן בוים, וווּ דאָס נפשל טרילערט.
עס שיטן זיך פונקעלער־קלאנגען אויף שלמהן...
ער פילט, אז פאר פלאקער פאר דעם ער די ציל ווערט.

עס ווענדט דאן דער קיניג די אויגן צום פאלאץ,
און קעפּסווייבער־הויז שיינט א ווינקלדיק פענצטער —
א פענצטער — איין־איינציקס... איז דרינגט דערפון שלמה:
דער נאכטיגאל זינגט דאָס אהין, צו זיין שענסטער...

מען האָט זי אָבער ערשט געבראכט פון די רינדער.
דער פויגל? אין אים זע א פאסטער פארשטעלטן.
ער קומט יעדע נאכט צו באווייגען זיין ליבע
באהויבטע. און ניט בלויז באַוויינען — אויך שעלטן.

מיט אויער צום טרילער — וואָס האָרכט איצט דער קיניג?
געוויטער און צארטקייט באגלייך הערט ארוים ער!
„א פאסטער פון שאָף און, ווי ער, זאָגט ער שירה...“ —
פארשעמט האָט זיך שלמה, דער זינגער דער גרויסער.

און ער איז אוועק צום באלויכטענעם פענצטער
דעם אָרעמען שפיל־פויגלס „זי“ צו באפרייען,
פארלעשן די שויב און דאָס ליד אינעם גאָרטן,
און אָנצינדן ליכט אינעם אייגענעם רעיון...

שוין עטלעכע נעכט, אז דער שלאָף ט'אומגעקערט זיך
צו שלמה דעם קיניג... ס'איז גוט אים צו וויסן,
אז דאָרט, אין די בערג, אין די פאסטעכער־צעלטן,
ער האָט איצט צוויי פריינט, וואָס מיט ליפּן מיט זיסע

פון זאפטיקע קושן — זיין נאָמען זיי לויבן...
ער שלאָפט און אין חלום עס וואָרקען אים טויבן.

וואָס ניט געוווסט האָט אויך דער קלוגסטער מאן

א.

די קלוגסטע פון שלאנגען — דער נחש הקדמון —
פלעגט יעדן טאָג קומען צו שלמהן צוגאסט,
א שמועס פארפירן, אים האלדזן און רימען —
געזאָגט, אז נאָר זי פאר א קראנץ שלמהן פאסט.

אויך הייגט גליטשיק־ליסטיק די שלאנג איז דערשינען,
זיין שטערן געקושט, מיט איר הויט אים געגלעט.
געשארט זיך, געוויקלט, געטריפט אים אין אויער:
„אויך דו ווייסט ניט אלצדינג, מיין חכם־פאָעט".

און שלמה, וואָס פיינט האָט געהאט איר חניפה,
האָט ווילק געהערט אירע גיפטיקע רייד.
ווען זי איז אוועק, ער באפעלט האָט דערלאנגען
זיין וואָגן, וואָס שטייט צום שפּאציר אָנגעגרייט.

ווי פארביקע פייגל — אי כשוף, אי כבוד
פאר אים, פאר זיין רייטוואָגן, פליען פאָרויס.
געזען דאָס האָט שלמה, און דאָך לעבט דער צווייפל
באנאנד מיט זיין גלויבן, ווי דאָרן מיט רויז.

„אין הארץ פונעם פאָלק, צי אין אייגענעם דמיון,
ווי בוימאייל ווי גומער, שמעקט דופּטיק זיין שם?“ —
די דאָזיקע פראַגע ניט איינמאָל געפאַנגען
זי האָט זיין געמיט, עס געהאַלטן אין קלעם.

נאָר היינט האָט דער נחש זיין זעל אויפגערודערט,
אזוי ווי דער שטורעם דעם ים ביז דער טיף.
„און גוט אזוי — שלמה זיך זאָגט — אָן געוויטער
דער גייסט טריקנט אויס, ווי אָן וואסער א שיף...“.

גאס איין און גאס אויס... זיין מחשבה זיך שלענגלט,
אזוי ווי די גאסן, דורך וועלכע ער פאָרט...
כאָטש מענער און פרויען די הענט צו אים שטרעקן,
ער האָט ניט פאר זיי היינט קיין איינציק גוט וואָרט.

„איך רייכע ניט שטיצט איך“... ער הייסט דערפאר פאָרן
אהין, צו די געסלעך, וואָס ליגן אין טאָל,
נאָר טרעפט דאָרט בלויז קינדער — די ציגעלער ריינע.
ווי אָרעמשאפט — שיין, ווען זי ברענט צוים און עול!

„וו זענען די טאטעס?“ — ער פרעגט ביי די קינדער.
„די טאטעס? אויף ארבעט זיי מוזן דאָך גיין.
דעם מלא אין דודס שטאָט שלמה געבויט האָט —
אזוי אין «מלכים» א פסוק וועט שטיין!“

דער ענטפער געוועזן איז פאר שלמהן נאָך ליבער
פון פייגל-געצווויטשער פארטאָג אויף א בוים.
און פלוצעם: „דער פיינט דודס שטאָט קאָן צעשטערן,
די שטים פון זיין שטאם וועט דאָך בלייבן אין רוים“.

עס דרייט זיך אוים שלמה צו זען ווער געזאָגט האָט
די דאָזיקע זיסע און ביטערע רייד.
אן אלטעטשקע פרוי מיט א דבור א שארפן
פון מענטש און פון בייזיקער שלאנג פאר אים שטייט.

זי רעדט און זי בוקט זיך: „מיין נאָמען צרועה,
איך בין פון צרדה, די פרוי פון נבט.
ווען ער איז געשטאָרבן, דיין ליב־קנעכט ירבעם
א פיצעלע קינד נאָך געלאָזט מיר ער האָט".

„וווּ זענען די איבעריקע פרויען?" — פרעגט שלמה.
„קוק, יעדע באהאלטן שטייט אונטער איר טיר,
ווייל האָסט ניט פון טויזנט קיין איינע קיין רעכטע
געפונען — איז האָט מען פאריבל אויף דיר.

און מ'האָט מיך געשיקט, איך זאָל אָפן דיר זאָגן:
אונדז, אָרעמע פרויען וואָס טראָגן דעם יאָך
פון קינדלען און שפינדלען, א הילף אויך דעם מאן זיין —
אין שמאלץ־טאָפ איניינעם מיט דיינע ניט קאָך.

נעם צוריק דיינע ווערטער — אויב ליב האָסט דעם פרידן.
א ניט — מיר דעם קריג פירן ווייטער מיט דיר.
דיין מאמע, וואָס איז דאָך די שווערסטע זינד דודס,
וועט אויבעט דיר זאָגן: גערעכט זענען מיר.

און איצט, ווייל די מאנצבילן זענען אויף ארבעט,
איך איינע אליין בין צו אלט, אז דעם בונט
פון ווייבער אזויפיל כ'זאָל קענען דערשטיקן.
ניט האלט זשע דיך אויף דאָ און פאָר דיר געזונט!"

צעלאכט האָט זיך שלמה, בארוישט, ווי פון וויינען,
און האָט צו צרועה אזוי זיך געווענדט:
„ווי ס'שטעלט זיך ניט אָפ די שוואלב אין איר וואנדער —
א פלוך ניט פארדיגטע שוועבט דורך און ניט שענדט.

בין איך דאָך דער מאן, וואָס געזאָגט אויך, געלערנט:
מיט קלוגשאפט פון ווייבער געבויט ווערט א הויז"
„דערביי אויך געמאָלדן — דערמאָנט אים צרועה —
די נארישע פרוי עס צעשטערט און מאכט אוים".

געזען דאן האָט שלמה, ווי פיף זיינע ווערטער
עס האָבן פארקריצט זיך, אין הארץ איר אריין,
און דאנקבאר ער זאָגט צו צרועהן: „ביי מוטער,
ווי דו, מוז דער זון א געראָטענער זיין!

גיב איבער אויך יענע, וואָס פלאנצן און וועבן,
און זענען ביים מאן אי זיין רום, אי זיין ציר:
א לויב צו דער פרוי, וואָס איז טייערער פון פערל, —
צו איר און איר מיזאמקייט צייטיקט אין מיר".

עס פאָרט אָפּ אין בלענדיקן וואָגן דער קיניג,
צרועה, די ווייבער רופט אלע ארום.
און ווידער אי כשוף, אי כבוד געפלויגן,
ווי פארביקע פייגל, פאר שלמהן פאָרוים.

ב.

און דאָרטן ווו שלמה געבויט האָט זיין מִלֹא —
פון פעסטונגען אלע זיין פעסטונג־אנטיק,
דער ארבעטער בעסטער געווען איז ירבעם,
א יונג, ווי א צעדער, און שיין פארן בליק.

מיט יעדן א פריינט און א מאן פון מלחמה,
א מויל פול מיט שפּאס און צוויי גאָלדענע הענט.
פון אלע בנינים די פרעגערס, די מוליערס,
די שניצערס, די שמידערס אים האָבן געקענט.

און ס'איז צווישן זיי אזא זאָג אומגעגאנגען:
„עס לאָזט אָפּ ירבעם, דער זון פון נבט,
אזויפיל שטעכווערטער און וויצן אויף שלמהן,
געניי וויפיל ווייבער צום שלאָפן ער האָט".

און כאָטש ס'איז באוווסט, אז א זון פון נעם דלות
ער איז גלייך מיט זיי און ער טראָגט אויף די לאסט,
וואָס שלמה מיט איר האָט דאָס פאָלק שווער באלאָדן, —
ירבעם, זיי זעען, ניט קרעכצט, נאָר ער האסט

פון אלע פאריאָבטע נאָך קרעפּטיקער, שטאַרקער.
די שטיינהאַקערס האַרטע — זיי פרעגן דערשטוינטע
„וואָס קאָן ער אַזוינס ניט מיט שלמהן צעטיילן?
די קרוין פון בית־דוד, דעם פּאַלאַץ, וואו ר'וווינט?“

נאָר מ'האָט ניט קיין מוט אים אין פּנים עס זאָגן
עס ווייסן דאָ אַלע: ירבעם, ער שטאַמט
פון שבט אפרים, וואָס פיינט האָט יהודהן —
דעריבער ער העצט, די געמיטער פאַרסמט.

נאָר ברענגט ער אַהער צו דעם ליים און די ציגל,
צום שטיין און צום האָלץ, וואו מען קנעט און מע זעגט,
אַ ליד פון די פּאַסטעכערס פרומע געצעלטן,
וואָס קלאָגט אויף שולמית און פרעגט זיך נאָך, פרעגט:

„געשען וואָס מיט איר איז אין פּאַלאַץ פון שלמהן?“ —
דאַן כאַפּן אויף אַלע די דאָזיקע ליד.
אפילו די אויפזעער מאַכן זיך דרימלען,
און לערנען עס אויס און שטיל זינגען אויך מיט.

ג.

קלאַפּט האַמערס, גראָבט, רידלען, און זעגן, איר זעגט,
און בויט אים פּאַלאַצן פאַר שלמהן, ניט פרעגט:
צי טוט ער אונדז שוינען,
און ווער וועט דאָרט וווינען?
ווייל שלמה דער חכם, ער ווייסט ניט, מיר שיינט:
דער פּראַכט־שווערער פּאַלאַץ — דאָס איז דאָך זיין פיינט.

דו, קנעכט, און דו, רייטער אויף מצרישע פערד,
וואָס ביידע צום רייטזאָגן שלמהס געהערט.
יאָ, טרייהייט אים שווערט איר,
יאָ, שלמהן געהערט איר,
אַזוי ווי מיין אייזל, מיין ווייב און מיין זון,
און שלמה ניט ווייסט, אַז מיין האַס קומט דערפון.

איר, פאסטעכער פרומע אין טאָל און אויף בארג,
איר נעמט אייערע כלות, ווי שאָף אויפן קארק,
מיט בליק צו די רוימען,
און פירט זיי צו שלמהן,
ווייל שלמה דער חכם, ער ווייסט ניט, מיר שיינט:
אין תאוות אין טויזנט ער האָט טויזנט פיינט.

איר, טרעטערס פון טרויבן, ניט שווינט אייערע פיס,
און זיין זאָל פאר שלמהן דער וויין האָניק־זיס.
טראָגט אָפּ אלע ווייגען
אין וויין־קעלטער זייגעם,
ווייל שלמה דער חכם, ער ווייסט ניט, מיר דאכט:
אויך אים וועט פארשלינגען די אייביקע נאכט.

איר הערשער, רעגירער, איר, טראַנזיצערס, איר —
געזאלבטע צו טראָגן דאָס קרוינדל־געשיר.
נאָ טראָגט עס, נו, מילא.
אייער לעבן — א כלי
פאר טויט, גלייך ווי אונדזערס, פארגעגגלער, ווי רויך.
„יאָ, «הבל הבלים» איז שלמהס פיינט אויך“

דעם דאָזיקן שיר אויך דער נביא אחיה
געהערט איינמאָל זינגען ירבעמען האָט,
און האָט אים געזאָגט, אז פון בנין צו בנין
ער טראָגן די ליד זאָל — דאָס איז זיין געבאָט.

איצט האָבן געזונגען זי יונגע און אלטע,
אָט דאָרט, וו ס'האָט שלמה דעם מלא געבויט,
און האָבן דעם זין פון די ווערטער פארטויערט,
אין ציגל פארזיגלט, דעם שטיין אים פארטרויט.

ד.

גערויש און באוועגונג — די ארבעט צעפלאקערט
אי אונטן, אי אויבן, אויף לייטערס און ווענט.
און אלע מכשירים צעקלונגען דערציילן:
מען האָט שוין דעם רייטוואָגן שלמהס דערקענט.

די אָקסן זיך מיען, עס רײַשן די אייזלען,
ס'דערצערנט די פערד דער התפעלות-געשריי,
און הירזשענדיק פרעגן: וואָס מיינען חמורים?
ס'וועט שלמה א משל פארפאסן פאר זיי?...

די אַנטרייבערס לאָזן דאן ווײַלגיין די בײַטשן
אויף מענטש און בהמה און שלאָגן ביז בלוט
צו ווייזן דעם קיניג, זיי דינען געטריי אים
מיט לייב, מיט נשמה און אייזערנער רוט.

נאָר ס'פּנים פון מלך איז היינט ווי פארפאַנצערט.
ער קוקט גראָד אהער באלד נאָך דעם, ווען מיט שפּאָט
עס האָט אים באגעגנט צרועה. דעריבער
איר זון מיט גרויס נייגער געזוכט דאָ ער האָט.

אים קלאָר דאָס געוואָרן בעת ער דערזען האָט
א יונג, ווי א צעדער, און שיין פארן בליק.
עס האָט דאָך די אלטע מיט איין וואָרט אפילו
איר זון ניט געשילדערט — פארוואָס זשע ער שיקט

גראָד רופן אָט דעם, וואָס ער שטייט אויף דער מויער,
און טעסעט א שטיין מיט צוויי זיכערע הענט,
אויף דלאָניע אים האלט, ווי א יעגער א פויגל?...
נאָר אָט קומט דער קנעכט, פעסט געגורט אין די לענד.

„דיין נאָמען — ירבעם, דער זון פון צרועה?"
„ירבעם, מיין קיניג, צרועה מיך האָט
געבוירן, געגנערט און אין ליבשאפט דערצויגן,
נאָר הייסן און זיין כ'וויל: דער זון פון נבט!"

וואָס זעט ער, ירבעם? ער זעט איצט אויף שלמהן
זיין איידלשטיין-קלייד, וואָס עס בלענדט אויף דער זון.
וואָס הערט ער? עס דוכט אים: דאָס קול פונעם נביא
אחיה עס רופט אים: „ירבעם, מיין זון,

שטרעק אוים דיינע הענט צו דעם מלכות־קלייד שלמהס,
אויף שטיקער אויף צוועלף נעם, צעריים עס, זאָגט גאָט.
צוליב מיין קנעכט דוד צוויי שטיקער לאָז שלמהן,
די אנדערע צען שטיקער — פאר דיר, בן נבט!"

נאָר ווען ס׳איז ירבעם געווען גרייט צו פאָלגן
די שטים וואָס באפאלן איז אים מעכטיק־ווילד,
אזוי ווי דער ווינט אינעם זאמדיקן מדבר, —
געקומען איז שלמהס וואָרט ריכטיק־געצילט.

„דאָס וואָרט פונעם קיניג שענקט חן און ווארפט אומחן.
צו דיר, בן צרועה, אזוי היינט עס רעדט!
דיך איבער בית־יוסף איך מאך פאר אן עלטסטן,
דיין גאנצן שטאם מעלדן עס — שיק א שטאפעט.

זאָלן ווערן מקוים דיין חלום פון הערשן,
וואָס ברענט אין דיין אויג, ווי אין בוימאייל א קנויט".
ירבעם שטייט, הערט און ער פלאטערט אזוי ווי
א הונגעריקער, ווען מע דערלאנגט אים זיין ברויט.

נאָר ער איז זיך גובר, מיט קראפט פון א גבור
ער האָט צו זיין זעל שוין די רו אומגעקערט,
און פלינק און איך ש״ן, ווי דער שפרונג פון א לעמפערט,
פאר שלמהן א ווארף זיך געטאָן אויף דער ערד.

געלעגן פארטייעט און לאנג נאָכגעקוקט האָט
דעם מלך׳ס רייטוואָגן און האָט זיך געגרייסט
אין הארץ איבער שלמהן, דעם מאן — אָ־דעם קליגסטן,
געשטיינט, ווי אזוי אָט דער חכם גיט ווייסט:

דערהויבנדיק אים איבער גאנצן בית־יוסף,
ער האָט אים דערמיט שוין אליין דאָך אויף האלב
פארגרינגערט צו ווערן דער מורד אין מלכות,
אליין אין די אויגן פון פאָלק אים געזאלבט.

„ניט אנדערש, אין חושך גייט אום נאר און חכם,
פארהוילן עס זענען די וועגן פון גאָט.
די וואָר מיר אנטפּלעקטע: אויך שלמה ניט אלץ ווייסט —
מיין ערשטער נצחון" — עס טראכט בן נבט.

און שלמה? זיין קנעכט ירבעמען זעט ער
אין פּורפּור געהילט... ניין, אין פלאם פון א טרוים.
ווער איז ער? — זיך פרעגט אין פארווירונג דער קיניג —
און ס'דוכט אים! ער שפּיגלט זיין בליק אין תהום.

פונוואן אָט דער אומרו? אליין ער געזאָגט דאָך:
„דער גנאָד פונעם מלך, ווי רעגן, ברענגט זעט",
און פילט דאָך דאָס בליי פון באדויער און מידקייט,
גלייך ערשט זיך געראנגעלט ער האָט מיט א שד...

ווי פארביקע פייגל — אי כשוף, אי כבוד
פאר אים, פאר זיין רייטוואָגן, פליען פאָרויס,
נאָך שלמה פארמאטערט די אויגן שליסט, דרעמלט,
און ס'שלאָפט אויך דער נחש ביי אים אויף דער שויס.

דער שפּיגל פון שלמהן

א.

ווי מצרישע רייטערס אין זאָטל פעסט זיצן,
איז שלמה געניט אויף זיין טראָן־שטול געזעסן.
געבויט האָט ער פעסטונגען, טורעמס, פאלאצן,
נאָך שענער פון אלע — גאָטס־הויז איז געוועזן.

געזאָגט עס האָט שלמה: אין כמארעשן נעפּל,
אין פינצטערניש, גאָט, האָט געהויערט דיין שכינה,
וועל איך פאר דיין כבוד א מקדש דיר בויען —
א שטראליקע היים, וו דאָס פאָלק זאָל דיר דינען.

נאָר חוץ די כהנים, לויים, וואָס שלמה
פארזאמלט האָט דינען צום גאָט פון ישׂראל,
ער האָט אויך די שמידערס גערופן צו שמידן
דאָס שארפע כלי־זיין פון דוד און שאול.

ארום אים — די פירשטן, א גבור א פעלד־האר,
ווי ס'פּאסט פאר א זון פון א מאטן א קריגער;
עס שטייען אין שטאלן גרייט צוועלף טויזנט רייט־פערד,
ער פירט ניט מלחמות און גילט פאר א זיגער.

להבדיל צום מקדש — אשרות און געצן,
וואָס שלמה פון האַלץ און פון שטיין אויפגעשטעלט האָט.
פאר יעדערן קעפּסווייב — איר אייגענעם אָפּגאָט,
דערפאר ער ביי יעדער זיין רואיק געצעלט האָט.

און לייגט ער זיין קאָפּ אין א שוים — דעמלט ווייסט ער,
אז אשור צו אדום אים בלוט־קרובים ווערן,
און שלמהס אויג זעט: אויך די קינפטיקע דורות
זיין חכמה וועט קוויקן, זיין רום וועט דערגערן.

ב.

נאָר ווער ווידערשפּעניקט, ווער גייט געגן שלמהן —
דעם מלך בן מלך,
דעם זינגער בן זינגער,
דעם נביא בן נביא?

און ענטפער געפינט מען אין אָט די געזאנגען:
דער זון פון נבט האָט דערצו אויסדערוויילט זיך —
דער שטעכיקער דאָרן פון שבט אפרים.
ירבעם — זיין נאָמען, אזוי עס דערציילט זיך.
ער איז עס אין וועג פון מרידה געגאנגען.

...אויף העלפאנטביין־שטול, וואָס מיט זילבער באשלאָגן,
ביי גאָלדענע לייבן אויף מירמלנע שטיגן,
זיצט שלמה און משפּט. געבראכט האָבן פרויען
אין פאלאץ פון מלך די פרוכט פון די וויגן.

זיי האלטן די קינדער אויף מאמעשע אקסלען
מיט גדלות, ווי זעלטענע טייערע קרוגן,
אז איבער דער מחנה פון קעפ זאָל זיי גרייכן
די בלענדיקע שיין פונעם קיניג דעם קלוגן.

באליבט איז ביים פאָלק דער צעלויכטענער טראָן-זאל:
די זיידענע חופה, ווי הימלישע רוימען,
דער אָדלער, וואָס ברענגט פונעם אָרון די לוחות,
די טויב, וואָס די גאָלדענע רוט דערלאנגט שלמהן.

דאָס פייגעלע „חן“ און דאָס פייגעלע “יופי“,
די פאוועס, די תוכים אויף באלקנס און זיילן.
די אפן, וואָס לאכן, ווען ס׳פעלשן די עדות,
און זענען באוואָפנט מיט בויגנס און פיילן.

צוויי וואסער-געשפענסטער — האלב פיש און האלב בתולה —
דער קיניג אויף זיי זאָל זיך אָנלענען טראכטן,
ווען פרווט דאָ דעם אמת פון מענטשלעכע ווערטער,
און ס׳זענען די אויגן ביי אים האלב-פארמאכטע.

פון רעכטס זיצט דער כהן, פון לינקס זיצט דער לוי,
מיט קדושה באצירן דאָס מלך׳שע קלערן.
און דאן ערשט די אורחים, וואָס זענען געקומען
זיין פנים צו זען און די רייד זיינע הערן.

די איידעלע זקנים זיי געבן אָפּ שלום,
דערנאָך זיי פארבעטן צום משפט זיך זעצן.
ס׳פארנעמט שוין זיין אָרט אויך ירבעם דער זינדער —
באגלייט פון אן עולם, וואָס ליב האָט זיין העצן.

ג.

טרעפט, ווען היינט געמשפט האָט שלמה המלך —
דער מלך בן מלך
דער זינגער בן זינגער
דער נביא בן נביא?
די מאמעשע עכטקייט געמשפט האָט שלמה המלך.
די פאלשע פארמאָגט האָט די שיינקייט פון רחלען,

די וואָרע, ווי לאה, ט׳געהאט קראנקע אויגן,
איר גוטסקייט באַגליקט האָט די מאָרדונג צי מיידן.
פולט אָן סיטן ווייערך פון לויב שלמהס קריגל.
דער משפט פון שלמהן איז קלאָר, ווי א שפיגל.

געזונגען דאָס ליד האָבן אלטע לוויים,
ווען ס׳האָט קיניג שלמה פון מאמעס פוןביידע
די עכטע געפונען, און האָט, ווי מע דוכנט,
געבענטשט און געלויבט זי פאר כל עם ועדה.

נאָך העכער עס טראָגן די מאמעס די קינדער
אויף זייערע אַקסלען מיט גדלות, ווי קרוגן,
אריבער דער מחנה פון אלטע און יונגע,
וואָס זענען אַזוי מיטן פסק־דין דעם קלוגן.

ארויס זענען אלע פון משפט באשטראלטע
פון חכמה און גרייטע צו חכמה־פארוועטן.
עס יובלט דאָס פאָלק, נאָר ירבעם, ווי תמיד,
א ווינק טוט, און ס׳הייבן אָן ריקים צו שפעטן.

דאָך קיינער זיי הערט ניט. א יום־טוב צעבליט זיך
אויף אלע געמארקן, פארפלייצט אלע הויפן.
גלייך נאָכט איז געוואָרן — אויף דר׳ערד פאלן שאָטנס...
געשיקט זיך, ס׳איז אָוונט, ווען זון באקט פון אויבן?

דאָס טראָגן דער אָדלער, די פאווען, די תוכים
און טויבן א חופה, וואָס ציען זי, שפרייטן
אויף קעפ פון די מענטשן, וואָס גייען פון פאלאַץ —
פארנומען מיט צוטראכטן קלוגע באשיידן.

דאָס פייגעלע „חן“ און דאָס פייגעלע „יופי“
פארפליען אויף פענצטער, פארפליען אויף שולן,
זיי לאָזן אראָפּ זיך אין אָרעמסטעביידלער,
און דאָרט ביי די קינדער צוקאָפּנס זיך שטעלן.

די פּיצעלער עופהלער הייבן אָן רעדן,
עס הילכט פון די וויגן ארויס שיר השירים.
„אווירא דירושלים“ — עס זאָגן די זקנים,
און יונגען די מיידלער צום טאנצן שוין פירן.

דעם טאנץ פון צוועלף גארבן — דעם טאנץ פון די שבטים
וואָס דוד פון זיי האָט א סטויג אויסגעטורעמט,
און שלמה, זיין זון, האָט די שפע פון קערנער
געבראכט אין איין שייער — די גאנצקייט געפורעמט.

ירבעם, דער זון פון נבט, קוקט און פרעגט זיך:
„וואָס וועט ער דערגרייכן מיט חוזקן בלויזן?“
די פרייד פון די מאמעס, דער יובל פון טאטעס —
ער פילט עס אויף זיך, ווי א פלאקער א גרויסן.

און ס'דוכט אים: עס ברענען אויף אים די מלבושים —
עס פרעסט, עס פארצוקט אים דער פלאם פון זיין קנאה —
דאָס פייגעלע „חן“ און דאָס פייגעלע „יופי“ —
ער מוז איצטער פאנגען — עס קומט אים אין זינען.

א שפרונג — און זיי שטייען ביי אים אויף דער דלאָניע
ער זעט זיך אליין עפּעס העכער אזוי ווי
ר'וואָלט זיין גאָטס שליח און האָט אויסגעשריגן:
„ס'איז שקר דער חן און ס'איז הבל דער יופי!“

ווי פייל אויסן בויגן די פייגעלער זענען
מיט צווישער אוועק צו די צעדערס און טאנען,
און האָבן פון דאָרטן געהערט, ווי ירבעם
דער זינגער גערעדט האָט, געצאָן אזוי טענהן:

„ניט מירמל, ניט צעדערס עס זענען די זיילן
פון שלמהס געביען. ס'געביין פון המון איז
אין זיי טיף פארמויערט, און גלייך ווי ביי פרעהן —
די פינצטערע קנעכטשאפט דער איינציקער לוין איז!

ס'איז מער, ווי די שטראָף, וועלכע גאָט האָט געבאָטן:
„אין שוויס פון דיין פנים דאָס ברויט זאָלסטו עסן".
ס'איז ארבעט פון אָקסן, און אקערן שטייגער —
מע זאָל ניט „עבדים היינו" פארגעסן.

דערפאר פאר א ווייב האָט צו שלמהן געגעבן
זיין טאָכטער דאָס שטאָלצע, דאָס שווארצע מצרים,
אז די, וואָס ארויסגעפירט משה פון דאָרט האָט —
פאריאָכט זאָלן זיין אויך אין ירושלים!"

עס האָט מיט די רייד, ווי מיט שלאנגען, געוואָרפן
דער זון פון נבט — אָט דער שטעכיקער דאָרן.
אים האָבן די קנאָכיקע הענט פון די ריקים
געהאלטן אויף זיך, ווי א פאקל פון צאָרן.

עס בויען זיך איין אין דער בונט-פיראמידע
די אלע, וואָס אונטער די ציגזן שווער טרויערן —
די קינפטיקע טרעפ צו דעם טורעם פון אויפשטאנד...
דערווייל אָבער לייגן זיי צו בלויז די אויערן.

ווי מאָנקעס פון אונטער די זאנגען — עס קוקן
די גרים: אמורים, יבוסים און פריזים.
א יעדער פון זיי מאכט זיך פרעמד צו ירבעם,
הגם, ווי די כנענישע קנעכט, טריי מען איז אים.

ד.

טרעפט ווער איז ארוים צו פארטייטיקן שלמהן —
דעם מלך בן מלך,
דעם זינגער בן זינגער,
דעם נביא בן נביא?
די מאמע, וואָס רעכט האָט איר היינט געטאָן שלמה.
די מאמע מיט אויגן מיט קראנקע, ווי לאה,
וואָס האָט ניט דערלאָזט דאָס קינד שניידן אויף צווייען.

האָט באַלד זי ירבעם דערזען און באַפוילן:
„מאַכט פריי פאַר די טריט פון דער מאַמען די וועגן!“
כאָטש ענג איז די מענגע — דאָך מאַכט מען אַ סטעזשקע,
גענענט זי צו אים און זי רעדט אים אָקעגן:

„צי ווייסטו, פאַרשטערט האָסטו דעם יום־טוב ביי מוטערס
אין טאָג, ווען ס'האָט שלמה פון מאַמעס פון ביידע
די עכטע דערקענט און אויף איר אָנגעוויזן
ער האָט מיט זיין סצעפּטער פאַר כל עם ועדה.

ירבעם, מיר שווערן דער אַלטער בת־שבע —
דער מוטער פון שלמהן, געליבט ווייב פון דוד:
דו האָסט קענען דיר אויפגעהויבן די מאַמעס,
וואָס שלמה, איר זון, האָט פאַרשאַפט היינט גרויס כבוד.

דערפאַר וועם ס'האָט ערלעך זיין מוטער געטראָגן,
אין איטלעכער איינער, וואָס שטאַמט ניט פון גרים,
פאַרלאָזן מיט אונדז זאָל דעם זינדער ירבעם,
מיט אים איבערבלייבן באַדאַרפן ממזרים...“

אַזוי זי געזאָגט האָט מיט אָפענער שנאה.
מיט מאַמעס אַרום — אויסגעשפּרייט, ווי אַ פעכער —
זיך אויסגעדרייט האָט און אַוועק מיט די פרויען,
וואָס יעדע פון זיי טראָגט איר קינד, ווי אַ בעכער.

אַ וויג געטאָן האָט זיך די מענגע, ווי זאַנגען
אין זומערדיק פעלד, ווען עס קומט אַ געוויטער,
און שטיל איז געוואָרן. דאָס קול פון ירבעם —
אָט מעכטיק עס שאַלט, אָט צעבליפּעט זיך ביטער:

„צו אייך, מיינע ברידער, איר, שטיינהעקערס, טרעגער,
צו אייך, וואָס צעבראָקן די פעלדזן, איך ווענד זיך.
פאַר אייך איך באַדאַרף ניט קיין וואָרט פון די ליפּן,
עס קלעקט, וואָס באַווייזן פאַר אייך קאָן די הענט איך.

זײט עדות: ווי איך, פון די בערג כ׳האָב די שטײנער
געריסן, און װעלדער — געשלעפּט אויף מײן רוקן,
אַז שלמהס קעפּסװײבער און זײערע אפּן
פון רײכע פּאַלאַצן אויף אונדז זאָלן קוקן.

מײן שטים הײב איך אויף און די ר״יד װעלן פאַלן,
ווי בײמער, און טרעפן אין רוקן די מאַמעס,
וואָס האָבן צו אונדז אויסגעדר״יט זיך און זענען
צו שלמהן אַריבער. אָ, ברודער, פאַרדראָס עס!

װײל ווי נאָר א מוטער — דער קיניג ער זעט זי
א דינסט פאַר זײן קעפּסװײב. דעריבער כ׳טו זאָגן:
אויב מאַמעס אים האַרצן, איז ניט נאָר די טײדלער —
זײ זאָלן פון הײנט אָן אויך ײנגלעך אים טראָגן!

געשענדעטער חתן אַלײן װעט באַװײנען
די כלה געראַבטע פון הינטער די רינדער,
געבראַכטע אַ קרבן צום מלכ׳ס געלעגער —
דער חתן אַלײן — זאָגט ירבעם דער זינדער.

איז פרײט זשע אײך, נשים, און יובלט, זײט גליקלעך —
דעם מוטער־שטאָלץ – יום־טוב איך װעל מער ניט שטערן.
יאָ, ריכטיק! אַ שפּיגל — דער משפּט פון שלמהן.
אין אים קענט איר זען, גלײך אין װאַסער די שטערן,

דעם קיניג אַלײן!... װי די מאַמע די פאַלשע –
ער שטענדיק איז גרײט דאָס קינד טײלן אויף צװײען:
ער בויט פאַרן גאָט פון ישׂראל אַ מקדש,
און האַקט אויס אַן אָפּגאָט אויף פיס, װאָס ניט גײען...“

ה.

טרעפט, װער איז אַרױס אַ־יך אַצינדער דעם כבוד
פון שלמהן, דעם טראָן־יורש דודס,
אַקעגן דעם זון פון נבט צו באַשיצן?
דער אָדלער פון שלמהן אַרױס איז זײן האר צו באַשיצן.

א שפרונג געטאָן האָט אויף ירבעם פון אויבן,
געוואָרפן צו דר'ערד אים, מיט שנאָבל און פליגל
געשלאָגן ער האָט אויך זיין וואר, וואָס געפאלן
זי איז, ווי א ביידל פון זאמדיגע ציגל.

און איינער א זקן האָט באלד אויסגעשריגן:
„האָט איר ניט דעם לייב געזען — זעט זיין געלעגער,
ווער ס'האָט ניט געזען נאָר דאָס פנים פון שלמהן —
קוקט אָן זיין באדינער — זיין מלכות-חן-טרעגער!

און איצט גיט א קוק אויף ירבעם דעם זינדער:
פאר זיך אליין רייסט ער דאָס מלכות-קלייד שלמהס.
דעריבער: זיין וואָרט פון מרידה שיינט וואָרהאפט
פון אויבן, נאָר אונטער דעם — שווארצער תהום איז..."

און ווידער א פרייד האָט ארומגעכאפט יעדן.
מע וויל ניט צוריק אים מיט שטעכווערטער שטעכן —
דעם זינדער, וואָס אנדערע מאכט ער אויך זינדיק,
נאָר קורץ איז זיין האנט שלמהס שפיגל צעברעכן —

דעם שפיגל פון שלמהן,
דעם מלך בן מלך,
דעם זינגער בן זינגער,
דעם נביא בן נביא!

„הכל הבל"

פאראן אן אלייע אין גאָרטן ביי שלמהן,
און אָרט ווי דער קיניג מיט זיך איינג אויף אוינ איז.
ער קומט אהין דענקען, ער קומט אהין טרוימען,
און אָפט פון א קעפסווייב ער קומט אהין ברוגז.

ער האָט דאַרט א ליבלינג: א צעדער א הויכן
וואָס זעט אים ביינאַכט פון זיין קיניג־געלעגער.
א שוואַרצער, מיט קאָפּ אין לבנהשע רויכן —
די מלכּה פון שבאָ האָט פארטאָגט אזא נעגער.

איצט שטייט ער, דער בוים, צווישן רויזן און עפּל
אין זונפארגאנג־פּורפּור — א העלד אין א פאנצער!
און שלמה דערזעט: ס'איז זיין צעדער דער גאנצער
באשאָטן מיט מערעשקעס — קעפּל אויף קעפּל...

און כאָטש ניט דאָס ערשטע מאָל זעט אזוינס שלמה —
אים כשופט די דאָזיקע זעאונג ביז טרערן.
וואָס שענער איז? — פרעגט ער די הימלישע רוימען —
דער מערעשקע־טראָט, צי דער גאנג פון די שטערן?

ס'האָט אָקאָרשט — טראַכט שלמה — געקושט אים איזבל
דאָס טויזנסטע קעפּסוויב, די שענסטע פון טויזנט —
און האָט דאן געפילט: אויף אים מערעשקעס פויזן...
ער קוקט אויפן צעדער און זאָגט: הכל הבל.

דאָס פענצטער איז אָפן

דאָס פענצטער איז אָפן פארנאַכט,
פאר איר דופט, פאר די צווייגן, —
דאָס זיידענע פענצטער אין טויער דער הויכער.
דער קיניג אויף בעט ליגט פארוועבט
אין א בלויער נעץ שווייגן,
אין ליכט פון לבנה פארשפּינט, ווי אין רויך ער.

דער קיניג הייסט שלמה און האָט טויזנט ווייבער.
מיט נאַקעטער ליבסטער, מיט נאַקעטער שענסטער
הייגט ליגט ער און זען זעט די שיין פון צוויי לייבער —
זיין קעפּסוויב דערנעבן, לבנה — אין פענצטער...

און ענלעך, ווי צוויי טראָפּנס וואסער, זיי זענען:
פּרוכט ציטעריקע ביידע און ביידע, ווי קינדער.
אָט פלאמיקע — ברענען, אָט קילבלעכע — שיינען.
עס צינד זיך, עס לעשט זיך דער קיניג דער זינדער.

פון אונטער דעם הערשער דאָס בעט איז פארשוואונדן —
דער הימל — אלטאר איז — דאָס בעט — אויך אלטאר איז.
און בלינד, ווי גאָר קיינמאָל קיין תאוות געצונדן —
דער רייפער מאן שלמה גיט זעט סימן נערות.

אזוי האָט זיין פענצטער מיט נאכט און מיט צווייגן —
דאָס ייִדענע פענצטער אין מויער דער הויכער —
געפאנגען אים היינט אין א בלויער נעץ שווייגן,
אין ליכט פון לבנה פארשפּינט, ווי אין רויך אים.

היינט שפּעטער ווי תמיד

אויף שלמה המלך לאַנג ווארטן די געסט שוין
אין פּאלאץ, אין פירהויז, און אויך אויף די שטיגן,
נאָר ער, ווי דער פויגל, וואָס בלייבט אין דער נעסט שוין,
איז שפּעטער, ווי תמיד, אין בעט היינט געליגן.

דאָס צערטלעכסטע ווייב איז ביי אים אויפן אָרעם
געשלאָפן, און ער גיט געוואגט האָט זי וועקן.
די טויזנטער ווייבער — ער ווייסט — טויזנט קברים;
זיין גוטן שם זענען אימשטאנד אָפּצומעקן.

אזוי האָט דער קיניג געטראכט און געפילט זיך
א פויגל-לייכטער וואָלקן אין רוים, וואָס צעגאָסן
א ווייסער זיך אומגעריכט האָט און געשפּילט זיך,
ווי מילך און ווי האָניק צערינען, געפלאָסן.

מיט ליפּן מיט זיסע פֿון טונקען אין מאָרגן —
עס קושט קיניג שלמה דאָס ווײַב אויפֿן אָרעם,
די טויזנטער ווײַבער — ער ווייסט — טויזנט קבֿרים,
און דאָך ער פֿאַרשלאָפֿן אַצינד וויל די זאָרגן.

אויף שלמה המלך לאַנג וואַרטן די געסט שוין,
וואָס זענען געקומען פֿון חכמה-קוואַל טרינקען,
נאָר אים, ווי דעם פֿויגל, וואָס בלײַבט אין דער נעסט שוין,
אים דוכט: ביז צום טראָן ער דאַרף מײַלן-ווײַט הינקען!...

דאָס געוויין פֿונעם אייזל

ס'האָט א גאַנצע נאַכט געוויינט דאָס אייזל ווידער.
קיניג שלמה שלאָפֿט ניט, האָרכט עס שרייען לאַנג.
אַרט אים, וואָס דער עקשן מיט זײַן קידער-ווידער
הײַנט, ווי נעכטן, מאַכט מבֿולבל זײַן געדאַנק.

וויל אים כאָטש פֿאַרשטיין דער אַלטער מלך שלמה —
ער, וואָס האָט א יעדן דומם אויך פֿאַרשטאַנען.
פֿרעגט ער בײַ דעם חשבֿות, פֿרעגט ער בײַ די רוימען,
בײַ די שטערן מיט באַשייד-גלי אין די פֿלאַמען:

אפֿשר נאָך א טאָג פֿון שווערע לאַסטן טראָגן
שטום, פֿאַריאָכט, אָן ווידערשפּעניקייט דער מינדסטער,
שרײַט דאָס אייזעלע בײַנאַכט אין פּרווו בהמהש זאָגן,
אַז די אימהדיקסטע מכּא איז די פֿינצטער?...

ווען די דיכטונג זאָל נאָך שײַנען אים — טראַכט שלמה —
צו די חכמה וואָלט מיט אים פֿאַרפֿירט נאָך שפּאַסן —
וואָלט ער, קוקנדיק אין אייזלס שרעק-תהומען,
פֿאַרן מענטש א משל כאָטש געזען פֿאַרפּאַסן.

„וואָס זשע פאר א משל? וואָס זשע פאר א לידער?“ —
פרעגט דער קיניג שלמה, האָרכט זיך איין נאָך לאנג,
ביז זיין אלטער קאָפּ אויף ברוסט אים פאלט אנידער —
אויפן איוזלם האלדז עס שלאָפט איין זיין געראנק...

זיין גרייט

ווי קומט עס, אז שלמה,
וואָס קליגער אפילו איז פון די חרטומים,
געלאָזט האָט זיך פאנגען אין אשמדאים נעץ,
געלאָזט פון זיך מאכן א וואָגלער א לץ,
וואָס שרייען צו טפּשים און מארך-בעלי-מומים
ער זאָל „אני שלמה“
וכדומה וכדומה?...

פון אָט אָ די פראגע, איז דוכט, געגוג קלאָר:
מיר זענען ניט גורם דעם דאָזיקן חוזק-געראנק.
מיר גלויבן, אז שלמה אליין האָט געגארט שוין פון לאנג
באפרייען זיין גייסט פונעם אייגענעם שלמה-געצאנג,
און פילן דעם טעם פון א בן בלי שם,
וואָס האָט נאָך צו דעם
באשטראָפט זיך, אז שרייען צו וויסטע נאראָנים
ער זאָל „אני שלמה“
וכדומה וכדומה...

אזא איז, משמעות, געווען זיין כוונה,
און אפשר גאָר אויך זיין געהיימע הנאָה:
זיך לערגען זיין גרייט און זיין ראוי,
ווען מ׳וועט אים א רוף טאָן אהין, אין די רוימען,
זיך אומקערן נאקעט, באפליקט ביזן פעדערל מינדסטן
פון גאנץ „אני שלמה“
וכדומה וכדומה...

לעבן און טויט

דער טאָג באַדײַט לעבן און נאַכט
באַדײַט טויט. (היינריך היינע).

„דער טאָג באַדײַט לעבן, די נאַכט באַדײַט טויט" —
אַזוי פּאַסט צו זאָגן אין משלי-געזאַנג.
נאָר פֿריי, ניט געבונדן איז שלמהס געדאַנק.
דער פֿינצטערער נאַכט, ווי דעם טאָג, ער געטרויט.
בשעת צו דעם מלך דער טויט האָט געגעגנט,
צעליכטיקטע זענען געלינגן די שלמהשע הענט.
דער גוסס געקוקט האָט אויף זיי און דערקענט:
עס איז דאָך די זעלביקע לעבנס-ליכט-שײַן,
געביטן די פֿאַרב, ניט געענדערט איר זײַן,
אַזוי ווי די זון, ווען אין ביימער-געפּלעכט פֿאַלט אַרײַן...

דער טאָג באַדײַט לעבן, די נאַכט באַדײַט טויט,
נאָר שלמה דער נאַכט, ווי דעם טאָג, האָט געטרויט.
בשעת צו דעם מלך דער טויט האָט געגעגנט —
צעליכטיקטע זענען געלינגן די שלמהשע הענט.
און ער האָט פֿאַרשטאַנען: זײַן חומר דערבערענט
די שייד בלויז?... ניין, ביידע צוזאַמען... די שווערד
מיט דער שייד...
און וואָס פֿאַר אַ זכות און אויך וואָס פֿאַר אַ פּרײַער!
ביטאָ שוין, געפֿאַלן די וואַנט פֿונעם זײַן אויסדערוויילט,
צעשמעטערט דער צוים פֿונעם זײַן אויסגעטיילט...

אויג אויף אויג
מ י ט
נ א כ ט

מיין הויף אין אָוונט

פֿון גאָרנס אויף גאָרנס אי רעכטס, אי אויף לינקס, אי אנטקעגן
פון טויערן־רייזן — באלויכטענע הייזער, דראקאָנען —
מיט אָפענע פענצטער און טירן, טעראסעס, באלקאָנען,
און הונדערטער, טויזנטער מענטשן אין זיי זיך באוועגן.

לייכט־שטוביק געקליידטע... ניט ווילנדיק גיט מען גוטמוטיק א טראכט:
זיי אויסגעטאָן האָבן זיך, ווו צו די קוגצן אצינדער...
מיט דוטמיקן ווינשטאָך אין האנט אומגעזען שטייט די באָרוויסע נאכט:
און אלע זי פאָלגן געהאָרכזאם, אזוי ווי דעם שטעקן דער בלינדער.

מע הערט נאָר איר אָטעם, און באלד די געמיטלעכע היים-פאנטאָמימע צעבלים זיך,
וואָס פונקט, ווי א גאמע ביים לערנען זיך שפילן, זי איין און די זעלביקע ציט זיך...
דאָך, ווי א קאָנטראסט, אויפן אייבערשטן שטאָק ביי די מענטשן א ווילן צעבלים זיך
אלץ הייסער: גראָד דאָרט, אויף דער סאמע געפערלעכער הייך, ווו זיי שוועבן,
צו ווייזן אן עכטע, דערהויבן־באפליגלטע סאלטא מאָרטאלע
און בלייבן דאָך לעבן...

גאָר קיינער דאָס טוט ניט אויף פלאַכן אויף אלע,
איך קוק און דאָס אלצדינג טראכט אוים.
אזוי פון דער אייגענער שוים
דער ערלער זיך מינדער פאָקוסניק אלץ נעמט ארוים.

כ׳וויל וויסן

הירש אשעראָוויטשן
צו זיין 60טן געבוירן־טאָג.

כ׳וויל וויסן
וואָס איז עס? דערקענטעניש אָדער געוויסן?
די שטענדיקע מי פונעם האַרץ? פונעם קאָפּ?
צי אפשר געיעג נאָך א ליכטיקן טראָפּ?
נאָר נס?

מיין זיידע — איך קיינמאָל פאַרגעס —
פלעגט יעדע נאַכט אויפשטיין צו חצות,
און איך — אויף צו טרינקען דעם ליכט־און דעם פינצטערניש־כוס
פון חשבון הנפש... איך שטיי פאַר דער אָפענער שויב
און ברום פון מיין מיקראָ אור־נעפּל צום מאַקראָ אור־נעפּל
מיין ברומעדיש פחד און לויב.

און דאָך ניט קיין טויב,
וואָס וואַרקעט, עס איז מיר געבאָטן צו זיין.
ווי א פערד, וואָס טרינקט אוים אַן עמער,
איך טרינק מיט בעל־חיהשער דאָרשט־קראַפט דעם דעמער,
די רו און דעם אומרו פון דעם, וואָס ניטאָ איז און האַלט
שוין ביים ווערן
אין דעמערונג־האַפט, ווו מיין פינטעלע „איך" ווערט פאַרוואָגלט
צעווישן די פינטעלער שטערן.

אין אָט אָ־דעם ברעקעלע צייט איז פאַראַן מיין גאַנץ קלערן,
מיין ראיה די קלאָרע,
וואָס ווייזט ביז צום דנאָ מיר דאָס ביטערע וואָרע,
און העפט דערפון אוים מיר א העלקייט־עטרה.

כ׳וויל וויסן
וואָס איז עס? דערקענטעניש אָדער געוויסן?

קלאנגען

קלאנגען פון דער נאַכט בײנאַכט אונדז גרײכן ביז בלוט און בריען אַז,
װי די אָקרעפּ־שפּריצן גלײך אין פּנים פון א זידנדיקן טאָפּ.
באָרװעסע, װי אין די קינדער־יאָרן, װען מיר זענען נאָכגעלאָפן
נאָר איעדער פּ:ר, —
יאָגן מיר זיך נאָך אין דמיון אויך א יעדן רויש פון אויטאָ־שפּור,
אין דער לופט פאַרבליבענער...
כאָטש גוט מיר װײסן, אז ניט צעװאַר דאָרטן פאַרט —
מיט צעגליטע חושים ליגן מיר אין קילן בעט און האָרכן איין זיך פאַרט.
אונדזער װײכער רו װערט אויפגעריסן, װי פון דינאַמיט,
און, װי שטויב, זיך טראָגט ארום דעם װאָגן פון דער נאַכט, װאָס איילױ פליט...

חלום און װאָר

...באַלד װי מ'האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט שוין מיט מיין באַערדן,
האָט אויף רעכט זיך ערשט צעפּלאַקערט דאָס געפעכט פון שװערדן.
אין דער טונקל סילועטן מערערע זיך שלאָגן, דועלירן —
אין א יעדן זײער קלאַפּ מיין האַנט איך טו דערשפּירן.
איך אליין פאַרקערפּערט, הײסט עס, בין אין אלע די געשטאַלטן.
איך אליין מײַן ברוסט, מיין פּנים — גרייט ביז צו צעשפּאַלטן.
נאָר כ'דערװאַך און זאָג מיר: יאָ, ס'איז אלצרינג ריכטיק.
ס'שטימט מײַן חלום מיט מיין װאָר און דאָס ביז נאָר איז װיכטיק!

דאָס אײנציקע פענצטער

דאָס אײנציקע פענצטער
מיט שיין מיר אנטקעגן,
װאָס כ'זע פון מיין בעט
אין נאַכטישן רוים פון מיין הויף, —
מיר זאָגט, װו געװען כ'װאָלט טאָלסטאָי:
— נעם דיין שטעקן און לויף!...

אונטער פליגל פון דער נאכט

די בלייבקייט פונעם קלאָרן שניי אויף דאך —
אצינדער אונטער פליגל פון דער נאכט —
איז אויך בלויז ליכט און איז פון כישוף זייער ווייט.

דאָך זעען מיר אין אים די שיין פון יענער זייט
פון לעבנס־פּאַרהאנג און דעם מידן אויג איז גוט —
אויף מאמע־פּנים פון דער אייביקייט עס רוט.

די כישוף־נעץ

די כישוף־נעץ פון גייענדיקן אָוונט־שניי
פארכאפּט אי מיך, אי דיך אינעם געניי
פון א געשיכטע אָן אן אָנהויב, אָן א סוף,
פון זעלבן אייביק־לאָקנדיקן צויבער־שטאָף
פון טויזנט און איין נאכט —
מ׳האָט ליב,
מע שטארבט,
מע וויינט,
מע לאכט.
נאָר פּלוצעם אלע פעדעם איבערשניידט די שטרענגע שער,
און אוים אינטריגע־פּלאַטער — גליווער און גיט מער.
די וואונדער־נעץ פון שניי, ווי א דעקאָרום נאָך דער שפּיל,
אויף ד׳ר ערד ליגט טויט —
זיך אויסגעהויכט,
זיך אויסגערויכט,
דאָס פריערין געפיל.

מיך, דעם פרומען קונצנמאכער

אין די הענט איך וואָלט די פייערן פון שטאָט גענומען,
ווי דער קונצנמאכער נעמט די ברענענדיקע פאַקלען יענע,
וואָס מיט זיי זיין ברויט פאַרדינט אויף דער ארענע,
וואַרפט זיי שווינדלענדיק פאַר זיין געזיכט און כאַפּט זיי ווידער
פאַרנט, הינטער זיך, — אָט פון דער הייך, אָט פון דער נידער.

מיט דעם זעלבן פּנים גלויביקן און פרומען,
אין די הענט איך וואָלט אויך זיינע פאַקלען גענומען.
צו די פייערן פון שטאָט זיי צוגעגעבן.
און צוזאַמען זיי ארומגעטריבן אין דער פינצטער שוועבן,
אָפּגעשלייַדערט זיי פון זיך מיט קראַפט דער לעצטער,
און דערנאָך זיי אומגעקערט צוריק א ניט-פאַרלעצטער —
נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל מיט טיפן גלויבן יענעם,
אז זיי וועלן מיר, דעם פרומען קונצנמאַכער, ניט פאַרברענען.

ווי מע ווייזט א בייטש

פון דער פינצטער קוקט א טונקל, ריזיק הויז
מיט א ביסל ליכט אין זיין מאַנסאַרדע-שויב.
הערט עס אויף צו זיין א מויער בלויז,
און עס ווערט — איך פאַרכטיק גלויב —
א ציקלאָפּ
מיט איין בייזן אויג אין קאָפּ —
זויגט פון מיר דעם מאַרך ארויס.

רייס איך אָפּ זיך פון זיין אויג —
אויג פון קויטיק-רויטן רויג,
און איך בייג צו מיר אראָפּ א שטערן-צווייג,

וואָס אין שטאַרקער האַנט איך מיין ציקלאָפּ זי צייג,
ווי מע ווייזט אַ בייטש אין צירק דער חיה,
ווען זי זיך דערלויבט צו רימשן, שרייען...

ווען די שטאָט

ווען די הויכע שטאָט ווערט עלנדער ביז איר אָפּגרונט אויסגעלאָשן,
מיטאַמאָל פאַרלוירן האָט די ראיה און דאָס לשון, —
טיילן אויס זיך מרה־שחורהש
פּאַקען, ממש ווי אַל־גוראָ'ש, —
אייניקע האָרבאַטע הייזער,
נאָר ווי קעמלען שוועבער־באַלאָדן, גרייט צו זייער רייזע.
גיין, ניט קעמלען נאַטירלעכע, נאָר פאַרכמאַרעטע מיט זייערע קאָנטורן
זיי דערמאָנען פון אַלטע געטער־בערג די שפּורן —
אין אָלימפּען, אין באַרג סיני'ס איינגעשרומפּן־קליינע.
דוכט מיר, אַז איך הער אויף זיי געטער וויינען
אויף אַ קול פון ווינט, צי רעגן צווישן בלעטער...
טוט מיין גייסט אויס מיטלייד ביז צו זיי אַ קלעטער —
זיי, די געטער־יורדים צו באַזוכן.

אָבער — ניט זיי בענטשן, נאָר זיי פלוכן
מיט דער גאַנצער בייזער געטער־קראַפט
מיך, וואָס זיי פונסנייַ באַשאַפט...
. . . .
זיבן פאַרבן ציגרן אָן זיך אויף די לענדן פונעם האָריזאָנט —
פון דער אויפגעוואַכטער שטאָט די זונען־שפּיגל־וואַנט...

אין מיין בעט

איך פאַל אַריין הײנט אין מיין בעט,
איך נעם אַרום די פינצטער,
זיך גיורע איין אין איר,
ווי מאַן אין גוטן לייב פון פרוי.

איך בעט —
אזוי אין הייסן אש פארוואנדלען זיך,
און אויף מיין פריסעק זאָל ניט פאלן
נישט רעגן און נישט טוי.

מיין גוף

מיין גוף איז א קעלער א טיפער, פונוואנען
צו מיר אין די נעכט אויף געלעגער ס'דערגייען
די שטימען פון ביטער־פארפייניקטע.

דאָס שטערט מיר ניט אָבער —

ווי באלד נאָר איך בין אויפגעשטאנען —
מיין ארבעט צו טאָן און צומאָל איך געגנוס צו פארדרייען...
צי הייסט עס, אז איך האָב פארגעסן אין זיי,
אין די ביטער־פארפייניקטע?

אין שפּיטאָל

I

די ביימער אינעם גאָרטן־פענצטער פון שפּיטאָל —
וואָס זאָגן זיי דעם מענטשלעך־קראנקען הארץ?
זיי נעמען טריי אויף זיך דאָס גאנצע שווארץ,
און לאָזן אונדז דעם רעשט פון ליכט,
וואָס האָט פארלאָזט אונדז מיט אמאָל.

דאָס בעט ווערט טרוקענער אין הוילער,
ווי דאָס אָרט פון שטראָס,
וואָס האָט פארלוירן זיינע קוואַלנדיקע וועלן.
באשיימפער כ׳זע דאָס טויל פון פינצטערן תהום,
וואָס האָט פארשלונגען שוין דאָס בלוט פון אַלע צעלן.
און נייע זאפטן פעלן.
און נייע זאפטן פעלן.

די גוטע ביימער אינעם נאַכטיש פענצטער פון שפּיטאָל —
וואָס זאָגן זיי דעם מענטשלעך־קראנקען הארץ?
זיי נעמען טריי אויף זיך דאָס גאנצע שווארץ
און לאָזן אונדז דעם קנאפּן רעשט פון ליכט,
די מילך אויף דנאָ פון שאָל...

II

דאָס פעסטע גייען
און דאָס געזונטע קלעטערן —
אויף קילאָמעטערן
די טריט פון פריינט, די טריט פון פיינט,
ווי צוויי ארמייען וואָס זיך טרעפן,
איך הער נאָך שארפער היינט —
מיך וועקן און, ווי וואלד־גערויש, פארשלעפן.

נאָר ווען גאנץ שטיל שוין ווערן וועט,
איך ווייס וועל — עס איז שוין שפּעט,
אז איך זאָל אויפשטיין פונעם בעט,
זיך אויבעט אין דער שלאַכט
באַטייליקן —
אזוי דאָס לעבן הייליקן...

ס׳וועט הערשן שוין די שווארץ־געלייטטע נאכט..

III

די פרישע וועל, וואָס האָט זיך צו מיין הארצן אומגעקערט,
פארמאָגט אין זיך שוין אלרינגס, וואָס מיט לעבן
שמעקט אויף ערד.
איך פיל ווי די נאַטור מיך פון איר גוטער דלאָניע נערט,
ווייל כ'קאָן נאָך ניט דאָס טון אליין.

ערשט פון דאָס ניי מיר שניידן זיך די ציין...

IV

עס איז ריינער אמת, ווען כ'וועל זאָגן:
זאָל מיין לעבנס-צוג דורך טאָג און נאַכט זיך יאָגן!
איך בין ניט זיין איבערבלייבער,
ניט זיין אונטערטרייבער
אין וואגאָן אין לעצטן מיט לאמטערן רויטן...
כ'ווייס, מיין טויט איז צווישן אלע טויטן,
ווי מיט אלע לעבנס שטראָמט מיין לעבן.

הייסער אין די נעכט נאָר כ'הער מיין שנעלצוג שוועבן...

V

אין הארץ א ספּאזמען-שלשלת זיך קרייזט —
א שלשלת פון נאָגנדיקער וויי.
אזוי ביינאַכט א האָן זיך אויך צערוישט
און שפּאלט די פינצטער מיט זיין קריי —
אן אנגסטלעבן, אן איינזאמען און באנגען,
וואָס דאָך ביז קאלטן הימל צילט דערלאנגען...

א י ב ע ר ג א נ ג

אין גרויען,
אין מוטנע
ניט שפּינוועבס — ניט ליכט

פון ווינטער בייגאַכט, —
איז דאָ פון פאַרגליווערט געוואָרענעם שווערן דערטראַכט
פון טויב־שטומען אויסדרוק אויף אונדזער פאַרדעמערט געזיכט,
ווען ס'דאַכט:
אויס פּנים עס הערט אויף צו זיין אומגעריכט,
און ליים צוריק ווערט עס, וואָס איבערגיין דאַרף
אין א צווייטער מאַטעריע — אין אַנדערן שיכט.

נאָר אָט דער צו טויב־ און צו שטום־איבערגאַנג —
ער דאַרף ניט זיין טויב־שטומע האַרף?
ער טראָגט ניט אין זיך אויך זיין טויב־שטום־געזאַנג?

ווייך־לייביקער דעמער

ווייך־לייביקער דעמער.
פאַראַנען, פאַראַנען אין אים א געזאַנג.

פאַראַנען איז אין אים פון טונקלען ברומען
און ביטערלעך־זיסן אויף נאַכטישן גומען.

א גליווער אין אים צי א שוועבן?
דערשעפּן אים — דאַרף מען זיך איינהערן לאַנג —
נאָך לענגער, ווי ס'איז אונדזער לעבן.

ווייך־לייביקער דעמער.
פאַראַן איז אין אים אויך פון שטומער
און טויבער פאַרגליווטקייט
אין זיך — די פאַרשלאָסענע טויבקייט
פון שלאָף־סם־געטראַנק...
מע קאָן פון אים ווערן אויך קראַנק.
ניט גיט אייך אים איבער אויף לאַנג.

ווייך-לייביקער דעמער.
עס דרימלט אין אים טיף-פארניורעט
דער נצח-געדאנק,
רוט אָפּ פון דער אייביקייט פון דער פארשלאָסענער,
פון דער אין-סופענער,
און טראכט אין זיין אונטערבאוווסטזיין
פון 'איינעם א בליציקן ליכטיקן טאָג...

דעריבער איך זאָג:
ער טראכט ניט בלויז העכער
פון אונדז, נאָר פון זיך אויך אליין.
דערצו נאָך (ווי זאָל מען פארשטיין?)
עס הענגט זיין געדאנק אויף א האָר
און קאָן איבערייסן זיך גאָר.

ווייך-לייביקער דעמער,
נאָר פעסט האלט אין קלעם ער
דעם נצח-געדאנק,
וואָס שמאכט אויך און בענקט נאָך א פּאָר...

א יעדן פרימאָרגן אן אנדערער איז ער—פארוואָר?
נאָר תמיד פאראן איז אין אים א געזאנג.

דער כלומרשטער גליוועד — כסדרדיק שוועבן.
דערשעפּן אים — דארף מען זיך איינהערן לאנג —
נאָך לענגער, ווי ס'איז אונדזער לעבן.

מיין ערשטער טעאטער

עס שפּארט שוין מיט קוואליקע כחות דער דעמער,
און כ'הער אין אים כוואליען א מעכטיקן זמר.

אינדרויסן ווי ערדישע וואָלקנס, זיך אויסגעלייגט האָבן
און וועקן צו שחרית די שאָף און די לעמער,
וואָס ווארטן אין אייגענעם וואָל-פעלץ אין גראָבן

אויף איידעלן טאָג (עס ווערט בלויער און בלויער)
ווען ס'וועט זיי דער שווערלעך-פּאַמעלעכער פויער
פּארקויפן דעם קוועקזילבער-ייד כמו שנאמר...

אין פענצטער די זויבערע ווייסקייט פון שניי
זיך שפּילט אין גאָר צארטער פארטרויקייט
מיט מאַרגנפרי-בלויקייט.
נאָר חוצפּהשער וואקסט אלץ דער ראָבן-געשריי.

די קראָען — פון סאמעט פעט-שווארצן שווארצסאמעטער זיי —
זיך מחנותווייז ציען, באזעצן די דעכער מיט קראקן מיט שארפן.
קיין אָרט צווישן זיי ניט פאראן א שפּילקע צוווארפן,
גלייך דארפן, להבדיל, מקבל זיין עפּעס א תורה...

און ווען ניט אָט דאָס, וואָס זיי קומען געוויינלעך אויך נאשן
פון יידישן טשאָלנט די דארע שיריים פון פארפל און קאשער, —
געפאלן פון זיי וואָלט א מורא.

די שליטעלעך אָבער—מיט זעקלעך מיט ווייץ און די שאָף און די לעמער
דער פויערישער-יידישער קויף און פארקויף כמו שנאמר —
אלץ רעדט, אז געשטעלט זיך א ווינטער א פעסטער, א זאטער...

היינט ווייס איך, די דאָזיקע ווינטער-קאַיאָן
מיט זייערע פארבן, גערוישן, געשטאלטן, און גאסן, ווי איידעלע
שטימונג-דעקאָרן —
זיי זענען געווען מיין ערשטער טעאַטער.

דער קאָסמישער חושך

דער קאָסמישער חושך, וואָס שוועבט פאר מיין שויב און
באריט מיין געזיכט,
דער זעלטענער לאָמפּן-בלאס איבער די פּעכער, ווי
טורמעדיק ליכט

אויף ימים, — דערהייבן מיין ערדישן גייסט און באפליגלען
מיין ערדיש געמיט.
איך בין בלויז מוזיק, וואָס באדארף ניט קיין ווערטער צו
ווערן א ליד.
כ'בין וואָגלאָז... ראקעטיש פון אייגענעם הומר איך שיס
מיך ארויס,
און אָט ווי א שטערן איך פלי — כ'בין דאָ און כ'בין
אויס..'

I. די ווייסע פייערן[1]

די ווייסע פייערן, וואָס פלאַזערן ביינאכט
אויף אלע היגלען פון דער שטאָט
מיט באנען און פאבריקן אירע,
ארום פראָספעקט פון פרידן מיט מיין דירה,
וו כ'האָב מיר דאָ מיין הויך־פונקט — דעם באלקאָן,—
און פראזון דאָ מיין ווארטע־דיגסט איך קאָן —
די פייערן
קלאָר־ווייסע, ווי פון תמיד פוצן זיך און שווערן,
גלייך וויזן זייער צויבערקייט — א סך, א סך, א סך —
זיי האָבן אינגעם רוים זיך א ימשעשטעלט געווירעט.

נאָר דאָס אזוי אין אָנהייב בלויז זיך דאכט.

ווייל אָט באזונדער שטרענג מע שטייט,
און אָט מע בויט צוואם א פיראמידע.
די ריינע שפיל אין ריינע אומבאפלעקטע פרייד —
פאר זיי עבודה איז, נאמוך און מידה...

איך קוק אויף זיי ביז ערשטן שפראָץ פון טאָג
אמאָל,
און איב אזוי מיין גייסט אויך ריין זיין, ווי
קרישטאָל.

---

[1] פון דער סעריע „מאָסקווער סויטע“

II. די ערדיש־הייסע שטערן

די לעבעדיקע, ערדיש־הייסע שטערן פון מיין האַרעפּאַשנע שטאָט —
אין טיפער, שפּעטער נאַכט פאַרגרעסערן נאָך מער דעם סוד
פון גרויסן אומרו אינעם מענטשן, זיין בינען־פליים און מי,
און כאַטש פון זיי, די ערדישע, ניט איינער טוט א פלי,
ווי דאָרט אין רוים, די הימלשע, — זיי טראָגן אין מיין זעל,
מיט שאַרפער נאָדל־שיין אנטפּלעקן, וואָס איז העל
און גרוי אין מיר. דערפרישן מיך מיט זייערע פויען־פונקען —
סיי מילדע און ס׳יי שטרענגע — און איך ווער פון זיי באַטרונקען...

די לעבעדיקע, רייניקע, ווייסע פייער־ליליען פון מיין האַראָפּאַשנער
שטאָט —
אין טיפער, שפּעטער נאַכט פאַרגרעסערן נאָך מער דעם סוד
אין מיר אליין, ווו אויבעט מילדע, שטרענגע קנאָספּן פלאַם
זיך צינדן אָן, זיך ביימען, ווי די פלימערלעך פון זון אויף ים...
פון פענצטער טרעט איך צו און שלאָפן כ׳גיי, נאָר ס׳וועקט מיך
אויף און אָט
די לעבעדיקע, רייניקע, ווייסע פייער־בלומען פון דער שטאָט
איך זע ניט מער... לבנה־סערפּ, וואָס טוכט כסדר אויף בסוד
אין צניעותדיקער בלייבקייט פון פאַרטאָג, — זיי קענטיק אָפּגעשניטן האָט,
און מיך דערגרייכט דער צער פון טונקל, נאַקעט פעלד נאָך שניט,
ווו נאָך געבליבן זענען צוויי־דריי בלימלעך אין דער מיט...

III. אויף אן אויפגעפלויגענעם עטאַזש

דער מענטש, וואָס קוקט באַנאַכט אראָפּ
פון פענצטער אויף אן אויפגעפלויגענעם עטאַזש,
און דער, וואָס דרעמלט שפּאַנט אליין אין גאַסן־טאָל,
— דאָרט, אויף דער ערד,
באַזונדערע, פאַרשיידענע זיי זענען,
צי פאַרקערט,

דער איין און זעלבער מענטש,
וואָס האָט זיין עלנט שטיל, אָן רעש
באַוינט, געשפּאָלטן זיך אַליין, געטיילט אויף צוויי,
אַזוי, ווי ס'טוען עס אצינד די מילדע, ווייסע בלימן שניי,
וואָס שיטן, שיטן און דעם גאַנצן רוים פאַרשפּינען —
פון „הייך" און „נידער" שפּילעווריק פאַרפּלאָנטערן דעם זינען,
צי גאָר אַזוי פאַראייניקן אין וווּנדערלעך פאַרבינדן זיי?

VI. די שטילסטע שעה

די שטילסטע שעה
נאָך האַלבער נאַכט.
וואָס הייסט אָט דאָ
די שטילסטע שעה
נאָך האַלבער נאַכט?

דאָס מיינט, דאָס מאַכט:
די מיליאָנען-מענטשן-שטאָט מיט אירע רחבותדיקע גאַסן,
מויערן,
פאַבריקן,
מיט אירע טעאַטערן, אַלטע קלויסטערס, נייע הענגנדיקע בריקן —
האָט זיך פאַרטייעט... ניין, ניט שלאָפט, ניט דרימלט,
נאָר שווייגט פּראָסט-ערדיש און באַהומלט...

וואָס הייסט, זי שווייגט?
דאָס מיינט: זי טרינקט זיך אָן מיט קראַפט און שטייגט.
דאָס מאַכט: מיט אַלע גאָרנס, דעכער, ביימער-צווייגן
זי טרינקט פון ברונעם לויטערסטן דאָס גרויסע שווייגן —
פון ברונעם, דעם פאַרטריבענעם אין פעלד אין ווייטן,
וווּ ס'קומט צו אים אַ פוסגייער, אַ רייטער.
אַפילו די לבנה מיט די ריידעוודיקע שטערן
אים רווישיק זוכן אָפּ — צו אים פאַרבלאָנדזשן גערן
אײַנאַיינעם מיט די סטאַדעס פון די שטומסטע שאָטנס־שבטים...

איך אויבעט טרינק פֿון אים מיט שטאָט, מיין תמיד דאָרשטיקער,
פֿון דאנען.
איך איילעט טרינק מיט איר צוזאמען —
ס'פארכאפט אונדז אזש פֿון לאנגען, פרישן טרונק דער אָטעם.

אומגעריכט

היינט איידער געוואָלט כ'האָב פארלעשן דאָס ליכט
אויף שלאָפֿן צו גיין, האָב דערזען אומגעריכט:
א צימער איז אויך דאָך אן אייגענע נעץ,
און מענטש איז אין זיינע פיר איילן אליין אויך דער געץ.

דער טיש, וואָס פֿון אים האָסט דערוויטערט זיך איצט,
אָן ליבּ און אָן אויגן אויף דיר אָטעמט... בליצט...

די ווענט, וואָס דעם רוים ענג פארצוימען ארום,
זיי זענען די שומרים, וואָס היטן דיך שטום.

און כ'פיל אז מיך ווילן ניט פֿאָלגן די פיס —
אומהיימלעך ז' געוואָרן צום בעט צוצוגייען,
און אים איבערגעבן אָן שרעק דאָס געביין.

פארשטיי איך, אין דעם איז באשטאנען, געווים,
פֿון פארן שלאָף קריאת־שמע צו לייענען דער זין:
דער מוח זאָל ניט שפינען געוועבן אין גייסט פֿון דער שפין.

ס'ליכט פֿון ערב טאָגן

ס'ליכט פֿון ערב טאָגן
איז דאָס ליד פֿון ווידוי זאָגן
פֿון דער נאכט,
און פֿון מיין בלוט און פלייש —

אויפגעוועקט פון ערשטן אויפן הימל אויפגעבליצטן טראָפּן דם ואש —
שטענדיק אָויפגעוועקט אויף ריין זיך אויסצובאָדן אינעם מאָרגן־גרוי,
אינעם טונקל־גרויען בלוי,
ווי די פייגעלעך זיך רייניקן אין שטויב.

זאָג איך מיר, אז כ'בין אזוי מסתם מתפלל, לויב
(איך באגלייך מיט מויער, פענצטער, דאַך)
ס'גוטע ליכט פון ערב טאָגן,
ס'דעמער־ליכט פון ווידוי־זאָגן
פון דער נאכט.

שיין פון האלבער נאכט

שיין פון האלבער נאכט, וואָס ביטער שמייכלט,
שיין פון אָפּגרונט־חשכות, שיין פון ריינע הייכן,
צארטע שיינען־איבערגענג פון ערב־טאָגן
ערב א „גוטמאָרגן" הויך ארויסצוזאָגן,
און דער ווייסער פלאקער, וואָס צעווישן זיינע ווענט,
גייען מיר ארום און ווערן ניט פארברענט, —
איז דאָס ליכט וואָס איז אויך מיר באשערט
אויף אונדזער טונקלער ערד,
און וואָס (אויך ניט באשטענדיק קלאָר פון מיר דערהערט)
האלט מיך אין איין טרייבן, יאָגן
א פארמישפּטן צו טאָן, טויטן און באַגערן,
ווי די העלדן פון האָמערן,
פון איין שאָטנדיקער וועלט אין זוניק־צווייטער...

כ'זע פון ליכט פון דעם גייט אויף א הויכער לייטער,
און א יעדעסמאָל אויף אים צו שטייגן איך בין גרייטער—
גרייטער!

א ניגון

א.

מיר האָט זיך געחלומט:
פארפאסט כ׳האָב א ניגון.
בלויז גנה ורנה.
א ניגון,
ווי כוואליעס זיך וויגן־פארוויגן.

און אלץ איז געווען אין דעם ניגון!

איך רײַס אויף די אויגן —
מײַן שטימונג בלײַבט מונטער.
א ניגון פארפאסט כ׳האָב —
א ניגון א בונטער.
בלויז גנה ורנה.
מע דארף אים מיט ווערטער דער וועלט איבערגעבן.
די ווערטער!.. די ווערטער שווין איבער מיר שוועבן
מיט צוויטשער פון פייגל, מיט זילבערנע ליסקעס, ווי פיש...
איך זעץ מיך צום טיש
און איך פּאָר זיי און מיש
אזוי ווי א שפּילער פארברענטער — די קאָרטן
נאָר ס׳קומען צו מיר ניט די אמתע סאָרטן.
עס קומט ניט, עס קומט ניט די ריכטיקע פארב —
כאָטש צי זיך אויף ד׳ר ערד אויס און שטארב!

און וויפל מײַן טעקסט איך ניט לייען — ער הייבט
מיר ניט אָן צו געפעלן.
ווי ביינער אָן פלייש שטארצן אייניקע שטעלן.
ניטאָ! ניין, ניטאָ איז דער גאנג פון די וועלן.
אויך פעלן צום שטייגן די שוועלן... די שוועלן...
און כ׳ווייס, כ׳האָב געפטרט דעם מעכטיקן ניגון,
ווי כוואליעס זיך וויגן־פארוויגן...
איך לעש אויס דעם לאָמפּ און אין בעט לייג זיך ווידער.
א גליאיקע בענקשאפט. א בענקשאפט נאָך לידער.

ב.

אין הויף דורך מיין פענסטער איך זע אלע שויבן.
ס'פארטאָגיקע שטוב־ליכט פון לאָמפּן, ווי פליגל
פון אויסטערליש־קליינינקע ווייס־ראָזע טויבן,
באווייזט זיך דאָ־דאָרטן, אזוי ווי ג'א שפּיגל,
און איינס נאָכאנאנדער
פון איין שויב צו צווייטער, א פלי טוט א וואנדער —
א מאָל בלויז איין איינציקס, אמאָל גאָר אין צווייען.
און אָט אלע גאָרנס באלויכטן עס ווערן —
די מענטשן דערוואכן, אויף ארבעט שוין גייען.
דער הויף, ווי א פארביק־פּאפּירענער קינדער־לאמטערן,
געמאכט פאר א ריז, ברענט פון אויבן ביז אונטן,
און עפּעס דערציילט פונעם לעבנס־טיף־גרונטן...

גאָר ווייל עס מוז הערשן די מאָס דאָך די גוטע —
די פענצטער זיך לעשן... קאיאָר־שיין בארוטע
פארנעמט איצט דעם הויף־רוים אינגאנצן.
ביי מיר גאָר אין קאָפּ נאָך עס היפּן, עס טאנצן
די פריערדיקע פלעקן, ווי פליגל פון ווייס־ראָזע טויבן,
אין אלע פארטאָגיקע שויבן...
גאָט מיינער! איך האָב דאָך געוואָלט זיי דערהויבן,
נאָר כ'האָב גאָר די ווערטער און ס'פעלט מיר דער ניגון,
וואָס זאָל, ווי דער ווינט, ערשט מיין ליכט רעכט צעוויגן,
און יאָגן עס, טרייבן און שטויסן
ארום און ארום אויף א שטח א גרויסן...

ניט שלאָפן

ניט שלאָפן ביינאכט אין מיין עלטער —
דאָס הייסט ניט:
געניסן די ווייגעז די בעסטע פון קעלטער.
דאָס הייסט ניט,
ווי דאָס האָט געהייסן

אין יידישע פרומע געצעלטן:
אָפּריכטן חצות, לערנען דעם זוהר, משניות,
צי עפּענען דאָס הארץ פאר א פּסוק ישעיהו׳ס
און זאָגן בעל־פּה גאַנץ יחזקאל, גאנץ עמוס דעם שעלטער.

ניט שלאָפן ביינאכט אין מיין עלטער —
דאָס הייסט ניט:
מיט אויגן מיט אָפּן־פארשטארטע, ווי בודא,
צו בענטשן די שטילקייט די גרויסע, וואָס הודעט.

דאָס הייסט ניט:
ווי שלמה אין מילגרוים פון חכמה פארמערן די קערנער
נאָר ווארטן געדולדיק און לייגן די הענט אויף די הערנער
פון מאָרגן, ער זיין זאָל פאר מיר דער באשערטער
אויף ווידער צו ווערן דער יונגער אוןליידנדער ווערטער.

עס גיט זיך ניט אונטער

משה אלטמאנען,
צו זיין 75־יאָריקן געבוירנטאָג.

עס גיט זיך ניט אונטער דער קערפּער דעם שלאָף.
איך ליג און איך טראכט וועגן שפּרונג אין אין־סוף.
און אפשר איך לערן זיך לייכט זיין און וואך
מיט גלידער מיט אלע, מיט אלע רמ״ח
כ׳זאָל רואיק און גלויביק ארויסגיין פון גוף,
ווי קאָסמישער פליער פון לופט־שיף... מיך רופט
דער וואקום, וווּ איך זאָל פארלירן די וואָג,
וואָס צענדליקער יאָרן געהאָרכזאם איך טראָג;
נאָר אויב, ווי דער פליער, וואָס איז פון דער וויג
פון שטערן געקומען אין לופט־שיף צוריק,
אויך איך וועל זיך אומקערן לייכט אין מיין גוף,
אוודאי פאסירן וועט דאָס אויפן רוף
פון זעלביקער לאסט און פון זעלביקער וואָג,
וואָס צענדליקער יאָרן אומבויגזאם איך טראָג.

ליד און באלאדע

אויף די קארפּאטן

ליד און פּסאלם אויף בארג

(1925—1924)

מיינע רייד צו דער שיקסע

גוג־מגוגיש־גרויסע,
אינעם שליאך פארפלאָנצטע שיקסע
מיט די רויטע באַקן —
דו האָסט אויסגעקנעטן דאָ
דעם לעקער־שטראָז צווישן זאַנגען ?

זע, ווי שיין, ווי געל, ווי הויך
ער איז דיר אויפגעגאַנגען !

הין און הער צוויי רייען ביימער
לויפן לעבן אים פון ביידע זייטן,
וואקסן קליין אומישנע,
שרימפּן אין זיך פאר די הויכע ווייטן.

שיכורע פון ליבע,
שמעקן זיי זיין ריח — האָניק זיסן,
חלומען מיט דיר צוזאמען
פון א הייליקער סעודה, פון געניסן,

פון א ערדיש־גרויסער שׂמחה,
פון פאַרנעמענע לייטן...

קוק, די אורחים דיינע
דאָרט אויף האָריזאָנט, שוין פליען, רייטן —
אָט די הימל־יונגען, וואָס זיי קומען
זין און מעַמער פון דער ערד פארליבן,
ווי אין מיינע ספרים, שיקסע,
שטייט מיט אותיות געשריבן.

זאָל איך אויך אראָפּגיין פון מיין רייט־צוג
מיין שטיק לעקער מיר אָפּברעכן?
— נעם בארעכן!

האָסט געקלערט אמאָל, וואָס רייץ איז?
אָט דער גילדענער וועג־שטויב —
וואָס איז אויך דער שטויב פון בילד פון
דיינעם?

הויב זשע פון זיין אָרט דעם שליאר
און לייג אים דיר אויף פּלייצעס.
טראָג אים גלייך ארויף אין מזרח,
שטעל אדאָרט אריין אים,
ווי א הייליקן פארמעט אין אן אָרון.

— נו, און טרוימען מעג מען דען?
דאָס פרעג שוין זיי, די קינדער־יאָרן...

...אין א פּויערישן וואָגן אלטע יידן,
נאכט אין איך געפאָרן...

שרעקנדיק זיך פאר דער שווארצער ערד
מיט אירע, ווי אויף הפקר־הענגנדיקע
ברעטל־געטער,
בין געזעסן צוגעטוליעט
צו די ווארעמע שויסן פון די פעטערס,

און געהערט דאָס טריפן פון די האָריקע ליפּן
אלע שפּעטע מעריב־ווערטער,
ווי א אָונט־רעגנדל אין פעלד וואָס טוט זיך זיפּן
טראָפּן נאָך א טראָפּן,
בלינד און עלנט טאפּנדיק די פינצטער.

אָט די הייליקייט פארנעם איך אויך
אין רויש פון זאנג דער דינסטער
איצט, ווען אָונט לייגט דעם צלם
הין און הער אויף דיינע פעלדער...

און איך מעלד דיר:
— ס'איז א קדושה־סוד פאראנען,
וואָס איז העכער פון געניסן!
זע, אָט ליגט ער דיר צופיסן

מיט זיין גרינלעך־שווארצן —
וועלדער־שמעקנדיקן — פליגל־טויער,
וואָס זיין קאָפּ שפּארט אָן אין יענעם
שארלאך רויטן שקיעה־טויער

נאָר ווער ביסטו —
דאָרט אין וועג פארפלאָנצטע שיקסע
מיט די רויט־באקן,
וואָס צו דיר כ'טו רעדן
איבער פעלדערס האלדז און נאקן?

ביסט אי שיקסע־ערד, אי סתם א שיקסע
און אי ביידע.
כ'רעד צו דיר אי יידיש און אי גוייש
ווי מיין שפּאָלער זיידע...

אָוונט אין די בערג

די בערג מיט בארג זיך שטאָפּן און זיך מערן...
עס פּליט אראָפּ אויף זיינע ביסיק־פּיס א שטערן
און פּיקט מיט שנאָבלע אין זייער גאקן.

געענדיקט — איז אן אנדערער געקומען האקן
און אויך געפּיקט, אויך אות נאָך אות געקליבן
די משה־שריפט, וואָס איז געשריבן

אויף אלע בערג — גאָטס ניט צעבראָכענע לוחות...

א האלבער טאָג מיט שאָף

א האלבער טאָג מיט שאָף.
ביים אָנהויב זיי געפּאשעט האָבן זיך —
אראָראין אראָד,
און דער פּאסטעך מיט זיין פייפל
איז ביי זיי געווען אוודאי גאָט.
נאָך דערנאָך, דערנאָך —
פּאסירט נאָך עפּעס שענערס האָט.

ווי די בהמות, וואָס איר פארב און גאנג זי האָט געביטן
לויט דעם שיינעם הארבסט־טאָגס זיטן —
שאָף נאָך שאָף (פון ווינט מיט זון צעשויבערט און באַגילדעט),
האָט פאר זיך מיט חכמה,
ווי א שאָף־פיגור, איר אָרט געבילדעט,
קלעטערנדיק איבער בארג־פעלד, לאנג, פּאמעלעך,
אין פארשידענע און מאָדנע ריטמען:
וואָל־שווער, שלאָבעריק, און קאָמיש־פרײלער...

א האלבער טאָג, אזא געווען איז זייער שאָף־ און לעמער־הולד.

און אצינד, ווען אונטער ערשטן שטערן
זעצן זיי אליין פאָר דאָס זעלבע בלאָנקען,
צייכענען מיט ווייך־שטיל טאנצנדיקע גופים.
אומגעריכטע גרופּעס פון געדאנקען,
שפּאסיקע גימטריות און צירופים
אויסגעדריקטע, דאכט, בהימהש, תמיש —
זעט מען, אז א גאנצן טאָג זיי האָבן פלייסיקע געשריבן
מיט די טלאָעלער א שריפט פארהוילענע —
א שעפּסענעם אראמיש...

מיינע רייד צו דער קו

אָוונט-בלאָבע קו,
וואָס איך האָב אין אָוונט דאָ אויף די הויכן
מיט צוויי שיקסעלער דיך באַגעגנט —
אָפּגעמאָלן אין דער זעלבער פאַרב פון הימל,
וואָס פאַרנאַכטיש-גראָ — אָט רעגנט!
מיט געדיכטן, טונקלען וואַלד פון ביידע זייטן
אויפן שמאָלן, וואָלקן-הויכן, ווייסן שליאַך דעם
צאַרטן —
גלייך דער הימל דיך אַראָפּגעשטעלט דאָ וואַרטן...

ביסטו נביא-דאָרשט צו לעשן אָנגעגרייט דאָ?
איז פאַר דעם באַשטימט דיין פרומע מילך?

ווייל איך —
שטאַמסטו פון די וואָלקן-טשערעדעס,
וואָס פּאַשען זיך אין הימלס בלאָע גראָזן,
אָדער גאָר א לעבעדיק-פאַרקערפּערטע נבואה,
וואָס אויף ערד פאַרבלאָזן
האָט דער ווינט, ווען טרייבט די בערג און כמאַרעס
איינס אויפס אַנדערע מיט די שוואַרצע, ווייסע קאַמען...

אָדער — אפשר האָט פּאַסירט, אַז זאָלסט פאַרזאַמען,
און מיט דיינע שיקסעלער אָט דאָ זיך שפּעט אַזוי
פאַרטמען.
ווייל באַשערט איז מיר געווען אייך צו באַגעגענען?

אָוונט-בלאָבע קו מיט פאַרב — אָט הייבט אָן
רעגענען!
כ'זעץ מיך קעגן דיינע פייכטע גרויסע, שוואַרצע
שטערן
און דיין שיינעם עולה-תמימה-קאָפּ,
און איך וויל דיין טרייער פּאַסטעך-פירער ווערן.

לאָז־זשע מיך דיך פליסטערן טשאָבאניש־זיסלער
אויף דיין קילן אויער מיינע רייד אין הייסן תהילים־
טראָפּ:
ביי דער שיין פון דיינע הירטינס באָרוועסע פיסלער —
געלע וואקס־ליכט, וואָס אין זיי טיף ברענען פלאמען
פון דער הארבסט־קעלט — שארפע, רויטע ווינטעלער
און ווינטן —
וועלן מיר אין יענע דערפלער אונטן,
וואָס מיט שווארצער אָרעמקייט און גאָט אויף פּויערישן
אויוון פרום זיך גראמען
טרעפן דאָרט צו דיינע דאך־ און ווענט־צעבראָכענע
שטאלן,
ווען דער הימל אין זיין פעטער, בלאָער ערד וועט
עפענען
זיינע רויט־געשטערנטע קוואלן
וואָס מיט זיינע שטראלן, ווי מיט ריטער,
אונדז אויף ליפּן שלאָגן
און מיר וועלן —
כ'ווער גיט מיר, קו געטלעכע, מיט דיר עס קנעלן
אין דער בין־השמשותדיקער ווארעם־טרויעריקער
ענגעניש פון מענטשן
און פון חיות בלינד פארפלאָכטן,
אונטער פייער־ וואָרט־ און וואסער־מורמל,
און נשמה־נאָגיקן ריח פון טאָפּ מיט פלייש
געקאָכטן, —

שטיין מיט אויפגעפלאמטן מויל אויף אלע שוועלן
און נבואה זאָגן...

אין דער פרי דאָס גאנצע דאָרף וועט אויפשטיין
און מיט צאָרן — אין די בערג אונדז צוריק פאריאָגן.

נאכט — איז נאכט אָט דאָ

נאכט —
איז נאכט אָט דאָ צווישן אָט די בערג,
אין דעם דאָרף, דעם אָרעמען, וואָס מ׳האָט עס
דאָ פארמאכט,
און אוועקגעוואָרפן בלינד,
ווי א ניט געזעצלעך קינד...

די לבנה ליגט זיך דאָ אוועק
עפּעס פּאָפּערעק.

אלע הינט, וואָס האווקען ביי א יעדער שטוב —
דאָ, אין דער מיט נאכט פארשטאָפּטער טיפער גרוב —
בלייבן דעמאָלט שטיל, דערזעען די לבנה מן הסתם,
וואָס געלייגט זיך האָט מיט ברוסט אינדרויסן
ווי אן אם —
אויף דער זייט זיך אָנגעבויגן —
זאָלן קומען אלע הינט,
אלע הונגעריקע דאָרפס-הינט און זי זויגן! —

אָבער ביז צום סוף
זיך דערשפּינט
אָט די טרויעריקע בארג-לעגענדע,
לייג איך מיך און שטיי אויף פונעם שלאָף
זיבן מאָל
גלייך מיט אלע אלטע פויערים אין טאָל,
כ׳זאָל, ווי זיי, האלב- שלאָפנדיק, האלב-וואך,
מיט די אויגן קושנדיק די נאכט,
מיטן גאנצן גוף, ווי זיי, אויך טאָן א טראַכט:
נאכט —
איז נאכט אָט דאָ, צעווישן אָט די בערג.

פיצל, באָרוועס מיידעלע

אויפֿן טונקל-גרינעם הינטערגרונט פֿון
אָוונט
בלאַנקט א ווייסע סטאַדע גענדז,
וואָס א באָרוועס שיקסל, טריט ביי טריט,
טרייבט פֿאַרעקשנט צו דעם דאָרף.

פּיצל, באָרוועס מיידעלע,
נעם שוין מיט
אויך דאָס ווייסע קלויסטערל אָט יענץ
מיטן רונדן דעכעלע איצט גרינלעך-ראָזע...

טוט דאָס שיקסעלע אזוי,
מיט איר גרינער לאָזע
טרייבט אייניעם מיט די גענדז
אויך דאָס ווייסע קלויסטערל אָט יענץ
טריט ביי טריט.
טריט ביי טריט.

דאָס שיקסעלע קליין,
די לאָזע גרויס,
די גענדז — פֿאַרויס.
און הינטערשטעליק בלייבט
דאָס קלויסטערל בלויז.

אויף די רעדער פֿונעם צוג

אויף די רעדער פֿונעם צוג
רינען
די שטראָמען פֿון דער נאַכט.

איך בין וואַך.

איך גראָב מיך צום ליד פון באַגינען —
צום געזאַנג פון שחרית,
וואָס כ׳האָב נאָך ניט געזונגען.
איך בין עם מכריז
ומודיע:
— וואָס באַנער אַזוי צו זינגען!

אויף די רעדער פונעם צוג
קלינגען
די שטראָמען פון דער נאַכט.
— דער טאָג דערוואַכט!
דער טאָג דערוואַכט
אויף מיינע הענט,
וואָס איך האָב זיי ניט דערקענט.

דער הימל אָן א שטערן שוין,
אָן אַן אות,
און קרוע בלוע,
נאָר די האָריזאָנט־יריעה —
דורכזיכטיק־ראָז.

שלים איך א בלוטיקן בונד
מיט דעם הונט —
ס׳איין און איינציק באַשעפעניש
(וואָס פאַר א הייליק טרעפעניש)
אויף דעם ווילדן ישמח פעלד,
איצט אין מאָרגן־קעלט,
מיטן מויל אין מוטנע וואַסער
(ווי ער טראַגיש ערנסט טרינקט)
אונטער בלאַנקער שאַרף
פון האַלב לבנה־מעסער,
וואָס אויף הפקר־קאָפּ אויף זיינעם
ווינקט אַראָפּעט.
ווינקט...

און ווען לבנה־האַק,
וועט אין הונטס האַלדז און נאַקן
זיך וואַרפן,
פאַלן שאַרף, —
וועט זי ווערן אויך די האַרף
פון מיין מאָרגן־ליד...

בראַשאָוו[1]

די בערג —
גאָטס מרה־שחורה־טאָרבעס —
האָבן מאַנאַסטיריש־שוואַרץ זיך אויסגעלאָשן,
און די שטאָט אין טאָל צופוסנס
האָט גענומען מינען,
זיך מיט אַלע אירע נאַכט־קאָלירן,
זיך אַליין פאַרפירן,
גיין פון זינען,
מיט א פול מויל פרייד, ווי וואַסער,
וואַרגן זיך און שלוכצן,
קוואַקן.
ווי נ׳א אָטשערעד די פראָשן...

טאַקע
ער בכבודו ובעצמו — דער גרוים־אויגנדיקער
טורעם־זייגער (גנעדיקע קוראָרט־פּרויען
מאַכט צונויף דעם שיינעם פּראַנט
אויף לאַק־פאַנטאָפל...)
ער, וואָס מיט זיין גאַנצער הייך
קומט קוים צו די קנאָפּל
פון די שווערע חשבונותדיקע בערג־שטיקער —
מאַכט זיין דופק שלאָגן ליכטיקער און גרעסער,

---

[1]) א באַרימט קוראָרט אין די טראַנסילוואַנישע קאַרפּאַטן.

שפּילט אינײנעם מיט די פּירלען און די בעסער
פון די רעסטאָראַנען — און האָטעלן־זאַלן, —
אָט די שרפּהש־אָנגעצונדענע עלעקטרי־בוימאייל־
קוואַלן.

איך אַנטלויף צו זיך,
איך אַנטלויף פון אָט דעם וואַנזין־ליכט,
פון זײַן אויסגעלאַסן שאַלן.

נאָר ווער נעמט זיך אונטער אויך צו ציילן
אָט די טונקעלע און ליכטיקע געשפּענסטער
שטייענדיקע,
גייענדיקע
פאר מיין, אין א זייטיקער וואַנט,
געעפנט פענצטער?

ווען איך פרוון כאָטש דערציילן
פון דעם צירק, דעם אופגעליילעכטן
אויפן פּוסטן, אַלטן מאַרק.

ווי א קינד ער האָט די באַקן אָנגעבלאָזן
און דעם קאַרק,
נאָר אומזיסט — ער מאַכט דעם איינדרוק
פון אן אָפּגעהאַקטן שאַרבן...

אָט די פאַרבן,
סילועטן,
קלאַנגען
(אַלע איבער אָפּגרונט אויף א שטריק
אין טאַנץ געגאַנגען...),
וואָס איין נאַכט זיי לעבן דאָ און שטאַרבן,
ציגדן זיך און לעשן,
שוויגן,
קלינגען
מיט אַזויפיל פּינצטערע און בליציק־בלאַנקע שליסלען...

דעקלאמירן,
ריידן,
שעפטשען,
הוסטלען,
כראקן —
הערן זייער אייגענעם עכאָ ביז באגינען,
גייען, דאכט אראָפּ פון זינען,
האקן,
קוואקן,
ווי ג'א אָפּשערעט די פראָשן,
גראָבן,
קראצן מיט די נעגל
אין דער פּיעטע פונעם איפּגעבארגטן
ערדענעם עגל,
האָס ער שטייט זיך אויסגעלאָשן,
און ער דראָעט,
און ער דראָעט...
....
....
— לעולם ועד!
לעולם ועד! —
קלינגט דער טורעם-זייגער אויס אין טאָל פון שטאָט.

לידער און באַלאַדע
אויף די קאַרפּאַטן

(1966—1963)

אין צוג פארטאָג

די בערג שוין ווייזן זייערע קעפּ,
געשווירענע מיט טרעפּ...
אהינטער זיי שאריעט אויף דער הימל־וואנט.

דאָס ליד, וואָס שרייבט זיך דאָרט,
אויף יענעם הייליק־הויכן אָרט,
איז ווי געשריבן מיט מיין האנט...

כ׳באגריס אייך קארפּאטן!

איר, טרעגערס פון ערדישער שיינקייט — ניט מיפן,
ניט גאָטהייט־באגריפן, —
כ׳באגריס אייך, קארפּאטן, פון הארצן פון טיפן!

איך קום היינט צו אייך שווער־באלאָדן מיט יאָרן,
נאָר מער מאָל געשטאָרבן — כ׳בין מער מאָל געבאָרן,
און פעלדזיק, ווי איר, איז מיין ווילן צו גרינגען,
און פּרות צו געבן פונסניי צו באגינען.

ווי וואלד און ווי וואסער צו רוישן און זינגען —
איך וואָלט מיך צו אייך, ווי אויף ארבעט פארדינגען.

איך שטיי ביי תהומען און שפּיציקע ריסן.
מיר ווילטיק אויך היינט איז צו זען און צו וויסן,

אַז אייערע פֿלוסן, וואָס מורמלען און שרייען,
און אומפֿעטפֿול האָרעווען, טראָגן אויך שטיינער, —
פֿון דיכטונג פֿון מײַנער, דער שומיקער, ריינער,
דער דורכזיכטיק-טונקלער — אַ שפּיגל געטרייער.

יאַרעמטשע[1]

רוים, די אַמאָליקע וועלט-שטאָט, באַהערשט זיבן היגלען.
יאַרעמטשע אין בערג דרײַ מאָל זיבן פֿאַרגינט זיך צו שפּיגלען.
איין באַרג הינטער צווייטן. כאָטש רונדע, ווי גים — פּרווו זיי צײַלן:
מע קען ניט מיט בלויז הוילן בליק זיי פֿאַנאַנדערצוטײַלן.

זיי שטייען, ווי שטורעמס פֿאַרגליווערטע, אָבער זיגזאַגיש
זיי בילדן באַוועגונג, וואָס ווירקט דאָפּלט מאַגיש.
באַלאָדן מיט וועלדער מיט שווערע — צעשמעקן זיך דופּטיק.
געהילטע אין זײַדענע נעפּלען — זיי זעען אוים לופֿטיק.
און לײַכט, ווײַל פֿון אויבן — באַלויכטן מיט איידלסטע פֿאַרבן,
פֿון אונטן — מיט שבחים צום מענטש אָנשטאָט גביא-וואָרט האַרבן.

כאָטש ס'גרייכן דעם זוים פֿון די וואָלקנס די הויכע קאַרפּאַטן,
נאָר קוקסט אויף זיי, ווי צו אַ דאָרפֿישן האַרציקן טאַטן.
עס ווייעט ניט אָן דאָך קיין מורא, נאָר אָפּשיי און ליבשאַפֿט,
אַ פֿאָטער-געמיט, וואָס עס קוועלט מיט צאַרט-מאַמישער טריבשאַפֿט...

[1]) יאַרעמטשע — אַ ישוב אין די מערב-אוקראַיִנישע קאַרפּאַטן.

אויף מיין געלעגער

געלעגן כ'בין די נאכט אויף מיין געלעגער,
און יעדער אבר האָט מיר ווי געטאָן,
ווי נאָך א לאנגן לויער ביי די יעגער,
נאָר ניט פארשלאָפן כ'האָב דעם קריי פון האָן
מיט שטים, באפינטלטער פון ווייט־שאריענדיקער שיין.
און פון מ״ן זעעוודיקער קינדהייטס קלאָרען זיין...

מיינע רייד צו דער באָבעטשקע

געווידמעט ס. ל.

באָבעטשקעלע,
וואָס איך זע אין וואלד אריין
דיך גיין קלויבן שפענער.

מערישקע מיט ריזן-פליים
אין דיינע מויל-צעטאָטשעטע
קלאָרע ביינער,
דריי מאָל וועל איך נאָך די נאכט
דיין שפור פארלירן
ביז עס וועלן קרייען הענער.

א פארפלאמטער שטערן
ביסטו דאָ אמאָל
אין א נאכט א גאָלדענער אראָפגעפאלן.
היין און הער זיך אויסגעקוקט
זיס־תאווהדיק־קאסאָקע,
און גענומען ברענען בערג און וועלדער,
קנעטן ליים פאר שטיבער, שטאלן —

ס'גאַנצע דאָרף צונויפגעטראָגן
און דערויף פאַרחושט געזעצט זיך,
ווי א קוואָקע
אויף די הינדלעך אירע...

האָרך:
די בהמות דאָס צו דיר מעריקן
קרום און גלייך נאָר ווי א ווירע:
שירה!
שירה!
און דער סטאַדע-גלאָק דער גוטער און דער
שלעכטער,
וואָס ער קייקלט זיך אין גראָז דאָרט פאַר
געלעכטער,
ווי אזוי ער האָט דאָס לשון אָפּגענומען
ביי די שעפעלעך די זאַטע
פון זיין גרינער זיסער פּלאַפּלעריי,
וואָס וועט זיי סטייען ביז משיח וועט קומען —

ביז אין יענע טעג, ווען וועלן קוים פאַרשטיין,
אַז שוין יובלען-לאַנג זיי שווייגן, שטומע
תמעוואַטע.
און זיי וועלן דעמלט בשעת גיין צום וואַסער
פירן אים אין טייך דערטרענקען,
און אזוי וועלן דעמלט בשעת גיין צום וואַסער
פירן אויך זייער צונג פון שלאָף אָפּשווענקען —

ער, דער סטאַדע-גלאָק דער גוטער און דער
שלעכטער,
ווייסט נישט, אַז ביים סוף פון אַלע דורות,
וועלן זיי, די שאָף, פון אים נאָר האָבן
פולע מיילער רייד, געלעכטער,
און ער שלעפּט זיין לאַנגע צונג נאָטספּאָרכטיק,
ווי די קו די מילך-אייטער פעטע,
מיינט מיט דעם דיך נאָר צו קיצלען,
באַבעטשקעלע, אין דער פּיאַטע,
ווי אין יענע צייטן נאָר, ווען ביסט געווען א מיידל...

און די נאַקעט-לויפנדיקע טייכן,
וואָס זיי שווימען גאַזונדיק:
אי בחור-שקאַרק, אי בתולה-איידל,
און מען זעט ניט וואָס זיי זענען, —
הויבן אויף פון צייט צו צייט די פיס די לאַנגע,
ברעכן איין זיי ווי א בויגן,
און אַנטפּלעקנדיק אַזוי נאָר דיר זייער מין, —
גלייכן אויס צוריק די קני.
ווען סיט רעש דערלאַנגען שנעל א פּליאַסק
אין אייגענעם בליענדיקן פלייש,
און ווייטער ווילד געפלויגן...

און די הויך און שווער
מיט צוועלף העלדן-שבטים מעוברתדיקע בערג.
אויף וועלכע דו קלעטערסט
און גאַווייליקער פון יעגער-הינט,
וואָס לויפן צו פאַרצוקן,
שאַרסט דאָרט צווישן ביימער, בלעטערסט,—
טוען עפּענען נאָר צוליב דיין אַלטן מויל,
וואָס וויל נאָר תמיד שפּעטן,
זייערע פינצטערע בייכער-טויערן,
און צו מזל,
צום ת׳ר׳פ׳ט אלפימדיקן מאָל,
שוין ווידער דיר א מיזל-אייניקל געבוירן...

און פאַרגעלטע קלאָג-הברות צוויי: אָ! אָ!
פון דעם וואלד-העקער, וואָס ער ברעכט מיט
אַז דער
קוקווייקע-שטים די דעמבעס און די טאַנען, —
לעשטשען זיך צו דיר און שלייערן
דיך ג׳א פאַרביק יום-טוב-טיכל אוים
פון פראָשן דאַרע, פוילע, טויטע
הינדערטער שוין יאָרן,
נאָר מיט אייגלער אָפענע און רויטע
פון דעם בלוט וואָס וואלד פאַרגאָסן
האָט מיט זיינע ווילדע הערנער,

עקדישן און חיות־רעות ביז די פרומע בערן,
וואָס זיי לעקן קינדיש־הונגעריק דעם האָניק
פון לבנה מיט די שטערן.

און דיין הונט,
וואָס שלעפּט זיך פּוסט און פּאַס נאָך דיר,
ווייל ס'איז אַזוי דיין ווילן.
אין זיין חכם־קאָפּ דו פּלאָנטערסט,
רייסט און קניפּסט דאָרט יענע רויב- און
אָפּגרונט־קולות,
וואָס זיי בילן!

זיינע פּיס —
דיר ווייוואַט־שפּילנדיקע שטעקעלער
אויף הויכער פּויק פון ערד — האַלב שאָף,
האַלב טיגער —
וואָס איר פּעל איז אָפּגעשוּנדן
פון דעם ריז דעם נישט געשטויגענעם,
דעם ביי דיר אין מולטער־מיילעבל
פאַרוויגטן זיגער...

און זיין עק —
א פּלוידערזאַק פון לשון הרע
פרייליכן און נבול־פה,
וואָס בליט פון אייביק שפּילן,
ווייזן דיר און זיך אַליין צוריק
זיין מעשה־בלבל ליגן אויפן רוקן —
שפּיגלען זיך אין בלויען רוים,
זיך וואַרעמען דעם בויך און פּלוצעם
הילך מיט ווייטע חיה־בליקן אויפשטיין,
זוכן, נישטערן געגודעט,
צי פאַרשטאַנדיק שטיין און קוקן
דער בהמה גלייך אין אירע
שטום צו גאָט מערוקנדיקע אויגן,
ווען עס קומט אויף איר דער בוהיי —
פּיס און קאָפּ פון פלאַט און סאַמעט.

אָדער, —
(כאָטש ער איז שוין אין א יענער
שוועבל־תכלתדיקער־שעה
מיד פארבלענדזט און שלעפעריק,
ווי ס'פּאַסט פאר אים דעם „דאָרפס-מלמד")
זיין א מבין און באמערקן, ווי דער פּאַסטעך
טרעפט דאָס פרויענצימער־קינד ביים קלויבן
האָלץ צי יאגדעס און ער טוט זי אונטערטענען,
פארגעוואַלטן.

און אויך אנדערע כל המינים
פאָרן זיך, באהעפטן, טרעטן, שטויבן,
שיילן זיך און שפּאַלטן...

און די גנבעסט,
ביים נאָך אָפּ פון זון־בוים צניעות־פּורפּור,
אז דיין בעקל־הייטעלע זאָל יאגבע שעמעוודיק
זיך רויטלען
פון אזויפיל בקיאות אין קידושין
פון דיין הינט — דער בייזער־חקדן,
אי חניפהניק, אי טענצער
אומעטום דאָרט. ווי א „ער„ „דערגרייכט א זי"
אין ראנגל־שפּיל, אין בלוט, אין ליפּן־טוי
פון רזין דרזין־קושן...

אָבער וואָס באדייט,
באדייט ? —
אויף די בערג פארגייענדיק מיט הונט
וואַלד־טיף,
וואַלד־ווייט —
דרייסטו פּלוצעם אוים צו אים דיין לאנג-
פּאַרדאַרטע
פּנים־פּעטשעריצע,
אין די שמאָלע אייגלעך־שפּאַלטן
צינדן אָן זיך בליצן —
א געוויטער !

און זיי שטייסן אָפּ די חיה,
ווי מיט פייעריקע ריטער —
בייזע שטעקענעס,
וואָס קייקלען זיך פון בארג אין טאָל
נאָכן יאָגנדיקן הונט,
וואָס לויפט צום דאָרף און יאָמערט אויף א קול
ביז צו מיר, צו מיר...
פארקריכט אויף ד׳אַקסלען מיינע
מיט די פערדרשטע צוויי לאַפּעס
און פון קנויל-געדערים זיינע
לאָזט ארויס א האווקע,
וואָס פארברענט מיין מויל,
און ס׳הייבט אָן שרייען:
— נפקאָ!

....

....

פון דער טיף פון אָונט-נעפּל
ביז צו דיר
אין סאמע נאכט פון וואלד-טומאנען,
ווו מיט קלונשאפט ביסט פאראנען,
זעט מען, ווי א בליץ, וואָס וויל דעם רוים צעשניידן,
ס׳ליכט פון דיינע פיס, וואָס טוען א בליאסק,
און ווידער אונדז אויסמיידן.

לאנג
אין רענן-נאָס, מיר גראָבן זיך און גראָבן
ביי דער שיין פון דיינע בלאנקע
פיילן-ווארפנדיקע פיטעס —
אָט, אָט וועט עס
זיך פאר אונדז אנטפּלעקן!

וואָס איז דאָ צו קלערן?
וואָס איז דאָ צו קלערן?
ס׳איז געגאן אין וואלד
דאָס באָבעטשקעלע
צוריק א מיידל ווערן.

וואָס איז דאָ צו קלערן?
וואָס איז דאָ צו קלערן?
נאקעט טאנצט אין וואלד
דאָס באָבעטשקעלע,
ווייל זי ווערט ביינאכט
צוריק א שטערן.

וואָס איז דאָ צו קלערן?
וואָס איז דאָ צו קלערן?
אינעם שטערן-קאראָהאד —
דאָס באָבעטשקעלע
איז די יונגסטע ווידער,
האָט די שענסטע גלידער
אינעם שטערן-מיידלער-ראָד.

וואָס איז דאָ צו קלערן?
וואָס איז דאָ צו קלערן?
פון ארום, ארום מיר קומען —
איך מיט הונט, מיט וואָלף, מיט
אלע חיות ביז די בערן
און מיר וואָיען און מיר ברומען,
ברעכן מיט די ציין די זיבן כישוף-רינגען —
ס'שיינע באָבעטשקעלע צו באצווינגען.

וואָס איז דאָ צו קלערן?
וואָס איז דאָ צו קלערן?
אין איין אויגנבליק דאָס באָבעטשקעלע
טוט צוריק א באָבעטשקעלע ווערן —
א האָלאָוועשקע...
שטערנדלער נאָך פאָכן מיט די פליגלער,
און זי מעלקט אין טויזנט קריגלער
מילך
פון דער מילך-סטעזשקע...

וואָס איז דאָ צו קלערן?
וואָס איז דאָ צו קלערן?

מאָרגן נאָך גאַנצפרי וועל איך דאָ האָבן
שוין צו טרינקען און צו עסן
פון איר האַנט.
גאָרנישט כ'וועל געדענקען —
כ'וועל פאַרגעסן.

דער אויפבליץ

דער אויפבליץ דער ערשטער פון שטערן
אַט דאָ אויף די בערג, ווו איך שטיי,
דערמאָנט מיך אויך עפּעס פון הענער־געקריי.

דאָס אויפכאַפּן אפשר איז שווער,
נאָר גלייבט מיר, אַז איך אַזוי הער.

ווען איינס נאָכן צווייטן
די שטערן
די פליגעלער שוואַלביש צעשפּרייטן, —
בפירוש, בפירוש דערמאַנען מיך זיי
דעם מוטיקן הענער־געקריי,
דעם הענער־געקריי דעם פאַרשייטן,
פון יענע נאָך אַנטישע צייטן,
ווען יונג אין דעם אוראַלטן טונקל
זיי רופן זיך איבער,
און בענטשן דעם וועכטער,
דעם העלד און דעם גיבור...

די ליד וועגן צווערג

שטערן און בערג —
וואָס פאר א זיווּג און וואָס פאר א ווערק!

נאָר איך הער דעם זמר פון עם טעמיקן צווערג,
וואָס גראָבט טיף-באהאלטן אין אונדז און פארמערט
דאָס ביסעלע גאָלד און דאָס ביסעלע ערד,
וואָס יעדן ז'באשערט...

אָט דאָס איז מיין ליד און איך מיין, איר באמערקט,
אז כ'האָב נישט באליידיקט די שטערן און בערג
און כ'בין נים פוגע בכבוד די בערג...

דער שפרונג צום שפיץ בארג

דער שפרונג צום שפיץ בארג —
ווי רואיק, ווי קלוג און האַרטנעקיק דאָ טוט עס
דער וואלד!

זיין יעטווידער בוים
שטופט אונטער דעם צווייטן. געמיינזאם מע שאפט
איין געשטאלט,
וואָס קלעטערט הארמאָניש צו געבן א תיקון דעם
טרוים
פון שפרונג צום שפיץ בארג.

דער שפרונג צום שפיץ בארג —
איך הער ווי עס ריזלט דער זעלבער געדאנק
אין מיר שוין פון לאנג,
אי נערט מיין יסוד, אי גראָבט אונטער אים רוישיק
און שטיל.

נאַר הײנט — איך אויך פּיזיש עס פּיל —
ער ברעכט מיר מײַן נאַקן און האַלדז אַזוי שטאַרק,
װי ס'קען עס נאָר שפּירן אין קאַמף אַן אַטלעט,
װאָס איז אַ פּילמעכטיקער גיבור בײַ גרױסן געװעט
אין קלעם פון שטאָל־אײַזערנע אָרעמס פאַרכאַפּט
האָט זײַן קאַרק.

אין געדיכטעניש פון װאַלד

1

דער באַרג מעג זײַן װי הױך — מיט אים דער מענטש
געװױנט איז:
פון תמיד אָן דער נביא איז אויף אים געשטאַנען.
פאַרטיפן זיך אין דער געדיכטעניש פון װאַלד — צי לױנט עס?
זײַן שװײַגן, זײַן גערױש איז אױסן אונדזער אורגעפיל — דאָס
אַנען,
אַ װעג געפינט צו אַלע בלינדע דראַנגען, װאָס אין בלוט
דערװאַכן,
אַפּװאַרגנדיק דאָס מענטשלעכע... מיר װאַלדיש זיפצן, װאַלדיש
לאַכן
מיט גרינע יאַשטשערקעס און צװיטשערן אויף אַלע פײגל־
שפּראַכן,
װען נאָך, װי הײנט די װעװערקע, מיט שפּרונגען נאָנטע, װײַטע,
פון בױם צו בױם געשפּרונגען האָבן מיר פאַרשײַטע...

2

װאָס איז װאַלד?
ס'איז דער נס — דער גרױסער נס פון װאַקסן, װאַקסן, װאַקסן
העכער זיך אַלײן, װי גלײַך אַ שפּרונג געטאָן זיך װי אויף די
אײגענע אַקסלען.

זיין געשטאַלט?
ביימער, ביימער, ביימער,

וואָס זיי שטייען

שטייען,

שטייען,

און איינצייטיק דאכט זיך, אז זיי גייען,

גייען,

גייען

לויט א לכתחילהדיקן טייוויליש־שאַרפן שׂכלדיקן פּלאַן,
ווי די רייטערס אין דער לעגענדאַרישער אַרמיי פון טשינגיסכאַן.
ווייל ווי זיי, אויך יעדער בוים פון סאַמע לעצטער שורה —
זיכער, זיכער אין זיין אומבאַזיגטער גבורה —
פילט דעם בונד מיט דעם, וואָס העט־העט פאָרנט שפּאַנט —
אין קאַפּ,
טראָגט זיין שווערע אמביציע און ניט פאַלט אַרויס
פון שטרענגען טראַפּ...

3

וואָס איז וואַלד
אין געדיכטעניש פון וואַלד,
ווי איעדע רגע בייט ער זיין געשטאַלט?
הויכע בתי תפלה־זאַלן און פּאַלאַצן גראָמע מיט פּאַרטאַלן.
קוקט זיך איין — זיי ווערן גלייך, ווי אונטער דר׳ערד פאַרפאַלן,
ווי מיראַזשן אין דער מידבר — אויס געוואָרן, זיך צערונען
גאָרנישט פון אַט דעם, וואָס דאָ עס טראַכט זיך
און עס דאַכט זיך,
וועסטו ניט אַנטדעקן...
ווייל דער וואַלד פון זינד ער איז ניט מער דיין וויגל —
איז נישט אויך דיין שפּיגל,
און וואָס מער אין אים דו קוקסט זיך איין —
ער פאַרשלינגט דיך ווי א ברונעם.

קום צו אים זשע מיט א האַרץ אַן אומשולד־פרומען.

מיין באַלעבאָסטעאון איר קו

א גאנצן טאָג די קליינע שטילע פויערטע,
די שטילע, אָבער ניט פארטרויערטע,
וואָס פאשעט, פאשעט שטייענדיק איר קו —
פונוואנען איר געדולד און גרויסע רו ?

ווי שיין זי שווייגט! איר לאַנגער שטריק אין האַנט
צו וויסן טוט, ווען איר בהמה שפּאַנט.

מיט שטריק מיט איינעם לויז געבונדן זיי —
ווער חשובער זיך האלט פון אָט די צוויי ?
מסתמא זי, די שלאַנק-געטאָקטע קו,
וואָס אַלעמאָל צו איר באַלעבאָסטע קוקט זיך צו
און זיך דערמאָנט אין יענער צייט, ווען ס'האָט
דער מענטש געהאַלטן די בהמה פאר א גאָט...

אויף גאנעק פון איר הייזל

פון אלע עקן וועלט צונויפגעלאָפן זענען זיך די שטערן,
און שיר פארברענען ניט דעם דאך פון שטאַל, ווו ווערן
די קו מעוברתע א מאמע דארף למזל.
מיין אַלטיטשקע באַלעבאָסטע ווארט אויף גאנעק פון איר הייזל.

זי קוקט זיך צו אין די שטאכעטן-שפּאַלטן, אינעם טירל,
אין שאָטנס פון די ביימער, אין די סטעזשקעס, וואָס זיי פירן,
ווי נאָר אומישנע, גלייך צום געסל און צום פּלויט צו אירן —
אצינד ווען דער נישטגוטער, ווייסט זי, גייט ארום שפּאצירן.

שוין ניט די ערשטע נאכט זי היט, זיך פרעגט אין פחד גרויסן,
צי איז דער מזיק איר בהמה א וויזיט ניט אָפּשטעקן היינט ניט אויסן

אויף הוזק-מאכן פון איר שוואנגערשאפט מיט זיינע וויסטע
וויצן —
צי רייטנדיק אויף איר דעם שווארצן זאָל זיך ניט פארגלוסטן
זיצן ?...

און דעמלט ווייסט דער שד אליין צו וואָס דאָס קאן נאָך ברענגען:
א לונג- און -לעבער נאָך, חלילה, זאָל דעם קעלבעלע נאָכהענגען.
זי אָבער איפן פייער פארטיק האלט איר אָקרעפ זודיק-הייסן
אויף אָפצופארען דעם בעל-דבר — שפרעכט, אים טרייבט אין
זיבן שווייסן.

און ווייטער איז זי אלץ טון גרייט א צארטע און צעקאָכטע
פאר דער געווינערן דער קו, ווי פאר א ליבער טאָכטער.
די ווייען איר פארגרינגערן ביים קעלבן זיך למזל.
מיין אלטיטשקע באלעבאָסטע וואכט אויף גאנעק פון איר הייזל.

נאָר שוין דאָס גיין צו קינד־מעריקן אירע אויערן הערן...
ס'פארברענען שיר דעם דאך פון שטאָל די פלאמנדוקע שטערן.

אָפּגעלעבט א לעבן

אָפּגעלעבט א לעבן,
און איך קען ניט זאָגן, כ'לעבן,
וואָס עס איז אזוינס א רעגן —
אין א זומער־נאכט א רעגן
אויף די טונקלע בלינדע שטעגן,
אין א דאָרף א פינצטערס,
אָז דער שיין דער מיגדסטער,
ווען, ווי יעדעם ווינזלטיר ביי זיך
אין גריבל,
איך געפין זיך אין מיין דאטשע-שטיבל,
וו עס שמעקט מיט עפל, פלוימען,
און איך קען גוטמוטיק טרוימען...

אדרבא, זאָלן ייִנגערע פּאָעטן
קומען און אַנטפּלעקן מיר, דעם אַלטן
דיכטער.
וואָס דער הימל און דער רעגן
(מיט זיין קלאַנג פון וואַסער־זעגן),
ערד און בליץ פאַרקנעטן
אין דער מולטער רווישיקער, געדיכטער,
אונטער פענצטער מיינעם דאָרטן,
אינעם חושכדיקן גאָרטן.

אויב מען וועט פון מיר ניט שפּעטן,
זאָג איך, אַז זיי איבערקנעטן
אונדזער גוטע, הייטישע פּלאַנעטע
מיט איר פרייד און מיט איר טרויער
פונעם חומש, פון האָמערן און פון געטע,
וואָס איך האָב נאָך אַזוי ליב.

אויב מען וועט פון מיר ניט שפּעטן —
ניט פאַראַן, מיר דאַכט, קיין זיסערס
פאַרן אויער,
פאַרן גומען, פאַר דער ליפּ,
ווי דער קלאַנג פון קנעטן —
אָט דער קלאַנג — געשמאַק געדיכטלעכער,
אָט דער קלאַנג, דער אורגעשיכטלעכער.

מיר אין טעם פון לאַנג
ליגט דער זעלבער בראשיתדיקער קלאַנג
נאָך פון דעמלט, ווען פאַרטאָג כ'פלעג
געריק הערן
(און דערביי אויך פיל שוין קלערן),
ביי דער שיין פון אויוון־רויט,
אין מיין קינדהייט הילכיק קנעטן ברויט,
היכיק, שטורמיש קנעטן ברויט צי
חלה —
שענסטער צווישן וונדער אַלע!

אָפּגעלעבט א לעבן,
און איך קען ניט זאָגן, כ'לעבן —
איך מעגט מערער מאָל מיך פרעגן —
וואָס עס איז אזוינס א רעגן,
אין א זומער־נאכט א רעגן...

דאָס געזאנג פון דער טשערעדע

פירט ארוים די טאנצנדיקע טשערעדע פון שאָף,
טאנצנדיקע, ווייל מען האָט זי אויסגעטאָלקן, —
פירט ארוים זי פונעם ביזן־הימל־שטויב,
וואָס פארשטעלט, ווי א געדיכטער וואָלקן,
זי און אויך צו איר מיין לויב!

זי ארויסגעפירט —
טוט אייך א שפּאציר דורך צווישן אירע שאָף,
וואָרום דאָס איז דאָס אן אלטע, גוטע סגולה,
ווען פארוואָגלט ווערט דער שלאָף...

וואָס? פון וואנען אָט די געטלעכע פעולה?
פונעם כישופדיקן טשערעדע־געפיל,
וואָס איז אייגציק־היילבאר אין זיין מין.

...דלין — דלין — דלין,
דלין — דלין, דלין —
קלינגלט, צינגלט די טאָלאָנקע,[1]
און די טשערעדע, גאָר בלאָנקען פיל,
האָט זיך אומגעקערט שוין אויף איר לאָנקע,
און פארטופּט זיך ווידער
אין איר גרויסן גראָז־סידור...

---

[1] א גלאָק, וואָס די טשערעדע־שאָף טראָגט אויפן האלדז.

גאָר אָט דאָ הייבט אָן ערשט די באַלאַדע,
וואָס פאַרשטיין זי אויך עס וועט א ליאַדע
פּאַסטעך. געמלעך: ס'איז געבאָטן זיין א סטאַדע
אויך אין הימל-רוים די שאַרפע, קלאָרע שטערן,
אויך די בלינדע זאַמדן, וואָס ווי זאַמד זיך מערן,
אויך די שטאָלצע זאַנגען אין די פעלדער,
אויך די קלוגע ביימער אין די וועלדער,
און די שטאַרקע כוואַליעס פונעם ים אוודאי
און אַודאי. וואָרום
סיי אין צפון, סיי אין דרום,
ווערט א יעדע כוואַליע דאָ אויף טויט צעשלאָגן,
ווען זי ווערט פון אים אַרויסגעטראָגן,
און עס האַקט זיך אָפּ איר טשערעדע-געזאַנג.

איינער
בלייבט נאָר איינער: דער געדאַנק.
און דער נאָמען
אָט פון אַ־דעם זאָמען —
איז: אחד!

. . . .

...דלין — דלין — דלין.
דלין — דלין — דלין —
כ'הער דעם וויכן, פרומען טשערעדע-שאָף-טראָט,
וואָס איז כישופדיק און אייביק-היילבאַר אין זיין מין.

צוויי שפּיגלען

ריין זילבער אויפגעגאַנגען די לבנה,
און לויטער טוט אין איר מיין בליק א קלונג...
איך שפּיגל זיך אין איר מיט גרויס כוונה
און כ'זע, ווי איך בין יונג.

און מיר צוריק זיך שפּיגלט די לבנה,
און כ'פיל בחוש, מיין באַק ווערט עפּוואָס קאַלט.
זי שפּיגלט זיך און מיר מיט גרויס כּוונה
און זעט, ווי זי איז אַלט...

די שטילקייט־פעסטונג

אויף באַרג די גרויסע שטילקייט פון
גאַנצפרי —
איצט פעסטונג גלעזערנע איז זי,
און שערענג־פאַרכישופט רונד אַרום
דעם אייגענעם פאַרבאָרגענעם זום־זום,
וואָס וויל זיין אָפּגעשיידט
אפילו פונעם פאַסטעכס פלייט...

נאָר אַט דערגייט צו איר פון טאָל
א קינדעריש, דין, הילכיק קול,
און דער צעשאַלטער האָנען־קריי
(גלייך מיטאַמאָל פון הערצער צוויי —
פון זיינעם און פון מיינעם אויך),
וואָס מאַכט צעגיין, ווי וואַקס, ווי רויך,
די שטילקייט־פעסטונג אויפן באַרג,
באַשאָסענע, צעלעכערט שטאַרק
פון אַלע מאָרגן־קולות אינעם טאָל,
ווו לעבן פלאַטערט אויף איר שאַל
מיט יעדן מינדסטן טראָפּן זאַפט, —
אַז ס'ווילט זיך קענען נעמען זי אין
האַנט
און כאַפּט איין זופּ טאָן פון איר
צאַרטקייט־קראַפט,
וואָס איבערפולט זי ביזן ראַנד.

אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי

אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי,
וואָס אַלע געטורעמט, געפורעמט אזוי,
ווי בריהש דאָס פאָלק שאפט א קונסטווערק־אנטיק, —
א מויער, א פעסטונג, א בריק,
און ס׳דאכט, פאר די תושבים אָט דאָ, אין די בערג,
פארבייטן זיי די מיגאָרעטן ביים טערק:

אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי,
ווען ס׳הויערט דער בארגיקער אָוונט אויף זיי, —
אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי
איך זע דאָרט באנדערען,[1] ימח שמו,
און כ׳שטעך אים אדורך מיט מיין בליק.

הגם הוילע חשכות באַגעגנט מיין אויג,
איינצייטיג אין פלאמען איך זע אויך דעם סטויג,
און איך בין אין פייער, אין סאמע זיין מיט,
דאַך ווען איך זוך — איך טרעף דאָרטן ניט,
און גלייך ווי אין חלום, איך שריי און זיך קריג.

איז הער איך א בת־קול מיין אייגענער ענטפערט צוריק —
וואָס זיך, ווי א גלאָק א באַלויכטענער, ווינט:
— פארברענט אונטער אים יעדע בריק —
עס האָט אים דאָס פייער דערוואָרגן, דערשטיקט!

און יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי,
וואָס אַלע געטורעמט, געפורעמט אזוי,
ווי בריהש דאָס פאָלק שאפט א קונסטווערק־אנטיק,
א מויער, א פעסטונג, א בריק, —
מיט פרידלעכער מי שמעקט, מיט לאָנקע, מיט טוי,
און ס׳דאכט, פאר די תושבים אָט דאָ, אין די בערג
פארבייטן זיי די מיגאָרעטן ביים טערק...

---

[1]) **באנדערא — אָנפירער פון די מערב־אוקריינישע פאשיסטישע באנדעס אין די מלחמה־יאָרן מיט היטלערן.**

שטאָק חושך

שטאָק חושך, ווי זיין קאָן באַנאַכט אין די בערג,
דערצו אין א גאָרטן מיט ביימער געדיכטע.
וואָס „שוואַרץ ווי א טאָטער"? ווער „גרויזאַמער
טערק?"
דאָס קלינגט שוין אַזוי ווי א קינדער-געשיכטע.

אין מיר וויינט די פינצטער פון אַרישער צייט
אָט דאָ, אויף דער ערד פון מלחמהשן פוילן.
ערשט היינט ס'האָט דערציילט מיר פון שעכטן און
קוילען.
א וואַסער-פאַל הערט איר? ניין, בלוט אַזוי שרייט!

אין חשכות סע הילן זיך איין די קאַרפּאַטן,
אַליין אין זיך שליידערן בליצן-גראַנאַטן...

די גרויזאַמע זעאונג

א גאַנצן טאָג בין איך געגאַנגען אַלץ פּאַזע די באַרגיקע פּלוסן,
וואָס קאָפּ אַראָפּ וואַרפן זיך, לויפן, באַהערשטע פון אורפרייד-געגנוסן;
א גאַנצן טאָג האָב איך געהערט אָט די וואַסערן ליאַרעמען, יובלען,
נעזען זייער שוים אויף די שטיינער — א שוים, ווי פון טעסען און
הובלען.

א גאַנצן טאָג האָב איך געטוקט מיינע בליקן אין זייערע שפּיגלען,
נאָר ווען ס'איז די שקיעה אַזוי ווי אַן אָדלער אַראָפּ פון די היגלען,
און ווען די לבנה געגומען האָט שעמעוודיק וואַקסן און ווערן, —
ערשט רייף איז אין מיר אויפגעגאַנגען די זעאונג די גרויזאַמע, שווערע.

ניט יונגפרויען־נימפן אין ליכטיקע נעכט דאָ באַזעצן די שטיינער,
וואָס סטאַרטשען אַרויס פון די פלוסן, נאָר מענטשישע טעבטער —
בלויז הויט און ביינער —
פון געטאָ די טעכטער, וואָס גאַקעטע האָט זיי די אַרישע האָרדע
פאַרטריבן אַהער, אין די וואַלדישע ראָוון, און דאָ זיי דערמאָרדעט.

אין שיין פון לבנה זיי כישופֿען ניט מיט די האָר און מיט לידער,
די לייבער מיט ליים זיך באַשמירן, און דאָך שטראָמט אַ ליכט פון די גלידער,
וואָס ווער עס נאָר זעט, אויף זיין שפּור לויפֿט אַהער ביז די שטיינער,
נאָר קיינעם ניש טרעפֿט, ווייל מיידלעך באַצייטנס פאַרשווינדן ביז איינער.

אויך איך זע דאָס ליכט און מיין קעל ווערט דערשטיקט פון געוויינען פון מיינע,
נאָר כ׳הער, ווי אין מיר יאָמערט העכער דער דייטשער ייד היינריך היינע.

מיר דאַכט

מיר דאַכט, אַז די היגע בערג קיילעכיקע יאַרמעלקעס טראָגן,
נאָר עפּעס אין מיר נישט דערלויבט אויפֿן קול עס צו זאָגן,
ווען די, וואָס בפירוש געטראָגן נאָך יאַרמעלקעס האָבן —
זיי האָט מען געשטעלט דאָ דעם אייגענעם קבר זיך גראָבן.

מיר דאַכט, אַז די בערג אין טליתים פון תכלת זיך צירן,
נאָר ווי כ׳זאָל פון בילדער אַזעלכע מיך לאָזן פאַרפירן,
ווען די, וואָס זיך האָבן בפירוש געהילט אין טליתים —
זיי אַלע געוואָרן דאָ היצלערס הרוגים און מתים.

מיר דאכט, אז די בערג אין א רעגן-טאָג גראָע זעך טראָגן,
נאָר עפּעס אין מיר נישט דערלויבט אין א ליד עס צו זאָגן,
ווען די, וואָס בפירוש דאָ זענען אין זעך אומגעגאנגען —
זיי אויסגעטאָן נאקעט עס האָבן די נאצישע שלאנגען.

מיר דאכט, אז די בערג זיך באמיען מרמז זיין, מאָלן,
כאָטש עפּעס דערמאנען פון דעם, וואָס געזען דאָ די טאָלן:
מיר דאכט, אז אין אָוונט-צייט צווישן די ביימער זיך זאמלען
די שאָטנס
פון די, וואָס געשווירן דאָ האָבן: פארטיליקט — נישט זיין
אויסגעראָטן!

שאָטנס

שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס זאמלען זיך צו מיר אויף בארג.
און זיי זאָגן: דאָס אליין איז אונדז נאָך קארג.
זיי אונדזער גביא, ווער אונדזער הירט.

שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס זאמלען זיך צו מיר אין טאָל,
און זיי זאָגן: פאסטעכער א סך ז'געווען ביי אונדז אמאָל,
אויף דערנער מ'האָט געפּאשעט, אויף דערגער אונדז געפירט.

שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס זיך פארזאמלען אָן א צאָל.
כאָטש זיי זיינען אש, איז זייער שטים דאָך שטאָל:
— זיי אונדזער בארג און ווער אונדזער טאָל!

נאָר אין מזרח צייכנט אָן זיך שוין א זונען-שפּיגל שמאָל...

דער „מאַרטער־שאָסיי״

די זון, ווי א שׂרפה צעפלאַקערט, דעם באַרגיקן וואַלד האָט אַרום־געכאַפּט ברייט,
און ס׳דאַכט מיר, ניט ביימער — א פאָלק אין דער מדבר אויף אומקום סע גייט...
אינמיטן, — אַלץ העכער און העכער, פון פעלזיקע שטיינער געפלאַ־סטערטער גוף,
וואָס „מאַרטער־שאָסיי״, דאָ ביז היינט נאָך מע רופט.

געפלאַסטערטע שטיינער, צי ביינער? מענטשישע גלידער, צום קריגפראָנט געווענדט,

דער קאַט זיין געהיימען טראַמפּלין דאָ געבויט האָט — מע זעט ניט קיין קעפּ, פיס און הענט,
נאָר אָבער דער פלאַם פון די אויגן פאַרבליבן איז דאָ אין דער תמוז־זון איבערן וואַלד
און ס׳שטייט יעדער בוים ווי אונטער א שאַרף־בלאַנקער האַק, וואָס באַפאַלט.

איך קלעטער און רייס מיט די בליקן אויס יעטווערן שטיין און איך נעם
און כ׳לייג אים צו מיר אין מיין שויס, איך זאָל פילן זיין פיינפולן קלעם,
איך ווערן זאָל דער, וואָס געטראָגן אים האָט, דאָ פאַרפעסטיקט אין דר׳ערד —
יאָ, דער, וואָס דעם בייכיקן אַריער מיט גיפטיקער לוסט האָט געשטאָפּט און גענערט.

אזוי כ׳קריג א תיקון אין איינעם פון די, וואָס געפאַלן איז אונטער זיין לאַסט,
וואָס איינמאָל געשאָסן מען האָט און אויך איינמאָל צוליב היטלער־שפּאַס
מען האָט מיט פאַראַד איפגעהאָנגען אָט דאָ, אויף א גאָר הויכן בוים,
פונוואַנען ער אין הייליקן גלויבן געזען האָט נקמה שאַריען אין רוים.

כ׳שטייג ווייטער אין כ׳זע אין דער ביימער-געדרענגעניש אָט דאָ, ווו איך גיי:
די יידישע עדות פון סניאטין, צעלעטין, זאבלאטאָוו און לעמבערג און בראָד, קאָלאָמיי!
נאראיעוו און זלאָטשעוו — די גאנצענע רוישיקע יידיש-גאליצישע נעסט.
מיט איר — אירע זין נישט געשיידטע — מעבר לים די פארבאָרגענע געסט,
די פייערע זין, משה לייב, משה נאדיר — געקומען צו שווימען אויף בלוט און געוויין,

צו טיילן איר פיין, נאָר ניט לאָזן דערבויען דעם וועג, וואָס זיין שטיין האָט ענדלעך דערוואָרט זיך צו שלאָגן אין רוקן דעם תלין, ווען ער צוריק זיך געקייקלט פון שלאכטפעלד, ווי ס׳לויפט שווער פארוונדעט דער בער.

ווי דעמלט, אויך היינט די זון שרפעט, דער הימל ווי אָנגעגליט גלאָז.
די פיס שוין נישט טראָגן, אונטער א שאָטן איך וואַרף זיך אין גראָז.
איך טראכט פון די יידן פון קאָסעוו, וואָס ס׳האָט זיי באַלייט דער בעל-שם
אהער מיט זיין טאטשקע... א פויער דאָ האָט מיר דערציילט וועגן דעם —
א פויער וואָס דאָ איז געבוירן, דערגאנגען ביז הונדערט איין יאָר מיט ליבע צו זיינע קארפאטן, צו נסים אזוי ווי צו פשוטער ערלעכער וואָר.
איז וויל איך מיט דאנק אים דערמאנען אין סוף פון מיין טרויעריק ליד, ווייל ער מיט זיין גלויבן אין גוטסקייט — פון מענטשלעכן מין איז דער צווייט. —

צווישן קאָסעוו און קיטעוו

(קארפאטן-פאנטעזיע)

אריינפיר

עס האָט אלע גילדענע שטולן פארלאָזט דער בעל-שם —
די גילדענע שטולן מיט זילבערנע קרוינען,
און די, וואָס אויף זיי דאָרטן זיצן, נו זאָלן זיי דעם
ווילד-גראָזיקן ייד ניט פארשטיין און נאָר שטוינען!

אין שטורעם, אזוי ווי א וואָלקן־בראָך, איז ער אראָפּ
צוריק אויף דער ערד, וואָס אין רויך פֿרענקט זיך איצטער.
„אוי, קאָסעזו, אוי, קיטעוו, מיין הייליקע תפילן אויפן קאָפּ!! —
ער קלאָגט און זיך יאָגט א צעדונערט־צעבליצטער.

ער לויפט און ער טראָגט דעם „מה טובו אהליך" אין מויל
מיט אים צו באגעג'נען די יידישע שטיבער,
זי ברייט אים די ליפּן אזוי ווי א גליאיקע קויל —
די ברכה, וואָס קיועלט אלע ברכות אריבער.

נאָר ווען ער האָט שוין די געגארטע געצעלטן דערגרייכט,
עס פאלט זיין „מה טובו" חלשות... וואָס זעט ער?
דער יידישער גאָט אָפּגעזונדערט האָט זיך אין זיין הייך,
דורך יידישע פענצטער בלויז גויאישע געטער

עס קוקן אראָפּ פון די יידיש־דערשראָקענע ווענט...
פון פויערים־כאטעס ער קאָן די איקאָנעס,
דאָס ווינקלדיק בעכערל בוימל, וואָס אונטער זיי ברענט,
און צוויי צווייי מאריעס... גיי, ווייס די כוונות...

ער פּגעט פון זיי תמיד אָפּקערן וואָס שנעלער דעם בליק,
נאָר ווען ס'איז גאָט ניחא צו זיי מ'זאָל זיך ביקן,
אין יידישע הייזער, אין וועלכע די יידישע וויג
צעהאקט מען האָט אָקאָרשט — ער וויל אויף זיי קוקן!

אויף זיי על פּי נוסח קאטויל און על פּי פּראוואָסלאוו
געמאָלטע, און הייליק־געזאלבטע, געלויבטע,
וואָס האָבן פון די, וואָס פארמעקן דעם פלאמיקן געטלעכן לאוו,
געלאָזט זיך דאָך טראָגן אין שטיבער בארויבטע.

ער קוקט און ער פילט, אז עס פּלאצט אים דאָס פּנים פון שאנד.
ווי מעג מען, ווי לאָזט מען בעל־שם־טוב זיך רופן,
ווען רשעות די ערד אָנגעפולט האָט פון ראנד ביז צו ראנד...
ערשט איצט שטארבט זיין גייסט און עס האלט ניט דער גוף אים.

ערשט איצט לעגט ער איבער פון חבוט הקבר די פּיין,
ווי אויכעט די אַלע גלגולים־יסורים.
איינציייטיק עס גייט אויף אין אים אַ באַצווינגנדע שיין —
די שיין פון דער האַנט, וואָס אים ווידער זי פּורעמט.

און אַנדערער ווערט ער... וואָס'רער! ער ווייסט עס נאָך ניט.
נאָר, ווי פון אַ קראַפט פון אַ נייער געטראָגן,
ער שמעלט זיך פּונסניי נאָך אַוועק אין אַ גאַס אין דער מיט
צו הערן, וואָס וועט אים דאָס הארץ איצטער זאָגן.

ניט בעש"ט נאָך אַ פּראָסטער באַהעלפער ער וויל זיין צוריק
און ווינטער צאַן קדשים טראָגן אין חדר
אויף בעלפערשער פּלייצע — פון דרדקי צו גמרא די בריק —
אין שניי און אין בלאָטע כמעט ביז צום סדר.

ער האָט נאָך פון זייער געצווימשער אין אויער דעם פּאַרגאַז,
אין אויג, — זייער קינדישן בליק טיף אין סדור,
וואָס האָט דאָרט געגראָבן, געבאַפּט באַלד דעם ריכטיקן טראָף,
און מאַמעס פאַרבענקשט האָבן זייערע גלידער.

די מאַמעס, וואָס האָבן פרום „גאָט פון אברהם" געזאָגט,
אין דעמער געזעסן, געוואָרקעט, ווי טויבן,
נאָר זיי אויסגעמאָרדעט אין מיטן דעם ליכטיקן טאָג:
מען האָט ביי די זעלבע פאַרתּפילהטע שויבן.

און ווידער אין בענקשאַפט זיין בליק צו די פענצטער ער ווענדט.
וואַ פאַרהענגען הענגען — זיי זענען די זעלבע,
וואָס הענגען נאָך אַלץ, ווי פון יידישע פרויען די הענט
זיי אָפּגעשפּרעכט האָבן, אַז זאָלן זיך וועלבן.

די גאַניקלעך אויך נאָך דעם זעלבן פאַראומערטן חן
דעם יידישן האָבן פון יידישע שטעטלעך,
וואָס זענען געבליבן בלויז חומר — דער גוף נאָר אַליין,
ווי ספרים, אין וועלכע עס פעלן די בלעטלעך...

א רואה ואינו נראה — ער זעט לויט דער שפּאַלט, לויט דער טראַכט,
װער זענען די יורשים פון אָט די געצעלטן,
און דאָך, אַז זײ זענען די אײביקע רוימער, אים דאַכט,
און זײ, אָט די רוימער, אין זײ טוט ער שעלטן.

ער פילט אויף דער צונג יאָגט אַרום אַ פלאַם, אַ קעלט,
דאָס ביטערגיש גאַנצע פון ירמיה־טרויער,
און לויפן האָט ער זיך געלאָזן צו װאַלד און צו פעלד,
נאָר דאָרטן האָט עמעץ אויף אים שוין געלויערט.

„אלעקסע" : — עס האָט דער בעל־שם זײַנע הענט אויסגעשטרעקט
צו דעם, װאָס פאַר אים צו די פיס איז געפאַלן,
און האָט מיט זײַן יאָמערלעך װײנען דעם װאַלד אויפגעװעקט —
דעם װאַלד מיט די ערשטע גינגאָלדענע שטראַלן...

א

אויף אַ באַרג שטייט אַ בוים,
שטייט ער אײַנגעבויגן
(פון אַ פאָלקס־ליד)

אויף אַ באַרג שטייט אַ בוים,
שטייט ער אײַנגעבויגן
זינט געזען ר'האָט דעם בעל־שם
מיט פאַרװײנטע אויגן.

מיט די אויגן — טײַכן צװײ,
און װי בלוטיקע צװײ װאונדן,
מיט דעם כפול שמונה־שטריק
אויף די לענד אַרומגעבונדן.

מיט דער טאַטשקע, װאָס מיט איר
ערלעך ער פאַרדינט זײַן ברויט האָט,
און מיט זיך גענומען זי
דאָרט, אַזין, אויך נאָכן טויט האָט.

און מיט איר געקומען צוריק
איז אהער נ׳אזוינע צייטן!
צוריקגעקומען מיט זיין טראָט,
מיט זיין טאט און ווערט פארשייטן.

מיט דעם ניגון — מ׳הערט ווי ר׳טריפט
פון זיין גוף און באָרד און רידל,
וואָס אין הענט אין זיינע קלינגט,
ווי ביי פידלער שפּילט א פידל.

אָט מיט אים ער ארבעט פראָסט,
אָט מיט קראפּט פארקריצט אין שטיין ער,
או אין יעדן דור שטייט אויף
קעגן אונדז דער פיינט אומריינער.

און אזוי פון ערשטן טאָג:
תמיד סביטקעס טאָן דעם שונא.
שרייט דער וואלד, צי ס׳איז די שטים
פון געשטאָכענע אין בוינע!

און צומאָל פון וואלד גאָר גרייכט
א געלעכטער, ווי א שטורעם,
וואָס אויך ביימער וואלגערט אים
און קערט איבער אויך א טורעם.

ער, דער זעלבער רשע, לאכט,
און פארוואָס — ער קאָן ניט וויסן,
דאָך פון לאכן — אזש די ביקס
ר׳וואַרפט אזעק אין מיטן שיסן.

באלד די הענקערס כאפּן זיך:
שולדיק איז דער „פארטיזאנער“.
ווי זיי רופן דעם בעל־שם,
ווייל פאראן און ז׳ניט פאראן ער,

דאָ און איז ניטאָ צוגלייך...
זיין געזיכט — לבנה־פלאַמען,
וואָס אויך ווילד פאַרוואָלקנט זיך,
ווי די שווערסטע ליקוי־חמה.

איז א רעצעניש פאר זיי
אַט דער גבר מיט קאָפּ מיט גרויסן,
מיט די אויגן שאָפּענע
און מיט הערנער אויך צום שטויסן.

הערנער טיף־באַזאַלטענע,
נאָר אין זייערע שפּיצן שאַרפע
טאָר מען ניט פאַרגעסן דאָך,
און פאַר זיי זיך היטן דאַרף מען.

ווייסן עס די רוצחים גוט,
כאָטש אין דעם מ׳איז זיך ניט מודה,
און מע לייגט אַלץ אָפּ די צייט
אויף א תליה־סלופּ אים הוידען.

איינער זאָגט: „א פּראָסטער תם“,
און א צווייטער: — „ניין, א טייוול!“
...ר׳נעמט צום מויל א בלאַט פון בוים —
דאַכט זיך, ס׳שפּילט א כישוף־פייפל.

ס׳שווייגט דער גאַנצער וואַלד און הערט,
און די פרומע יידן זאָגן:
מנחה־מעריב דאַווענט ער,
ציי גאָר שחרית ערב טאָגן...

נאָר נישט דאָס אַליין, עס טרעפט,
ס׳פּלאַצט א ראָד ביי פור מיט שטיינער
וואַקסט ער אויס, א הייב די פור,
איבער אַקסל האַלט זי איינער.

יאָ, אים ביי דער ארבעט זען
דארף מען ערשט... אָ, דעמלט, דעמלט —
ער פון קאָפּ ביז פוס אין ליים,
און א שיין אויף אים זיך פלעמלט,

גלייך פון דער הגדה־שריפט
א פארמאַטערטער, א גרויסער —
גלייך פון שווארצן גושן־לאנד
הייליק, הייליק איז ארויס ער!

אָבער אָט די קדושה־שיין
שטעכט ביז זיב׳טער ריפּ דעם מערדער,
און די קדושים־פּנימער
מאכן גלייך וויל מיט דער ערד ער!

פליען, ווי וואָראָנעס אָן,
ווי וואָראָנעס אויף א קאַטשן,
אלע זייערע הויכע לייט
מיט די סאַמע לאנגע בייטשן.

דער בעל־שם — זיי פאר די פיס
זיך צו פלאָנטען ווערט נישט מיד ער,
ר׳קומט און „שפוך חמתך" וויזט —
ווייזט זיי, שטייט ביי זיך אין סדור.

ווערט א גאנצער טארעראם,
זוכט מען עמעצן, וואָס ווייסן
זאָל די טייטש פון פסוק דעם,
איז דער פסוק — אויסגעריסן.

דער בעל־שם — פארלירט זיך נישט.
לאָזגדיק פון כעס זיי ברענען,
זיך דערמאָנט ער ס׳הויכע דייטש
פון דער פרומער צאינה־ראינה.

און אויף עברי-טייטש אויף דער
פון דעם ווייבער־בוך דעם ליבן —
אלע ווערטער, וואָס ער דאַרף,
איינס צו איינס ר׳האָט צוגעקליבן

פאַר די נוגשים אויף א שפּאַס,
ווי א קויל אין די גערערים...
לאַבן זיי ביז טריב זיי ווערט,
גלייך אין מויל עס קריכן ווערעם.

נעמט מען טרייבן אים קריסטראַי,
מ׳שטעלט אויך אָפּ די גאַנצע אַרבעט,
און, ווי אין א צירק, דעם הילך
הערט מען פון די בייטשן האַרבע.

מוז מען שטיין און קוקן נאָר,
און געהיט זיין ניט צו וויינען...
ער — כמעט א גאַקעטער —
שרייט פאַרבלוטיקט „ישקני!“

איז דער גרויסער וויצלער דער,
וואָס זיך צימבלן לאָזט פאַר קהל,
און דערביי אויך חרמהט, שעלט —
דער בעל-שם-טוב ר׳ ישראל?

יאָ בעל-שם, צי ניט בעל-שם,
נאָר געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען!
יאָ בעל-שם, צי ניט בעל-שם,
אָבער פון בעל-שם׳סקע זאָמען.

ניט אין דייטש ער קאַלט געמאַכט
האָט מיט די ידים זיינע,
ס׳פּאַסט ניט פאַר קיין צדיק? האַ?
האָט זשע אייך צו אים א טענה!

און צו די, וואָס דאָ געווען
זענען חייב מיתה... קיינער —
זיך ניט אומגעקערט אהיים,
און דאָ ליגן זייערע ביינער —

דאָ פארבויט אין „יודן-וועג“,
וואָס צום פראָנט געפירט געהיים האָט,
וואו, מע זאָגט אויך דער בעל-שם
דאָ געלאָזט זיין טאטשקע ליים האָט.

ניט געשלעפט זי מער מיט זיך
אין דעם הימלישן גן-עדן
ר׳האָט געוואוסט: זי מאָנט ביי אים,
ר׳זאָל זי מיט דעם בארג ניט שיידן.

אָט די טאפשקע, וואָס אליין,
ווי א דענקמאָל ז׳דאָ פארבליבן —
זי געוואָרן הארטער שטיין,
און אויף איר האָב איך פארשריבן:

אויף א בארג שטייט א בוים,
שטייט ער איינגעבויגן
זינט געזען ר׳האָט דעם בעל-שם
מיט פארוויינטע אויגן.

ב.

אויף א בארג שטייט א בוים,
שטייט ער איינגעבויגן
זינט געזען ר׳האָט דעם בעל-שם
מיט פארוויינטע אויגן.

זינט געזען ר׳האָט דעם בעל-שם
אין די אייגענע קארפאטן,
ווי צוריק פון יענער וועלט
מע דערזעט אין שלאָף א טאטן.

האָבן זיך צעצווײַטשערט באַלד
פֿייגעלעך אויף אַלע צווײַגן.
טוט זיי דער בעל־שם אַ זאָג:
פּאַסעך שין, קונדיסים, שווײַגן!

זעט דער בוים, אַז דער בעל־שם
ניט קיין לײַם גאָר פֿירט נאָר קינדער,
וואָס ער רײַסט זיי אויס מיט גוואַלד
בײַ דעם רוּיבער, בײַ דעם שינדער.

זעט דער בוים, אַז דער בעל־שם
פֿירט די קינדער אויסבאַהאַלטן,
וואָס ער שטענדיק טוט באַנאַנד
מיט אַ פּוּיערל אַן אַלטן.

ס'איז אַלעקס — זײַן גוטער פֿרײַנט.
מע מעג שווערן פֿאַר אַן עמוד,
אַז אין שבֿחים צום בעל־שם
אויבעט אים דערמאָנט מען תּמיד.

ס'איז אַלעקסע, וואָס האָט געקענט
אונדזער אַלף־בית אין גאַנצן,
און געקענט, ווי דער בעל־שם,
אויך די שפּראַך פֿון אַלע פֿלאַנצן.

רופֿט מען זיי אין פֿאָלק דערפֿאַר:
אי „אַלזעער“, אי „אַלווייסער“...
גראָז און בוים זיי ראַפּאָרטירט,
ווי מע ראַפּאָרטירט אַ קייסער.

און שוין תּמיד ווייסן זיי,
וואו דער שונא איז פֿאַראַנען,
לאָזן זיי זיך גיין אין וואַלד —
אויף דער וואַלד צו זיי טוט שפּאַנען;

און באַזאַלט זיי, ווען אין אים
יאָווען זיך כסדר ביידע.
אויף די קני ביי זיי אַ קינד —
וויגן עס די ביידע זיידעס...

און אַ ציגל מיט אַ הירש
מיט די שיינע גוטע אויגן
גענען זיך צו זיי שאַ — שטיל,
טראָגנדיק דעם רעגנבויגן

אויף די צאַרטע הערנערלעך,
און אין מויל — דאָס פּייכטע צינגל,
וואָס מיט אים אַ לעק טאָן ס'קינד
וויל דאָס הירשל און דאָס ציגל...

נאָר דער וואַלד פון טאָג צו טאָג
וויאַנעט, ווערט אַלץ מער געבויגן,
זינט געזען ער האָט דעם בעל־שם
מיט פאַרוויינטע אויגן.

ג.

אין טוי דער פרימאָרגן זיין אָפּבילד באַהאַלט,
און זיי זיך באַזאַלטן אין שאָטן פון וואַלד.

זיי זיצן צום שטאַם פון אַ בוים אָנגעשפּאַרט,
און צווישן זיי ביידן אַ קינד אָטעמט צאַרט —
אַ קינד אין אַ מולטער, וואָס שלאָפט אַזוי זיס.
די זיידעס אויך רוען אַצינד אויס די פיס.

האַלב דרימלען, האַלב וואַכן און יעדער פאַר זיך
אַ קלער טוט פאַרוווּנדערט: דאָס קינד איז משיח?
ווייזט אויס, אַז אַפילו פאַר גלויביקע אויך
פאַרנעפּלען די וואָלקנס פון גאָז־אויוון־רויך

די אַלטע משיחים, וואָס איינער ז׳געשמידט
אין קייטן ער היום אין רוים,
דער צווייטער — אויף בלוטיקן צלם פארפליט
פון אים אראָפּ מעסטן פון שלעכטס דעם תהום.

צי יעטווידע צייט אין איר אייגענער שוים,
אין אייגענער ווי איר משיחן טראָגט אוים?...
און אפשר דער שפּיגל פון וואלד אזוי מאכט,
אזביידן דאָס קינד פאר משיחן זיך דאכט?

דאָך צווישן זיך מסכים זיין קענען זיי ניט:
א גוי וועט ער ווערן, צו בלייבן א ייד!...
נאָר ניין, זיי שוין לאנג אָפּגערעדט צווישן זיך;
ביז קריגן זיך ווער ס׳איז דער בעסטער משיח.

דער אשמדאי אָבער דערביי שטייט און קלערט:
ס׳פאראן דען מער הייליקער קריג אויף דער ערד,
ווי צווישן משיחים... נאָר דאָ דער בעל־שם,
נאָך אים אויך אלעקסע — פארכמורען די ברעם,

און באלד דער בעל־דבר, פארשטעלט אין א ראָב,
אריין אין דער ערד איז אריבער דעם קאָפּ.

ד.

עס האָט דער בעל־שם אין זיין טאַשקע געבראכט
א קינד אונטער דאך פון א קלויסטער.
דאָס קינד איז א יידיש׳ס — דאָס ווייסט נאָר די נאכט,
און ס׳ווייסט ביים אלטאר דער אנטבלויזטער.

אראָפּ איז ער באלד פון זיין הייליקן אָרט,
אין האנט מיט א שווערד מיט א בלאנקער,
נאָר אים דער בעל־שם האָט באגעגנט מיט וואָרט,
און ס׳הערט אים דער אויסגעצאמט־שלאנקער:

„איך זע, אונטערטעניקט עס האָט דיך דער נאַצישער-אָך
איך זע אין דיין האַנט ניט קיין פלאַנץ, נאָר כלי-זין,
דאָך הייסטו גאָטס זון און אויך פּרינץ און אויך גראַף —
ווי רופן, זאָג, דאַרף מען דאָס קינד, וואָס זיין שרייען

אין שאָטן אין דיינעם, אָט דאָ ביי דיין רחמים-אַלטאַר,
וווהין כ׳האָב געבראַכט עס, עס זאָל זיך באַהאַלטן, —
ביז ענד פון די דורות באַשולדיקט דיך, האַר,
און רעכנט דיר אָיס אַלע צלם-געוואַלטן!"

„מיין ברודער — דער נוצרי אים פלוצים נאָר זאָגט —
פאַרשאַרעט איך בין פון קטורות.
מיין ברודער, אויף דעם אויך מיין האַרץ אין מיר קלאָגט:
איך בלינד בין פון בלענד פון מנורות.

און מודה בין איך זיך: געלאָפן מיט שווערד
איך בין פון אַלטאַר אין מיין הויז דיך צו טייטן
אויס קנאה, וואָס שטיל האָסט באַטראָטן די ערד,
אַז קוים זי געהערט האָט דיין שאָטן זיך שפּרייטן...

יאָ, דו ביסט דער ניגון פון רחמים — ניט איך!"
„אַזוי גאָר? — עס האָט דער בעל-שם אים דערווידערט —
אין לייג זשע דיך תיכף פאַר מיר דאָ אַנידער" —
....

און מלקות אים שלאָגט דער בעל-שם מיט די שיך.

ה.

עס טרעפט. פאַרזאַמט זיך האָט אַלעקסע
אין אַ וויכטיק גרויס, שליחות.
און וואַלד אַליין זיצט דער בעל-שם
אין אַ שעה פון גיין צו סליחות.

אים דאכט, דיביימער רירן זיך.
ווייל אזוי מע דארף פארשטייען:
ס'איז ריין פון יידן יעדע שול —
סליחות זאָגן ביימער גייען.

אזוי איין רגע דער בעל־שם
האָט א טראכט געטאָן, נאָר באלד ער
זיך זאָגט, אז קלערנדיק אזוי
איז מגייר גאָר דעם וואלד ער.

די שווערע שטילקייט ברעכט דעם מוח!
הא? ווער גייט? א בער דערנענט זיך,
אין גלייך פאר דעם בעל־שם בלייבט שטיין,
בעריש־פּראָסט מיט אים באקענט זיך;

ער איז נבוכדנצר, ער,
וואָס א בער זיין איז פארשאָלטן...
ער ווייסט, דאָ קען מען טאָן א פּרעט.
און ס'האָט היינט אים אָפּגעהאָלטן.

בלויז האָניק ז'נישט געזוג פאר אים —
ר'איז א מענטש בצורת בער נאָר,
איז האלט פון בשר, דגים ער —
פונקט ווי יידן... נישט פון בערלער!

ר'האָט היינט א בייכיק־פעטן דייטש
אויפגעפרעסן מיט די ביינער.
נאָר יידן עסן היט ער זיך —
תשובה טוט ער, גיט פארשטיין ער.

דערביי א לעק, א שמעק ער טוט
צום בעל־שם'ס אי קני, אי קליידער...
אים אויפן אָרט האָט דער בעל־שם
פעסט דערלאַנגט א זעץ נאָך איידער

באַוויזן ר'האָט די שאַרפע ציין...
נעמט דער בער הויך ריטשן, ברומען.
דאָ ס'אויפגעכאַפט זיך דער בעל-שם,
שפּייט אוים זיבן מאָל — געקומען

צו חלום אים דער רשע גאָר
אַזש פון בבֿל אַלטע צייטן...
ער קוקט זיך אום, דער וואַלד איז וואַלד,
שאַ! ער הערט אַ פייף פון ווייטן.

עס איז אַלעקסע... אַט ער דערשיינט.
ס'לאַכט זיין פנים ס'הייליק-מידע,
וואָס לעשט זיך אוים און ווידער לויכט,
ווי דאָס כּישוף-ליכט, וואָס פליט דאָ

אַרום אין וואַלד אין זומער-נעכט
ס'קוקט בעל-שם און פרעגט אַלעקסען:
„פאַרוואָס גראָד איך זאָל זיין בעל-שם,
נ'דו — אַלעקסע, ז'געווען גאָט ווילן ?"

אים דאַכט, ער זאָגט, אַ בייט זיך טאָן
וואָלט געווען אַ גרויסער יושר,
און ווען נאָך בעסער גראָד, ווי איצט,
איז פאַר דעם אַ שעת-הכּושר ?

זאָל פרוון זיין אַלעקסע בעל-שם,
ער, בעל-שם, אַלעקסע זיין וועט ער...
דערויף אַלעקסע ענטפערט באַלד:
ס'וועט זיין ווייב זיין קעגן, זעט ער.

ווייל ר'איז משער זיך: ער קומט
און קלאַפּט איר אָן אין שטיין אין שפּילן:
און שרייט צו איר: „כ'פאַרבעט דיך, ווייב
מיינס, אויף מיין ברית —
אויפן ברית פון דיין אַלעקסען", —

דאן וואַרפט זי איר מצבה אים
גלייך אין קאָפּ אַריין, דעם גויאישן...
אַזוי זיי רעדן, ווערטלען זיך,
העכער פון די ביימער רוישן.

און פּלוצעם פאַלט אויף זיי דער שלאָף.
די געזיכטער — הייליק-מידע —
זיי לעשן אויס זיך נאָר אַט צוריק
זיי פאַרוועבט דאָס ליכט, וואָס פליט דאָ

אין וואַלד אַרום אין זומער-נעכט
צעווישן גראָז און בוים-געפלעכט.

ו.

עס האָט דער בעל-שם פונעם שלאָף אויפגעכאַפּט זיך,
און תיכף גענומען אַלעקסען אויך וועקן:
„אַט אַקאָרשט געשוועבט איבער מיר האָט אַ מלאך,
נאָר ס'האָט אים פאַרטריבן דיין הייליקער שטעקן."

„מיין שטעקן?" — אים זוכט מיט די אויגן אַלעקסע,
און אויפן בעל-שם אויך ער האַלט אין איין קוקן.
„נו יאָ — דער בעל-שם לאַכט — דיין שטעקן, וואָס שלאָפט ניט,
אים האָב איך געוואָרפן דעם מלאך אין רוקן.

ער זאָל ניט טוי טריפן, ווען ד'היינטיקע רוימער
דאָס גאַנצע פאָלק קעמען מיט אייזערנע ציינער...
אין אונדזער זיך ווערן ער זעט ניט קיין קדושה —
אַזוי האָט געפּערדיקט דער מלאך דער רייגער!

דערנאָך זיך געבייזערט: גאַנץ אויבן געפעלט ניט,
וואָס איך האָב דאָ יאַגבע געביטן מיין שטה.
און רופט אָן צדיקים, וואָס שטאַמען פון פּוילן,
און אויך פיל מתנגדים, וואָס שטאַמען פון ליטע.

וואָס הייסט עס „וואָס שטאַמען?“ — צו אים כ'האָב געשריגן —
ניט שטאַמען, נאָר דאָ זאָלן זיין זיי אצינדער,
ווי מיר אויג אויף אויג זיך טרעפן מיט יענע,
וואָס טרייבן אין קאַלך־אויוון יידישע קינדער...“

געזאָגט דער בעל־שם און באותו הרגע
א דייטש מיט א ביקס אין האַנט האָט זיך באַוויזן,
נאָר תיכף געכאַפט האָט די פיס אויף די פּלייצעס —
געזען ר'האָט פאר זיך ניט קיין מענטשן, נאָר ריזן...

„ווי האָסט נאָר דערמאָנט זיי, ער איז אויסגעוואַקסן —
זיך ווייצלט אלעקסע — זאָל פּגר אויף זיי רעגנען!“
„ס'אלעם — דער בעל שם זאָגט — בתור משל אויך טאָר מען
ניט ווינטשן קיין יידן מיט זיי זיך באגעג'נען...“

-ז-

שפּעטער אלול. אלע גייסטער רוישן.
ביז דער ערד זיך בוקן —
אָט־אָט, דאכט זיך,
וועלן איבערברעכן זיך דעם רוקן.

זאָגט אלעקסע:

ווי דעם בוים אין וואלד איך בין מקנא!
ווען ער קראַנק ווערט, הייבט אָן וויאַנען,
מיט די דאַרע צווייגן רופט ארויס א טרויער,
קומט צו אים מיט האַק מיין ברודערל דער פּויער,
וואַרפט אים אום, דערנאָך אים בינדט ער,
פירט אים אָפּ אהיים אויף ווינטער,
הייצט מיט אים פון ליים א כאַטע,
וווּ אויף אויוון שלאָפט איין אלטער טאַטע...

זאָגט בעל־שם:

דו — דעם בוים, און איך בין דיך, אלעקסע מקנא,
וואָס דו האָסט אזוי דעם גורל פונעם בוים פארשטאַנען.

ח.

מע פירט א קהלה א גאנצע צום שיסן.
נאָר דאָס איז נאָך ווייניק! דער קאַץ טוט צו וויסן,
עס זאָלן פון פאָרנט אלס ערשטע זיך שטעלן
די פידלען די בעסער, די וויאָלענטשעלן.

און לויטן היילהיטלערישן מנהג פארשפּרייטן
אזוי זיך אליין ביז צום גרוב צו באגלייטן.
דאָס שטעטעלע אָבער, וואָס קליין איז און אָרעם, —
פונוואַן זאָל עס נעמען אזוינע קלעזמאָרים?

ס'געוועז ביזן קריג נאָך א קליינע קאפּעליע,
נאָר זינט ס'איז געשטאָרבן דער פידלער ר'עלי
און יאָסל דער פּויקער און בערל קלארנעטער, —
מען האָט ניט בֿאדארפֿט שוין קיין אנדערע שפּעטער.

דאָך העלפן קיין רייד ניט. ער ווייסט — שרייט
דער המן —
עס וואקסן ביי „יודן" די פידלערס, ווי שוואָמען.
איז זאָל מען ניט שווינדלען און בעסער ליבער
באצייטנס זיך מעלדן, ווייל ס'ווארטן די גריבער.

אויב ניט, וועט ער יעדן ביז בלוט הייסן שמייסן!
ער יעבעט, און צוויי קלעזמער די סטרונעס שוין
רייסן...
א באס מיט א פידל... זיי קאָן דאָ ניט קיינער,
נאָר ס'גיסט זיך דאָס שפּילן, ווי בוימל ווי ריינער.

„ישראל מיטן פידל,
אלעקסע מיטן באס,
שפּילט זשע מיר א לידל
דאָ, אין מיטן גאס —

וואו פײַנעלער הייבט נאָך משיריקן געזאַנגען,
נאָך מאָרגן שוין וועלן דאָ צישן בלויז שלאַנגען..."
א שפּיל געטאָן האָט נאָך דער באַס מיטן פידל —
מיט ליפּן פאַרמאַכטע מע זינגט נאָך דאָס לידל.

דעם לעצטן בליק שיקט מען צום באַרג נאַקעט־
שאַרפן,
פון שטיין די מצבות דאָרט זעען אויס האַרפן.
זיי וועלן דאָ בלײַבן און וועלן דערשפּילן
פון הײַנט די געדאַנקען, פון הײַנט די געפילן

זינט ס'האָט די פּראָצעסיע געריר̈ט זיך פון אָרט שוין,
און ס'האָבן די קלעזמער געפונען דאָס וואָרט שוין.
עס שפּילן בלויז צוויי און עס דאַכט זיך, אז הונדערט
פאַרשיידענע כלים מע הערט. נאָך באַזונדער

עס ריידן די יידישע פידלען, קלאַרנעטן,
וואָס ניט נאָר זיי שפּילן, נאָר אויך זיך פאַרוועט
אויף איבערצוגעבן דעם „אוי ווײ געשריגן!"
און ס'גאַנצע מתיקות פון יידישן נגון.

וואָס איז עס? א קדיש, וואָס אלע פאַרשטייען?...
מיט שטראַליקע אויגן די קינדער אויך גייען.
„לא תרצח!" אין זיי העל־צעפלאַקערט געברענט האָט,
און טויט פאַלט דער תלין פאַר שרעק, וואָס דערזען
האָט

אויף די, וואָס זיין אויג האָט באַטראַכט, ווי א דאָרן,
די בלום פון קדושה אין פלאַמען געבאָרן.
און וואָס מער ער קוקט — זי נאָך פאַרביקער בליט
אויף...
...אזוי מע דערציילט צווישן קאָסעוו און קיטעוו.

ט.

עס טוט שוין א פאַל אויך א גרייפּעלע שניי.
אין וואלד אָן א ביידל אלץ זיצן נאָך זיי.
וואָס וועלן זיי בויען פאר זיך א געצעלט,
ווען חרוב ארום און ווערט די וועלט...

זאָגט אלעקסע :

עס איז מיר א חידוש א גרויסער אויף אים —
אויף לייב שרה׳ס!
צי זאָל ער ניט וויסן, אז ס׳בענקען
נאָך זיינע פאַרמצוה׳טע קניפּ.
אויך ד׳היינטיקע שררות...

זאָגט בעל־שם (מיט געבראָכענער שטים) :

און איך האָב פאַרבענקט זיך נאָך...
(מוט א זיפץ, ענדיקט ניט).

אלעקסע (מיטן טראַפּ פונעם ליד) :

ר׳לוי יצחק מבארדיטשעוו!...

בעל־שם :

געטראָפן. ווער ס׳קוויקט זיך מיט יין המשומר,
און איך — מיט זיין מענה לשון,
וואָס פלאקערט און ווערט ניט פאַרלאָשן.
ווי פייגל דעם בוים — אזוי אים באפליען, באזועצן די ווערטער.
אוי, ווערטער! ניט יעדער, ווי ער, איז זייער באשערטער.
ניט יעדער, ווי ער, איז זייער באמת באגערטער...

אלעקסע ;

דו ביסט מיר געוואָרן א ברומער!

בעל־שם :

נאָך שלימער... א שטומער...
(נאָך א ביסל נאָכקלערן):
כ'האָב אויסגעקלאָגט אלע געגעבענע מיר ווערטער.
און נייע — כאָטש באָרגן צי בעטלען ניי איבער די
שטיבער!...
איז אפשר די ערשטע נדבה ביי דיר זאָל איך בעטן מיין
ליבער?

אלעקסע (גערירט ביז טרערן):

ביי מיר?!

בעל־שם :

ביי דיר!... און שטעל מיר ניט מער אזא שאלה!...
(דער הארבער, הארטער טאָן ווערט פלוצעם מילדער, צארטער)
צווישן אונדז ביידן ביסטו דאָך כסדר געווען דער זאפעוואלע...
איז זינג מיר א קאזאצקעלע...

אלעקסע :

כאצקעלע. כאצקעלע... פארגעסן...
נענוג יאָרן זענען פאָריבער אינדעסן...
פארצי דו די ליד און איך קום דיר באלד אונטער.

בעל־שם (מער געברומט, ווי געזינגען):

כאצקעלע, כאצקעלע,
שפיל מיר א קאזאצקעלע...

אלעקסע (זיין שטים הייבט אָן קלינגען יונג, פריש און מונטער):

זאָל זיין, אז אָרעמע, אבי א כוואטסקעלע!

ביידע :

אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגן בלוט!

בעל־שם (אָנכאַפּנדיק זיך מיט דער גאַנצער קראַפט אין לעצטן וואָרט):

בלוט... בלוט... בלוט..

(ער פאַרמאַכט די אויגן און זעט אויף דעם זעלבן אָרט זיך אנשטאָט דעם געדיכטןביימער־וואַלד אויך אַזאַ געדיכטן וואַלד פון יידן, אָנגעטאָן פאַרשידן, לויט דער טראַכט פון די אַלע לענדער פון וועלכע מען האָט זיי אַהער געבראַכט, און אונטער זייערע טויזנטיקע פיס ליגט דער בלוטיקער פאַרלענדער...).

י.

דער גילדענער ברונעם... פון אים, וואָס
זיין שם גייט באַנאַנד מיט בעל־שם,
איז ענדלעך צו זיי אויך דערגאַנגען —
זיי אָפּדערציילט מ׳האָט שוין פון דעם.

דערציילט זיי, אַז יידן יום־כפּור
ביים הייליקן ברונעם אין פעלד
אַ גאַנצן טאָג דאַווענען פלעגן,
דערנאָכדעם זיי יאַגבע אויך געלט

אויף ברונעם־דנאָ האָבן געוואָר־ן.
איצט מאָנען די הענקערס דאָס געלט,
וואָס יידן דאָ האָבן באַהאַלטן —
באַגזלט אַזוי גאָרע וועלט...

געהערט דאָס אַלעקסע, אין איינער
אַ נאַכט ער צו זיי גייט און זאָגט:
ער ווייסט וועגן דעם אוצר באַרויבט האָט,
און איידער, נאָך איידער עס טאָגט —

ער העלפן זיי וועט אים געפינען.
נאָר זאָלן זיי נאַשפּיץ זעקס פערד
איינשפּאַנען נ׳אַ שליטן געשניצטן,
ווייל ער — מן הסתם זיי געהערט —

א קוטשער געווען איז ביי שׂררות
און פֿאָרן נאָר גאשפּיץ ער פֿלעגט...
זיי הערן און ס'קומט זיי אין זינען,
צי דער פּארשוין ניט פֿארלעקט ?

נאָר גיין, ער איז ניכטער בפּירוש
און האָט פֿון א קוטשער דעם חן.
אויף אָנטרייבן אָבער זעקס אָדלערס —
זיין בערדל, זיי דאכט, איז צו קליין.

דערויף זיך באליידיקט אלעקסע,
און גיט א צעלאָז זיך די באָרד —
די מעשענע קוטשער־באָרד ברייטע,
וואָס ר'האָט זיין גאנץ לעבן געשפּאָרט.

צוליב זיי — די געבוירענע גראפֿן !...
זיי לאזן, ווייל אלץ, וואָס ער זאָגט.
עס ווירקט אויף זיי ממש ווי כּישוף,
און אָט שוין משקאות מע טראָגט.

און ווייבער, פֿארשטייט זיך, מע ברענגט אויך,
די שׂמחה צעפֿלאקערט זיך גרויס.
באזונדערס עס הוליעט דער עלטסטער,
ווי נאָר די מיזינקע ר'גיט אויס.

אויף דעם האָט געוואַרט נאָר אלעקסע,
און ווען זענען שכּור, ווי לוט,
געוואָרן — „צייט פֿאָרן !" אלעקסע
געשריגן, געבייזערט זיך האָט.

פֿארפּוצט אין א פּעלץ אין א שוואַרצן,
מיט גארטל מיט רויטן אויף לענד —
דעם אמתן שׂררהשן קוטשער
זיי האָבן אים דאן דערקענט.

גנלאָזט זיך אים העלפֿן זיי אָנטאָן
מיט פֿוטערס אריבער שינעל,
ווי אויך זיי באַזעצן, איינהילן
די פֿיס אין א ברישער פעל.

נ׳אשלימן מיט זעקס סוסים נאַשפּיץ
זיי פליען... אלעקסע טרייבט אָן.
די וויזגע — זי העלפֿט אים נאָר אונטער
א שפּיל טאָן מיט זיי אַט דעם קאָן.

דער סוד פון קפיצת־הדרך,
וואָס איז אים געווען דאָך באַוווּסט,
נעדינט האָט אים איצט אויך, ווי תמיד.
אין קנאַק פון זיין בייטש — וויפֿל לוסט!

די לייט מיט די ווייבער, וואָס זיצן
אין שלימן ביי זיי אויף די קני,
אַז זאָלן מיט זיי אויך פֿאַרזוכן
דעם טעם פונעם פּראַסטיקן ברי,

וואָס זיס אים עס איז זיי צו לעשן
אויף ליפּן פון פליישׁ און פון בלוט, —
זיי דאכט: אויך נאָך שיסן און הענגען
איז זיי ניט געווען אזוי גוט!...

דאָס נאכטל, די זילבערנע גלעקלעך
מיט זייער געפֿליעסק און געמיט, —
זיי העלפֿן א ביסל פֿאַרגעסן
אין אייביקן פינצטערלינג־ייד.

איינצייטיק דאָך קשה עס ווערט זיי
דעם קוטשערס צו שטורמישע פרייד:
זיין פייפן און לאַכן אויך, דאכט זיך,
און פירן מיט עמעצן רייד.

זאָל זיין, מיט די לייבן מיט זיינע
זיין קוטשער-געשפּרעך פירט ער בלויז?
דאָך עפּעס צו אָפּט מיטן שליטן
עס שליידערט און וואַרפט און עס שטויסט.

וווהין זייער וועג ליגט? ס'איז ווינטער,
און ס'הייבט נאָר אָן שוואַרצן די ערד,
און שוואַרצן אַזוי, אַז מע זעט ניט
דעם קוטשער און אויך ניט די פערד.

דערצערנט זיי בייֵלן די פויסטן,
נאָר פויסט אויפגעהויבנע, וואָס פּרוווט
דערלאַנגען דעם קוטשער אין פּלייצע.
זי טרעפט נאָר אין ליידיקער לופט.

„אלעקסע — זיי יעבֿצן — מיר שיסן
אין דיר און אין חשבֿות אין דעם,
אויב פירסט ניט אַרויס אונדז פון דאַנען
מיט ברונעם אין מיט דיין בעל-שם!“

„אוי, סאָקאָלן מייַנע, א כבוד
אזא איך בין זיכער ניט ווערט...“ —
א זאָג טוט אלעקסע, וואָס פּלוצעם
ער אויפגעטויכט האָט און ניט ווערט.

עס רוישט נאָר זיין שטים... אָט זי וואָרקעט
און רעדט, ווי א פידל, און אָט
פּארמערט זיך אין מערערע קולות —
אין שטורעם וויל גרייכן ביז גאָט.

„דאָס חשבֿות — עס כליפּעט זיין בת-קול —
ניט איך האָב באשאפן, ניט איך,
אלעקסע דער קוטשער... וואָס האָב איך
חוץ אייגענער באָרד נאָך אויף זיך?

ניט איך האָב, ניט איך האָב
פארלאָשן פון קינדער דאָס ליכטיקסטע ליכט.
דאָס הייליקסטע ליכט אויך פון מאמעס —
נישט איך האָב פארלאָשן ניט איך!"

מיט בייטש ר'טוט א שמיר, ווי אומגערן,
זיי איבער די אויגן און שרייט:
„אַט שווימט זי, אַט רוקט זיך די פינצטער,
פארווישט אי די נאָנט, אי די ווייט.

ווי איך קוק, און איך וועט דערקענען:
זי שטראָמט פון גבואָהשן ברעג,
פון אוראַלטן חושך מצרים,
וואָס ברענגט אויפן פיינט קרעץ און שרעק..."

און ווידער אויף איין אויגנבליק נאָר
אלעקסע פאר זיי זיך געבליצט:
אויף רוקנס פון פערדעלעך זייגע
ארומפויזט, געהויקערט אויך זיצט...

באפאַלט זיי פון פחד א שלוקערץ,
באגלייט פון א ריטש מיט א קריי.
מיט זייערע הענט פון תלינים
די לופט ווארגן גרייט זענען זיי.

זיי ווארפן פון שליטן די ווייבער.
די אייזערנע קרייצן, די קנעפ
זיי פליקן זיך אָפּ מיט די פויסטן
זיי הרגענען אָן זיך די קעפּ.

און הונגער זיי מאטערט — אין דמיון:
די שפייז מעלהגרהן, ווי פּי...
דערביי נאָך זיי פילן: אין אָפּגרונט
דער שליטן זיך גליטשט אין זיין פלי.

וואָס קייקלט זיך, וואנדערט אין חושך?
א שארבן דאָס איז, צי די קרוין
פון זייערע קעפּ די געקעפּטע?...
זיי זענען געקעפּטע דען שוין?...

א קרעפּטיקן פייף גיט אלעקסע,
צעווישן זיך מוט, אז דערגרייכט
ער האָט שוין דעם עולם התוהו.
נאָר ווו איז דאָ גידער, ווו — הויך?

אָט איז זי, די אנדרלמוסיה!
עס שנייט און א דונער־צאָן קריצט..
אלעקסע פארלאָזט שנעל דעם שליטן.
א שד אויף זיין אָרט שוין עס זיצט.

די בייטש בלייבט אין האנט ביי אלעקסען.
זי דרייענדיק איבערן קאָפּ,
א שלשלת־קנאק מיט איר גיט ער,
די סוסים — אוועק אין גאלאָפּ.

אויף הפקר, אויף וואָגל אויף וויסטן
אלעקסע געלאָזט דאן זיי האָט,
און ער ט׳אומגעקערט זיך אין געטאָ
צו דאנקען דעם יידישן גאָט,

וואָס אים אָנפארטרויט האָט דאָס שליחות..
און אפשר אין זכות אויך אין דעם
די דאָזיקע מעשה פארשרייבן
מע וועט אין די שבחי־בעל־שם.

כ

אויף א בארג שטייט א בוים,
שטייט ער אויסגעצויגן
זינט געזעגט ר׳האָט דעם בעל־שם
מיט צעשטראלטע אויגן.

שפּיגלען, טוקן זיך אין זיי
אַלע ווייססטע, קלאָרסטע שטערן.
דער בעל־שם — זיי טרייבט פון זיך —
גייט זיך זעגנען אים די טרערן,

אויפגעבליצטע אין זיין בליק
פונעם קוקן אויפן זעלבן
קדושים־וועג, וווּ ער בליצשנעל
פלעגט זיך, ווי אַ שוואַלב, דורכשוועלבן,

טאָן אַ וואַרף אַראָפּ אַ ברויט,
און דעם גומען אויך באוואַכערט
ביי זיין ערדה יירן, וואָס
אויף איר לייב מ'האָט שטיין געפלאַסטערט.

דער בעל־שם — ער שפּרייט זיך אויס
אויפן וועג מיט אַלע גלידער,
און דעם שתּיין, דעם שותּף צום
גאַנצן פּיין, קושט היים און ווידער.

לעבן אים שוין שטייט אַלעקסע,
דער בעל־שם גלייך ווי משיחן
האָט אין אים דערזען און זאָגט:
„נו, אַלעקסע, מיר אויס שליחים

זעגנען שוין... צוריק, אַהין —
דאַרף מען זיך באַצייטנס גרייטן...
אפשר וואָלסט פאַר יענער וועלט
אָנגעריסן אַ פּאָר קוויטן?"

„כ'האָב שוין אַלץ" — אים זאָגט אַלעקסע.
דער בעל־שם מיט ליכטיק פּנים
טוט דעם פּאָרער־מאַנטל אָן,
וואָס פון שטאָף פון דער לבנה,

צי פון הוילער לופט באשטייט,
און דערצו מיט זיבצן לעכער,
דאָך געוואָרן דער בעל־שם
איז אין אים ווי עפּעס העכער.

און אויף פּלייצע ער פאַרוואָרפט
אין א קלומקל דעם טרויער,
וואָס מיט אים דורכברעכן ר'וויל
דעם גן־עדנס פעסטן טויער —

זאָלן די צדיקים דאָרט —
פאַר, צי, נאָך דעם מעבר יבוק —
אויך פון צער א שמעק טאָן כאָטש
און ניט בלויז גן־עדן־טאַביק...

פאַלט אראָפּ אויף בארג פאַר אים
צו די פיס א פייער־וואָגן.
שמייכלט דער בעל־שם : אים שיקט
יענע בעלי־דמיון טראָגן,

וואָס פון דימענטן ביי זיי
סיי די אקסן, סיי די רעדער...
ער וועט בעסער גיין צו פוס
מיט די פעלדער, מיט די סעדער.

שטויבן זיך אין שטויב פון טריט
פּגיעם מענטש און וואָלף און האָזן,
זיין דער שליח־צבור אויך
פון די תפילות ביי די גראָזן.

ווידער בענטשן סיי דעם בוים,
סיי די הינגלען, סיי די טאָלן,
און דעם ברוגעס און דעם טייך,
גלייך מ'האָט ערשט זיי אָנגעמאָלן.

שיקן טיף אין זיי זיין זיפץ —
אינעם מורמל פון די וועלן
אייביק זאָל פארחתמעט זיין,
און אויך ווי א ניגון קוועלן...

נאָר דערביי, ווייסט דער בעל־שם,
זיין און אויך אלעקסעס ווילן
איז: אן ארבעט טאָן אין וועג,
לאָזן אינעם גאנג די מילן,

וואָס די פליגל זייערע
דרייען זיך פון ווינט, נאָר מענער
פעלן, עס זאָלן ווערן מעל
פון די אָפּגעמאָלטע קערנער.

און ער האָט אויך דעם באגער:
אין א פעלץ פון ציגן־פעלן
זיך פארקליידן און אזוי
פארן פאסטעך זיך פארשטעלן,

וואָס די ביינדעלעך ער זוכט
פונעם שעפּעלע פארצוקטן — — —
טאָן די שטערן אויך א וויש
מיט זיין בליק אין רוים פארקוקטן,

ווי אויף פסח דאָס געשיר
פּייעריק מע שייערט, רייניקט...
שלאָפן אין א סטויג פון היי,
און ווען דאָס אליין איז ווייניק —

האָרכן דאָס געזאנג פון פרעש,
פון די טשערעדעס וואָס מעקן.
גיין און זיך ניט מתיר זיין
אָפּצוברעכן פאר א שטעקן

ניט די דארסטע צווייג פון בוים.
ניט פון אָמשערעד א טראָשטשע,
און וועט טענה'ן צו די פּיס:
„איר קאָנט גיין אליין, גישקשה!“

און פּאוואָלינקע אזוי
יענע וועלט צוריק דערגרייכן...
„ניט אזוי, אלעקסע, נו, זאָג!“
„יעדער גרייכט צו יענע הייכן —

ענטפערט אים אלעקסע — נאָר כ'מיין:
ווייל צום צווייטן מאָל באשערט אונדז
זיך צעשיידן מיט דער ערד —
אָן א ביסל י'ש די ערד אונדז,

דאכט מיר ניט אָפּלאָזן וועט...“
און פון זאק ציט ארויס ער:
פלאַש, א כזית לעקער אויך
מיט א פּיצינקעלע כוסה,

לאַנגזאם גיסט, די טראָפּן ציילט...
פּלוצעם: „ווײ, אָ הייליקע מוטער!“ —
גיט ער א געשריי. האָט דערזען אין ווייסן
בראָנפן גאָר בלוט ער...

דער בעל־שם דעם קעלשיק נעמט
קוקט און טוט זיך שווער א וואקל
גאָר ניט פאלט — פונסייו ער קוקט,
און דעם בלוטיקן סך־הכל,

וואָס זיך נאָך פון פּרעה'ן ציט,
זעט אין בעכערל באשיימפּער!
„ניין“ — ר'האָט הויך צעשריגן זיך
גלייך מיט עמעצן זיך אמפּערט,

קוקנדיק גלייך אין דער זון.
„גיין, ס'האָט שוין נענוג געפּלאָסן!"
און פון קעלשיקל דאָס בלוט
ער מיט דער גאַנצער קראַפט צעגאָסן

אין רוים און זיך צעוויינט,
בעטנדיק ביים בלוט מחילה...
פולט אַלעקסע אים ווידער אָן
ס'כּוסהלע — די ליפּן תּפילה'ן.

ס'לויכט די משקה לויטער, קלאָר,
פינקלט, ווי בורשטין ווי ריינער...
ס'קוקט דער וואַלד, נאָר זעט ניט מער
קיינעם. ער געבליבן איינער.

אי בעל-שם-טוב, אי אַלעקסע —
אומגעריכט פאַרשוווּנדן ביידע.
דאָך מע הערט, מיט זיי באַנאַנד
שרייט די גאַנצע קדושים-עדה:

„פאַרן תּיקון פון דער וועלט,
פאַרן אויסהיילן איר זאָמען!..."
און דער וואַלד פון ברעג צו ברעג,
ענטפערט אָפּ צעפלאַטערט: אָמן!

פאַראַן דאָ אַ באַרג

פאַראַן דאָ אַ באַרג, וואָס כּסדר כ'באַזוך אים,
אפילו, ווען ניט צו זיין שפּיץ איך דערקלעטער,
ווען אים אויך פאַרנעפּלט אַ רעגנדיק וועטער.
דער דאָזיקער באַרג — עס פעלט ניט קיין שפּרוך אים.

מאגנעטיש ער ציט צו זיך קומען און קוקן,
באטראכטן אים סיי אין גענוכט, סיי אין רוקן,
און איבער זיין הויך־פונקט דעם בליק ארייגשטעקן,
און עפעס דערזען, וואָס דעם דמיון זאָל קלעקן
זיך פאָרשטעלן דעם, וואָס זיין בארג־נעסט די הארטע —
זיין נעסט אין דער טייגע געדיכטער פארשפארטע —
אָט דאָ איז געווען. ער מיט נעגל מיט שארפע
פונדאן אויף זיין יאגד פלעגט זיך אָדלעריש ווארפן.

אָט דאָ אונטער וויגעס — פאר אים פידלען צארטע —
געזאמלט זיין חיל האָט געפיבערט אין ווארטן,
אויף שלאכטן אויף ברייטע אין טאָל — אויך די שטערן
געוווּנגען האָט, דאכט זיך, מרגלים צו ווערן.

געשמידט אין זיין פאנצער פון פעלדזן און וועלדער —
פון וואָר פון דער הארבסטער געשאפן לעגענדע ער.
קאָזפאק איז זיין נאָמען — מיין לייענער איך מעלד דיר!
איז קום איך צופוסנס זיין בארג כאָטשבי זיצן,
און אלץ וואָס דאָס אויג כאפט, אין זיך צו פארקריצן.

פאראן דאָ א בארג, וואָס כסדר כ'באזוך אים.
דער דאָזיקער בארג — עס פעלט ניט קיין שפרוך אים!

„קאטערינע מאָלאָדיצע"

משה טייפן

א גאנצן טאָג ברום איך דעם נאָמען „יארעמטשע"
און כ'בעק נאָך זיין גראם: דעם צדיק דעם היגן
אורעמטשע.
וואָס זאָג איך א צדיק? א פשוטער שיידער א ייד,
וואָס האָט אין סערמיאגעס פארנייט אויך זיין ליד:
„קאטערינע מאָלאָדיצע,
פאָדי סיודא..."

איז ווער סע פלעגט טראָגן זיין מלבוש דאָס פיינע
דער פלעגט זיין פארכישופט פון זינגען פון זיינעס,
פון האָבן אין אויער זיין זיס קול־נגינה:
„וואָס זשע הייסט עס, וואָס זשע הייסט עס
קאטערינע?

אוי. קאט איז דאָך כיתה,
רינע... רינה איז געזאַנג.
איז קאטערינע מאָלאָדיצע,
פּאָדי סיודא“...

א גאנצן טאָג ברוּט איך דעם נאָמען „יארעמטשע“
און כ׳בענק נאָך זיין גראם: דעם יידישן שניידער
אורעמטשע,
וואָס האָט אין סערמיאגעס פארנייט אויך זיין ליד.
דאָס ליד איז געבליבן, דער ייד אָבער ניט?
ניין! (שריי איך),
ניין! (בריי איך) —
דאָס ליד איז געבליבן, איז לעבט אויך דער ייד!

דאָס ליד פון דער באָרוועסער וועשערן און איר פראלניק

די דאָזיקע שפע פון גרינקייט, פון ליכט און פון שלווה —
נאָך שטילער אפילו פון שמעטערלינג־שוועבן —
זי וועם איז געגעבן?
וועם אויסדערוויילט האָט זי פון אלעמען מער?

איך קלער: דעם טייך,
צו אים גלייך אויף גלייך
גיט צו פאר א שותף די פרוי, וואָס א האלב פון איר קלייד
אין גארטל פארשטעקט האָט, געלאָזט אויך אין גאנג
דעם פּראלניק, וואָס פאלט אויף איר וועש לייכט און שווער,

וואָס קונציקע קלעפּ ער פּאַר אַלעמענס אייגן דערלאַנגט
און ממש דערפרייט.
אַנטציקט מיט זיין לויטערן הילך דאָס געהער,
אַזוי ווי דער בריהשער פּאַטש, וועמענס קלאַנג
פאַרשאַפט אויך הנאָה...

אויף וואָר, אויך דעם פּראַלניק געהערן די דאָזיקע שעהן!

די אויגן פאַרמאַר, און דער הילצערנער פּראַלניק קריגט פליגל —
זיין יעטוועדער קלאַפּ טוט אַ פלי
ביז הימלישן בלוי,
און טרעפט דאָרט אין ווידער-קול-שפּיגל.

און זי —
אין ראַם פון איר לאַנדשאַפט די באָרוועסע פרוי,
וואָס גלייך פון אַ דאָרפס האַנטעך איז זי אַראָפּ אויסגעהעפּטיקט?
אין פּאַנג, אין דער מאַכט פון איר אייגענער מי,
פון פּראַלניק, פון וואַסער און שטיין, —
זי שפּילעוודיק-קרעפּטיק
איר גרעט וואַשט, באַשפּריצט זיך אַליין
אַזוי ווי מיט פּערעלעך טוי,
וואָס גיט צו איר פּנים אַן איידעלן חן,
זי זינגט, און איר הילצערנער פּראַלניק אויך ניגנט.
זיין ניגון, איך מיין, די ברודיקע וועלט מאַכן ריין...

וואָס נאָך אָבער שטעקט אינעם שלאָג
פון פּראַלניק?... וואָס נאָך פאַרט מיר זאָגט
זיין זונפּולער טראָפּ?
...עס קומט מיר צוריק פון די חדרישע יאָרן
אַ מעשׂה אין קאָפּ. כ'דערמאָן זיך געווי
אַז איבער אַזאַ מין-אָ זומערדיק-באָרוויסער פרוי
(קאָן זיין, טאַקע דאָ, אויף דעם זעלביקן שטויב-טעפּיך-שטעג)
משיח זיך אומגעקערט האָט פון מיט-וועג,
ווייל פורכט ער געהאַט, אַז געשטרויכלט ער ווערט —
מיט קוקן אויף נאַקעטע ווײַסערן-פיס
ער זיין שליחות צעשטערט...

כאָטש כ׳האָב ווען דעם ניט באגעגנט אינערגעץ א רמז, אן אות,
די דאָזיקע מעשׂה געלאָזט אין מיין הארץ א פארדראָס,
און היינט נאָך, ווי דעמלט אלס יינגל, כ׳ווער טרויעריק אזוי
פון דעם, וואָס עס האָט ניט משיח פארשטאנען
דעם פּשט, וואָס ער ווארפט אין די אויגן זיך גלייך —
דעם פּשוטן פּשט פון דער באָרוועסער פרוי,
ווי אויך
פון איר האָרעפּאשניק דעם פראַלניק ביים טייך,
און האָט ניט דעריבער דערבליקט אז אין זיי איז פאראנען
א זעאונג, א משל, א ליד, א געזאנג...

ווי ס׳טוט מיר דערפון אויך היינט אזוי באנג!

דער שניט פונעם בליץ

אווראי, אוודאי דער עיקר — דאָס איז דער געדאנק,
דער בים אינעם קאָפּ, וואָס מע קריגט פון דער שלאנג,
דער שניט פונעם בליץ, וואָס די הימל־טיף שפּאלט,
און דעקט אויף די בערג און צינדט אָן דעם וואלד.

דו קוקסט אויף די ריסן,
און הייבסט ניט אָן וויסן:
דאָס קינד צו דער דעמאָן אין דיר יובלט, פרייט זיך
און לאכט
ביים זען אָט די ווילדע, פארצוקנדע פראַכט?

פון קינד צי פון דעמאָן אין דיר הערסט דעם לאך און
געוויין?...

און אָט די געלייטערסטע רגעס,
ווען גאָר ניט חוץ דיר און גאטור איז ניטאָ,

דאָס האַרץ, ווי אַ גנאָד, בענטשט די דאָזיקע שעה,
און זיסער די לאַסט ווערט פון קלעטערן, טאָפּטשן זיך, גיין,
נאָר עפּעס שוין, עפּעס פאַרשטיין —
אויף שפּיץ פונעם מעסער פון אייגענעם געדאַנק,
וואָס אַט ער פאַרשווינדט און וואָס אַט גיט אַ בלאַנק...

די ערד און די שטיינער

די ערד און די שטיינער.
געפורעמטע מעכטיק פון שטויב און פון פּראָפּנס,
איך דאַרף ערשט, איך דאַרף ערשט באַזינגען.
ווייל כ'בין ניט קיין בושל — דער שטאָלצער
דער שיינער —
וואָס יוצא ער איז נאָר מיט שלינגען...

די ערד און די שטיינער,
וואָס זענען געקומען צו יעקב צוקאָפּנס,
ווען ער אין דעם נאַכטישן פעלד,
ווען ער אין דער נאַכטישער וועלט
אויף אָרעמס אויף זיינע געלעגן איז איינער, —
איך דאַרף ערשט, איך דאַרף ערשט באַזינגען,
און נאָך פונעם חדר מיין אויער הערט דרינגען.

די ערד און די שטיינער,
וואָס זענען צוזאַמען אי ברויט, אי מזבח.
גאָר צווישן זיך ווען דער בבורה זיך דינגען,
איך דאַרף ערשט, איך דאַרף ערשט באַזינגען.

די ערד און די שטיינער —
פון צאַרטקייט און גבורה געצווילינגטער ריח!

אקוואַרעל

דער הימל-עקראַן איז דאָ ברייט, טיף און גרויס.
די וואָלקנדלעך פּוכלע — זיי זעען מיר אויס:
געמאָלענע קינדער מלאָכים, ווי ס'מאָלט ראַפּאַעל.

גאַר אָט גיוואַנסירטער עס ווערט דאָס געמעל.
דאָס גרינע שיינט בלוילעך אין ס'בלוילעכע גראָ —
איין פאַרב אין דער צווייטער פאַרשווינדט און איז דאָ.

אויף הימלישער לייוונט בליט בײַנט אַקוואַרעל
און זעט, ווי עס האַלטן די וואָלדישע בערג
אויף זייערע שפּיץ פון די פינגער דאָס פלאַטערדיק ווערק...

★ ★ ★

כ'וואָג צו זאָגן עס, איך וואָג עס.
מיליאַסן פּראַגעס,
זיפּצן פון דער טיף, מחשבות
(איצט, ווען איבער טיפער נאַכט אויף באַרג
מיין גייסט עס וואַכט), —
טויכן אויף, ווי שׂרפה-פּינקען אין צעשיט,
טראָגנדיק דעם ווייסן פלאַם פון אש-להבות...

און די אונטער מיר אויף גאָרנישט הענגענדיקע „מיט"
גאַנץ וועט בלייבן? נישט פאַרשׂרפעט ווערן...
....

כ'וואָג צו זאָגן עס, איך וואָג עס.
זיפּצן פון דער טיף מחשבות, פּראַגעס
טויכן אויף, ווי אין צעשיט די שטערן.

באַרג־סימפּאָניע

די בערג בילדן פּויקן, די דונערן — ליטאַווערען,
וואָס מעבטיק עס צווינגט זיי דער פּויקער צו
„דאַבערן",
ניט שאַנעווען קראַפט פאַרן וואָרט מיט גרויס גבורה
אין אָט דער סימפּאָניע פון רעגן און שטורעם.

די ביימער, גלייך בעסער און וויאָלאָנטשעליסטן,
וואָס ס'פליען ביי זיי אויך די האָר, ווי אומיסטן,
בעת ביז דער ערד זיך אויש בייגן, דעריאָגן
די אַנדערע כלים און זייערם דערזאָגן.

די שאַלנדע בליצן מיט ליכט פון גן־עדן —
זיי זענען דער אָנזאָג פון פרייד, צי פון ליידן?
און אויב, ווי א בייטש, טיף אין בלוט זיך
פאַרשניידן —
פאַרוואָס הער איך פידלען. וואָס גלעטן, ווי
סאַמעט און זיידנס?

און ווידער דער דונערן־שפרונג איבער הויגלען,
און ווידער די ביימער אין בליצנדע שפּיגלען...
ס'איז אָנהייב צי סוף?... ס'שמעקט מיט בראשית
פאַרשייטן,
וואָס חזרט זיך איבער ביז ענד פון די צייטן!

מיין קידוש־לבנה

(א זומער־נאַכט־טרוים אין פיר בילדער)

1־טע בילד

די לבנה, ווי עס אמאָל א טויב,
האָט אריינשפּאַצירט צו מיר אין שויב,
ווען איך בין געזעסן אין דער טונקל ביי מיין טיש,
און זי האָט צעלאַכט זיך, זעענדיק, אז כ'מיש

מײנע העפטן, װי א בלינדער...
צי מיר ט׳אױסגעדראכט זיך גאָר?
אָבער אומגעריכט, װײל ס׳ערשטע מאָל אין מײן לעבן
אזױ קלאָר,
האָב איך ממש אױף דער ערד איר אײביק־יונגע כלה־
שטים דערהערט:
— הנני!
— דרשני!
זאָג א דרוש א שײנעם װעגן מיר...
— װאָס זשע רעדט איר לשון־קודש, איר?
— לשון־קודש רעד איך יערן חודש,
װען מ׳איז מיך מחדש.
— דאַרטן, װי ס׳איז ניט געבליבן אױך קײן קדיש?
— אױ, ניט קענן נאכט געזאָגט!
— אױ, ניט קענן נאכט געקלאָגט!
(און מיר האָבן בײדע זיך צעװײנט)

אָפגעװײנט און באלד געבליבן װי פארשטײנט.

זע איך מורמלדיקער נאָך איר מירמל־פנים.
יאָ, עס איז בפירוש די לבנה,
װאָס זי קוקט אױף מיר, דעם ײדישן פּאָעט, מיט גרױס
געבעט:
— זאָג א דרוש א שײנע װעגן מיר,
רײניק אָפּ מיך פון די הײסע תאװה־לידער.
שרײב מיר אָן אזױנס, װאָס קאָן ארײן אױך אין א סידור.
נײן, נאָך העכער!
ניט קײן ליד — א טרערן־בעכער
פאר א נײעם קול ברמה...
— איך בין טמא!
האָט בײ מיר אומגעריכט ארױסגעכאַפּט זיך
און איך פיל גלײך, אין א פעלדז איך האָב צעקלאַפּט זיך.

2־טע בילד

כ׳זיץ און כ׳הײב פאר שאנד ניט אױף די אױגן,
נאָר איך זע, װי אין א ריזיק־גרױסן, פּלוצעם פלאַנצנדיקן
פײער־בױגן:

מדבר... מדבר אָן א סוף מיט אַלע אירע מדברישע
כוונות.
ווער פארשטיין זי דען א משמאַד איז?
אָט זי שפרייט זיך אונטער דער לבנה׳ס
(דאָ אליין גרויסהערשעריש) געזיכט מיט אירער איבער-
גאָרער ערד צעשטראַלטע האָר
צי עס איז די שיין די זיסע פון דער מוטער רחלס
פנים גאָר?
אָדער אפשר גישט פון פנים, וואָס מע זעט נישט, נייערט
פון איר ליכטיק קול
איבער, ווי א ים, זיך כוואַליעדיקן זאמדן-טאָל?

„א שטים דערהערט זיך אין די הייכן.
רחל באוויינט אירע קינדער".

אויפגעוועקט עס האָבן זי פון אונדזער יאָמערצייט די
קדושים,
וואָס ארום איר אייביק-שיינענדיקן מאמע-שטיין גערוישיק
לוישן,
איינס דעם אנדערן געפונען
האָבן זיך געטראָפן — מאַן און פרוי און עלטערן מיט
קינדער —
ווי אין סטעפּ ארום א ברונעם
זיך פארזאמלען, זיך צוזאמענטוליען שאָף און רינדער.
יאָ, ס׳איז ער!
(אין מיין הארץ עס רודערט).
ער, דער האָריקער,
ער, דער גראָזיקער,
ער, מיין שטארקער ברודער
עשו, וואָס א גרויסן, רייכן קאראוואַנען-שנור
ציט נאָך זיך און אויך צו מוטער רחלס קבר איילט זיך,
גייט,
קומט און פונדערווייטנס דאָך בלייבט שטיין, נאָר קענטיק
ער איז גרייט
אַלע אים אמאָל פון יעקבן געגעבענע מתנות אומצוקערן
און נאָך צוצוגעבן, שענקען פון זיין האָב-און-גוטס —
אבי ניט הערן

מוטער רחלס הימל־שפּאַלטנדיק און יאָמערלעך געוויין...
אָבער ווען ער האָט זיך מיט זיין קעמל —
שאָף־און־רינד — און ווייב־געזעמל
ביז צום קבר שוין דערנענט,
און דערזען באַשיימפּער: ניט קיין בלענדיש מדבריש
חזיון־בילד פאַר אים, נאָר טאַקע
וואָר די נאַקעט־וואָרסטע;
אַז די הייליק־ליבטנדיקע מחנה פון דער מוטער רחלס
קינדער — גרויס און קליין —
אַט צוזאַמען
ווי פון הויט און ביין אַ ריזיק־גרויסער שייטער,
פלאַקערט,
אַט איר יעדער גוף באַזונדער, ווי אַ שטורקאַטש, ברענט —
פונעם קאָפּ ביז פיס ארומגעכאַפּט פון יענע שניידיק־
בלויע קאַלער־אויוונס־פלאַמען,
וואָס אפילו איך די מדבר־לופט פאַרסמען, —
איז פון אים און באַלד נאָך אים אויך פון זיין גאַנצן
קאַראַוואַן געוואָרן שטיין?

3־טע בילד

די לבנה אין מיין שויב
הערט ניט אויף צו וואָרקען ווי אַ טויב.
— יאָ, נאָר ווער און וואָס בין איך? עמנואל הרומי?
(האָב דערליובט איך מיר אפילו ברוגזלעך צו זאָגן,
און אין האַרץ געבעטן: זאָל שוין שנעלער טאָגן!)
אָבער זי:
— לא אָזוז ממקומי!
כ׳וועל פון דיר ניט אָפּטרעטן.
דו, רק דו מיר גיב דיין דרש!
אין די הויכע ספערן, הער איך, ווערט אַ רעש:
— שאַט! מיר וועלן הערן באַלד אַ פיינעם דרש.
— נו און קענען, שריי איך, קענען?!
— כאַ־כאַ־כאַ! (ווי צוויי סופּליאָרסקע אויגן
פון אהינטער פריש מיט וואַלד־גראָז שמעקנדיקע סטויגן
מיטאַמאָל צוויי שטערן זיך צעברענען)
מיר דיר אונטערזאָגן סיי די ווערטער. סיי דעם פלאַטער,

אלע מענער, פרויען, וואָס, ארויפגעקלעטערטע פון טיפע בונקער־הייָלן,
מיט כלי־זין זענען דעמלט אויסגעוואקסן אויף די ברענענדיקע דעכער, ווענט,
און דעם מעכטיקן פארלענדער אָפּגעצאָלט — געענטפערט מיט פארלענד.
און אויך דאָרטן, אויף די בלוט־ און רויך־ און פלאקער־הייכן,
דאָרט אויך — מיט זיין קידוש־לבנה־ליכטל אין די הענט —
האָט א פרומער ייד א מילדן נויג געטאָן זיך צו זיין שכן: „שלום־עליכם!"...
ווי א ברומענדיקע טויב געוואָרקעט, ניט באמערקט צי ניט געגעמען האָט אין אכט,
אז דער פלאם האָט זיך שוין צוגענבעט צו זיין לאנגער קרועה־בלועה־טראכט...
א צעשטראלטער האָט דער שלאנקער זקן זיך געמיט זיין בענטשונג ביזן לעצטן פסוק אויסצוזינגען,
און אנטקעגן דער מאטראָנע אינעם הימל מיט זיין גאנצער שטאלט פארדביקהט אונטערשפרונגען —

„כשם שאני רוקד כנגדך
ואיני יכול לגגוע בך —
כך לא יוכלו כל אויבי
לגגוע בי לרעה!"...

. . . .
. . . .
...ווידער די לבנה אין מיין פענצטער, אזש פארויטלט ווי ערב טאָגן,
און צו מיר אזוי טוט זאָגן:
— כזה ראה וקדש!
זעסט, ביסט עפעס דאָך מחדש.
ס'איז נאָך קידוש־וויין דאָ אין דיין קעלטער,
וואָס מיט מאכן איבער אים א ברכה וועט מען חס־חלילה ניט באגיין קיין חטא.

אָט אזוי געוואָרן בין איך פון דאָס ניי איר הויף־פּאָעט.
פון דאָס ניי — דאָס הייסט: אויך אויף דער עלטער?

וועסטו קענען!...

וכך הווה:

זיי סופלירן מיר אמאָל צו שטיל, אמאָל צו הויך, ווי אין טעאטער

אויסגעלאָשענעם בעת די בינע דעם אקטיאָר געהערט —

און עס האָט באקומען זיך טשיקאווע.

אוי, וואָס זאָג איך? דאָס איז ניט דאָס וואָרט דאָס ריכטיקע

ווייל ס'גייט ווידער דאָך א רייד פון בילדער גרויל — געדעכטיקע.

נאָר וואָס דאַרף איך מאריך זיין? איר בעסער הערט,

ווי עס איז געראָטן מיר דעריאָגן,

כאפן באלד און פאר מיין אייגנס מאכן

יעדן פערז פון דער לבנה-אָדע, וואָס די ביידע שטערן ליכטיקע

האָבן זיי אין מיר אריינגעפליסטערט לאמור אזוי צו זאָגן:

— מיר דערמאָנען זיך, עס איז געווען אין יענע נעכט און טעג,

ווען דער פיינט אין געטאָ, ווי א יעגער, מער ניט וואגן קומען פלעגט,

און מיט אים די שלאכט געפלאקערט דאָרטן האָט אויף לעבן און אויף טויט.

פייער בלויז דער קאט געזען אין געטאָ דעמלט האָט — בלויז פייער און ניט קויט!...

אָפּגעצוימט, ארומגערינגלט, ווי א פעסטונג — וואָס עס קומט דאָרט פאָר,

מערקן מ'האָט געקענט פון אויבן נאָר:

פון דער הייך פון שטערן, צי פון פויגל-פלי,

און אויך אפשר פון די ביימער,

וואָס פון גאפן האָבן זיך צעצווייט מיט פרילינג-בלי...

איז געשען אז אויך די רייף-געוואָרענע לבנה,

וואָס אין איר געזיכט עס זעט א גלויביק יידיש קינד דאָס שטארקע פנים

פון דעם גרויסן מאן פון יהושוע, דעם זון פון נון, —

האָט, באפרייענדיק איר הייליק-פולע, הייליק-גאנצע

קראפט, א שטראָם געטאָן מיט דער כוונה צו פארטיילן,

אָנטאָן פון איר שטראלנדיק מעטאל א שיצונגס-העלם

און א פאנצער

4־טע בילד

די לבנה האָט פארלאָזן די אין־סופן,
און אויף מיין געלעגער אָנגעטאָנערהייט,
אין די שלייערס, וואָס אין זיי אויך אויפן הימל גייט,
און געלייגט זיך שלאָפן...
הימל, ערד און פידל,
און איך שפיל פאר איר א לידל.
ערב־טאָג, נאָכן לעצטן הענער־שאַלן,
כ׳האָב א לייטער אויסגעבויט
פון די ערשטע זינען־שטראַלן,
וואָס דעם סוד דעם הייליקן זיי האָבן מיר פארטרויט:
אויף דער לייטער ביז צו מיר הייגט נידערן דו וועסט,
און איך וועל דיך ברעגגען אין מיין געסט.

הימל, ערד און פידלען,
יעקבס. יעקבס, יעקבס —
אין די הענט מיט רידלען,
וואָס מיט זיי אליין זיי האָבן
קברים זיך געגראָבן,
שטייגן אויף דיין לייטער אין די הימלען,
הימל, ערד און פידלען!
הימל, ערד און רידלען!...
וואָס זשע לעשט זיך אוים מיין לידלען?
איז דער הימל־לייטער ניט געווען בכוח אויסצוהאלטן,
זיך צעבראָכן, זיך צעפאלן
אונטער שווערער לאסט פון מיליאָנען
שטייגנדיקע יעקבס אלע?...
כ׳בלייב ווי פריער אויף מיין אָרט.

איך טרינק מיין טרויער־וויין.
כ׳טרינק און קוק אלץ אויף מיין בעט מיט שיין.
דאָס איז פאָרט דאָך די לבנה, זאָג איך, זי,
וואָס פארבלאָנדזשעט האָט אין מיין געצעלט
נאָך איר לאנגן וואנדער אויף גאָטס וועלט.
ס׳שוועבט מיין בליק נאָר אויף איר פנים — ניט אויף
אירע קני...

זיי פאַנאַנדערטיילט איר שייד־שנור אויף די לענדן, ווי
א שווערד.
(עפּעס ענלעכס איך פון וווּנדערלעכן עמנואל הרומי
האָב געהערט).

פון דעם גאָרטן־פענצטער בלאָזט דאָס מאָרגן־ווינטל. נאָר
איך גלי...
פונעם שרייבן לידער טוען מיר שוין ווי די פינגער
נאָר צי קומט עס צו דעם פינגעלער־געצווישטשער?
יעדעס פינגעלע אין אָט דער קילער שעה איז אי א
הייסער זינגער,
אי בריליאַנטן־קריצער...
זייערע דימענטלעך פאר דיר — א דיאַדעמע.
שטיי אויף, כלה, גאַנצע הויפנס נעמען.
שטיי אויף, כלה, דיינע האָר צעקעמען...
. . . .

ס'קומט קיין ענטפער... כ'בין אליין אין צימער...
אויף מיין בעט — בלויז מאָרגן־שימער.
כ'קוק מיך איין אין גרינעם האָריזאָנט
ווידער ווייט איז, וואָס געווען איז אָקאָרשט נאָנט.
ניין! קיין נייעס „קול ברמה", ווי עס האָט געבעטן די לבנה,
האָב נישט אָנגעשריבן,
אָבער דער באַגער, די פיבערדיקע בענקשאַפט,
וואָס איז אויך שוין א מתנה,
ניט געלאָשן איז אין מיר פארבליבן.
פארטריבן. פארלאָזן. פארגעסן. אליין.
אליין.
אליין.
אליין.

ניט מערקן אהינטער דעם רוקן די פריינט.
אין ימישן רווישן די שטימען פון פיינט,
וואָס מערן
זיך, מערן —
נאָר הערן,

און זען: ווי א שיף, זינקט זיין הייזט און זיין נעבטן
אין שוים פון
געפעכטן
גערעכטע...

עס יובלען די כוואליעס די מוטנע, ווי שיכורע פיינט,
בעת אינעם רוקן ביי אים, ווי א פעלדז — זיינע פריינט.

ווי אין פיבער...

ווי אין פיבער איז געקומען אָט דאָס ליד.
ביידע אייביק-ברענענדיקע: הארבסט און ייד

גיי'ן צוזאמען אין די וועלדער קאָן מען זען
אינעם סאמע צונטער-רויטן תשרי-ברען —

גיי'ן צוזאמען אין די וועלדער, ווי ביי וואנט,
וואָס אליין אָט פאלט, געשטירצט פון זעלבער האנט.

ביידע אייביק-ברענענדיקע: הארבסט און ייד —
גיי'ן צוזאמען אינעם וועלדער־פלאקער צייט.

פרווו און צייל אויף זיי די טויט-קויש-צייכנס, וואָס
נאָך מיט זיי עס שרייבט אזוי זיין פלאמיק אות,

ווי אויף זיינע אויסדערוויילטע, וואָס זיי האָט
אויסגעטיילט דערצו ער אין זיין גרויס גענאָד.

ביידע אייביק-ברענענדיקע: הארבסט און ייד.
ווער פון זיי איז הייליקער — איך זאָג עס ניט.

בלאָנד און גרוי

פונעם בוך „וואָר"

בלאָנד און גרוי

בלאָנד און גרוי —
אָט אזוי
אונדזער לעבנס־פּאָרעס שפּינט זיך,
ביז דער טיפער עלטער קניפּט און בינדט זיך.

ביידע פארבן פונעם גאנצן הארץ פארגיין זיך,
האָב דאָס לעבן האָלט,
נים בלויז זילבער, נאָר אויך גאָלד
מאיעסטעטיש שימערירט
אינעם אָפּגלאַנץ פון דער עלטער.

און אין דעם באשטייט איר סוד!

דאנקבאר זיי אנשטאט א שעלטער.
ווער אין זיין באשערטער עלטער
פילט נים אויך דעם פלאם פון צווייטער יוגנט —
פונעם אייז־ים איז ער קעלטער.

ליגן זאָל דאָס ליד
דאָ אין סאמע מיט
פון מיין ספר, ווי א וואלד־בלאט א פארגעלטער —
פון דער הארבסט-זון א צעהעלטער — — — —

צום פראָסטן מענטשן גיי

צום פראָסטן מענטשן גיי,
דעם קאָפּ טראָג הויך און פריי.
די דאָרנדיקע פאַלשע אויסדערוויילטקייט?
מיט פאַראַכטונג ענטפער איר!
ווייס, יעדן טאָג איעדער מענטש פונסניי
מוז אויפשטיין ערשט פון אַלע פיר.

ווייס, יעדן טאָג אין אונדז אַליין
פאַר מענטש גייט אָן דער לאַנגער שטרייט —
פאַרגלייך אויף ביידע פיס צו שטיין,
און, ווי דער בוים,
אָן ברילן זען די הייך און ווייט,
מיט אונדזער שאָטן
ווערדיק זיך צעשרייבן אינעם בוך פון צייט,
ווי די, וואָס קענען זיך ניט חתמענען —
א צייכן לאָזן האָפּערדיק־פאַרשייט...

אין קינדער־צימער

דאַניקן

I

יאָ, לערנען מע דאַרף ביי דעם קינד
זיך באַלד אויף דער שטים הויך צעשרייען,
און גאָרניט אין האַרץ לאַנג פאַרטייען.
יאָ, לערנען מע דאַרף ביי דעם קינד
זיך באַפרייען
פון וויטאָק, פון אומרוּיָן, פון זינד.

II

אין ביטער געוויין פונעם קינד אין דער נאכט —
איז אלרינגס פאראן שוין — אלדאָס בייז, וואָס זיך דאכט,
און שרעקן אויך וואָרע. דעריבער — זיין קוויטש אזוי זאכט!

III

א לשון —
בלויז קלאנגען אָן ווערטער, פארטראכטע, געראכטע
ביי זיך דאָרט אין וויגל — אויף ליפל געבראכטע
פאר זיך נאָר אליין מיט א קראפט דאָך פון טענהן,
און בויען א שמועס א פעסטן, א לאָגישן, פיינעם...
בלויז קלאנגען... די רייד דאָך מאָנירטע, וואריירטע,
טיפזיניק-געפירטע, מיט שפּאס און מיט חנען באצירטע—
אזש ס׳הייבט זיך אָן מינען ד׳איינטאָניקע טונקל אין צימער.

דער לשון אָן ווערטער — ער איז דער שימער —
פון ערשטע זון-פלעקן, דאָס צארטע שאריען,
די ליכטיקע שפיגעלער-גרוסן, וואָס קומען קאיאָריש צו פליען...

IV

אריין אין אויערל פון קינד
א שטרענג און ביטער וואָרט,
וואָס זיך מיט אים אליין ס׳פארוויגט אצינד.

אין מיילעכל פון ברעקל קינד
דאָס הארבע וואָרט...
ארויסגערעדט אין שטילקייט פון דער נאכט —
געקראָגן האָט אזויפיל זין און חן.

צי וואָרגט עס, צי חוזק מאכט
דאָס קינד פון אנדערהאלבן יאָר?

כ׳האָב לאַנג זיך איינגעהערט, געטראַכט,
און ניט געקענט פאַרשטיין
דעם קינדס פּסק־דין — זיין טיפן מיין:
מע טאָר ניט צי מע טאָר?...

צו א קינד

אין דיין קינדערישן לאַנגען, ווייסן העמד
ביסט געשטאַנען אין דיין בעטל,
אינעם הענטעלע א ריטעלע פאַרקלעמט.
כ׳האָב געקוקט און האָב געזען אין דיר, מיין שרעטל,
מיט זיין הויכן צוויבער־שטעקן משהן!...
אָבער ווען דו האָסט דיין ריטעלע פאַרקלערט
אויפגעהויבן — איך אין אים געהערט
האָב יִשום צווייגל רוישן...

ברייטקייט

ווי די גרענעצן פון ברייטקייט צו באַשטימען
און דערביי פון אויג די טיפקייט ניט פאַרלירן?
ווען איז ברייטקייט פונעם מאָס־געפיל דער סימן,
ווען אויך ביזן שאול תחתיה קאָן פאַרפירן?

ווען איז זי: נשמה־חכמה, זעעוודיקע מילדקייט,
ווען — פון שלאַבערן געדאַנק,
צי פון הוילן דראַנג,
ווי פון וואַסער־אויסגוס, בלויז די בלינדע ווילדקייט?

די חכמה וואָס גרויסט זיך

די חכמה, וואָס תמיד אקעגן דער נאַרישקייט גרויסט זיך,
דערמאַנט מיר די קאַץ אין איר שפּיל מיטן ביינוועלשן קנויל:
אין אָנהייב זי פּירט זיך גאַנץ לוסטיק, גאַנץ מילד, שיין און ווויל,
נאָר באַלד ווערט זי אָבער דערצערנט — זי פילט, אַז זי שטויסט זיך
גאָר אָן אין א כוח, וואָס ענדלעך איז ניט פאַר איר מויל...

ווי זיין ניט בייז?

ווי זיין ניט בייז?
ווי זיין ניט בייז?

עס איז געגנוי דאָס זעלבע דאָך צומאָל,
ווי בלאָנקען, טאָפּטשן זיך אין זאַמד פון מדבר־טאָל,
וווּ פריי עס פלאַמט די זון אין איר זעניט —
קיין ווינקל נישט. קיין בוים. קיין פויגל אויך ניט ציט.
צי קאָן דען רואיק בלייבן, שווייגן דאָס געמיט,
ווען ס'קאָכט דאָס בלוט, ווי אָקריפּ, זידיק־הייס?

ווי זיין ניט בייז?
ווי זיין ניט בייז?

א טראָפּן פון גוטסקייט

א טראָפּן פון גוטסקייט — אין מאָס אַזוי קליין —
אין פינצטערע טעג קאָן פאַרבייטן די זון;
א טראָפּן פון גוטסקייט קאָן רירן א שטיין
און ווערן אליין אויסגעטריקנט דערפון.

א טראָפּן פון גוטסקייט אנטקעגן זיך שמעלט,
אזוי ווי די העלדישע מילב,
יעדן בארג אין־מיט־וועג.
א טראָפּן פון גוטסקייט וואָס מאָנט און באפעלט —
דער איינציקער האר ווערט אויף אונדזערע טעג.

און ס׳טרעפט, אז א טראָפּן פון גוטסקייט דערפירט
א מאך טאָן איינגאנצן אויף זיך מיט דער האנט,
צעברעכט און איינצייטיק גיט קראפּט אָן א שיער
צו נעמען און טראָגן אויף זיך אויך א שאנד.

נאָר ווען ער פארקערט זיך אזוי אין א רוט —
צי ווערט דען דער טראָפּן פון גוטסקייט
אוים גוט?
צי אפשר א טראָפּן פון גוטסקייט דארף זיין
אויך הארט, ווי א דימענט, אויף היטן זיין שיין?

דאָס בת־קול

יאָ, מוחל זיין דארף מען, נאָר ט׳טאָר ניט פארגעסן
קיין אומרעכט... אזוי טו און זיין ועסט געגעזן!
...דער בליי שווערער טרויער פון דעם, וואָס פאר מיר
איז געוועזן
בלויז גיפט אין געטראנק, האָט מיך פעסט היינט
באזעסן.

און ווידער מיין ביטערער קאמף: זיך לערנען פארצייען
אויך דאָס, וואָס איך קאָן ניט פארגעבן און טאָר ניט.
איך הער דאָך ווי ביידע צעקריגטע געפילן גלייך שרייען
אין בלוט, דאָך אָפּטרעטן איך קאָן אויף קיין האָר ניט
פון דעם, וואָס דעם מענטשן אין מיר —
אויך מיט זיינע צעאייטערטע וואונדן —
צו אייגענער פיין אויף דער קייט לאָזט ניט זיין
צוגעבונדן.

דאָס שלעכטס

דאָס שלעכטס, וואָס אינעם רשע גרוייליק שרעקט
מיט זיין געדיכטער פארב פון גאַלע שווארץ, —
אויך לעבט אין יעטווידן פון אונדז, נאָר עטוואָס אָפּגעמעקט
און שיטערער... פון שפּאַלט פון אונדזער הארץ
עס קאפּעט בלויז נאָר טראָפּנווייז, נאָר דאָך עס טריפט
און טינטלט אָן און לאָזט א ווייטאָק-פלעק
אין א נשמהס ריינער שריפט...

ברודער מענטש

אין שווערן נעפּל מיין געמיט,
נאָר ס׳קלינגט ארויס פון אים א ליד:
וו נעמט מען שטראָף-רייד
אויף צו שטראָפן זיך?
וו נעמט מען ריטער
אויף צו שלאָגן מלקות זיך
וו נעמט מען עכטע שׂנאָה
אויף צו האסן זיך.
ווייל נאָר אזוי מיין ברודער-מענטש,
איך וועל ערשט ראָוי זיין צו ליבן דיך,
און ראָוי אויף מקבל זיין אויך זיך
אין דיר — אויך זיך
מיט יערן שטריך
אין אייגענעם געזיכט...

באשטענדיקייט

און ווידער וועל איר דינען נאָר איין גאָט באשטענדיק.

נאָך אלע געצן, פאלשע שיינען, מיליאסן רייצן,
וואָס שפּראָצן אומעטום, און מילד און רייך,
ווי בלימלער צווישן ווייצן, —
דערקענען פרווו איך היינט מיין גאָט
אין ווייסן ליכט פון טאָג-שיין אייביק-בלענדיק.

זיין נאָמען
הילט זיך ניט אין הייליקייט.
זיין גרויער — אָן א שום עטרה-נאָמען:
באשטענדיקייט,
וואָס אין יסוד פון וועלט פאראנען איז, און זיין וועט!

צי ווייסטו ווידערשפעניקן, פּאָעט,
אצינד, ווען הייבט ערשט אָן, לייכטגלויביקער באגינער?
צי ווייסטו ווידערשפעניקן, בן-אדם,
אצינד גראָד, ווען דיין לעבנס-פּאָרעם
זיך אויסגעצויגן האָט שוין פון א שטראל נאָך דינער?
אצינד, ווען אלץ אין דיר איז גרייט
דער שיין פון ווייסן ליכט באשטענדיק דינען טריי, מיט פרייד?

די טיפקייט

די טיפקייט, וו דער אמת נעסטעט זיך אין אונדז,
איז אין לערך טיפער פון דער טיף פון ברונעם,
און ס׳בלייבט דערפאר די גרעסטע גבורה-טאט
ביז צום באהעלטעניש פון אונדזער אמת צוצוקומען —

פון אָט דעם אמת,
וואָס די נאַטור געהיים,
גלייך, ווי דעם שם המפורש, האָט אריינגעהויכט
אין אונדזער חומרס ליים,
דערביי אונדז אָנגעוויזן מיט איר שטראַל
צו זיין אליין אויך יעדער איינער דער מהר״ל,
נאָר מיר — מיר מיסגעברויכט
מיט אָט־דעם מילדן צוטרוי האָבן,
און אינעם אש פון כלערליי עבודה זרות
אונדזער אמת ליגט באַגראָבן...

דער שמייכל

דערזען אויף דער דעק פון נשמה דעם שמייכל
דעם אומגעריכט־גוטן, — געהיים־אויפגעבליצט,
איז גלייך ווי אַנטרעקן אויף טונקעלער וואַכט פון אן
אוראַלטן היכל
אן אומבאַקאַנט־נײַ און גאָר פריידיק געבאָט אויסגעקריצט;
איז גלייך ווי דערהערן פון קינעם ביז איצט
ניט דערהערטע נאָך זיס־מוזיקאַלישע נאמע.
איז אפשר, איז אפשר, איז אפשר דאָס וויכטיקסטע סאמע,
אזוי ווי פאר קינדער פאר בלינדע דאָס ליכט פון דער מאמען.

דערזען אויפן דעק פון נשמה דעם זעלטזאַמען שמייכל,
אזוי ווי אין נאַכטישן הימל־גרוב פינצטערן, קילן
(נאָך מעשי־בראשית דער ליידיקער,
איבערגעקערטער גאָטס־טינטער...)
פון איינציקן שטערן, וואָס אָט אויך פארשווינדט ער,
די ווייטע, נאָר וואַרעמע שיין, וואָס מאַכט, ווי, א בעכער
דיך פול, —
איז אפשר, איז אפשר פיל מער נאָך אפילו
פון טרייסלען גאָטס שטול...

די זעלבע קראַפט

אין אונדזער האַרץ ניט אויסגערעדט —
אָפט צווישן איין געפיל און צווייטן
די זעלבע רוים און צייט זיך שפּרייטן,
ווי אינעם וועלטאַל ביי פּלאַנעטן.

די זעלבע קראַפט, וואָס טרייבט מיין רעגונג,
זי ברענגט אויך די מזלות אין באַוועגונג.

מאַסקעס

מאַסקעס כלערליי האָט אָנגעטאָן געוואָלט פאַר מיינע אויגן,
און אין זייער קאַראַהאָד זיי האָבן מיך אריינגעצויגן,
זיך מיט גאַנצער קראַפט ארויפגעוואַלגערט אויף מיין חוט השדרה,
גלייך מיין רוקן איז געפּורעמט פון די שטאַרקסטע צעדערן,
און וואָס האַרט געוועזן אין מיר — מיט פליים געבויגן און געבראָכן,
נאָר צום סוף אין מיין געביין זיי האָבן זיך אליין
ביז בלוט צעשטאָכן...

דאָס קענען ליידן

דאָס קענען ליידן, ווי דער בייזלער־ביטערלעבער,
דער תמיד פּניהלאָזער, תמיד ריטערלעבער,
און אין אַ סך געשלעגן אויסגעפּרוּווטער הונט —
מקנא בין איך שוין פון לאַנג.

איז האָב פאַרשניטן איך מיט אים אַ בונד,
און ס׳טוט מיר אויך ניט באַנג.

ווי ער, וואָס מיט זיין ווייטאָג זיך באהאלט,
איך בינד ניט איבער אויף דער זון מיין וווּנד.
ווי ער, וואָס מיט דער גאנצער קראפט באפאלט
דעם רויבער, כאָטש איך אָן ביים האלדז דעם שונד,
און כ'ווארף מיך אויך פארטיידיקן, ווי ער,
דאָס גוטס, וואָס גאָר צו אנדערע געהערט.

ווען ס'גייט אונדזער זיין ניט כשורה

ווען ס'גייט אונזער זיין ניט כשורה,
זיך ערלעך דערוויסן איז נייטיק,
ווער ווּעמען פאראורזאכט האָט ווייטאָג?

דאָס לעבן האָט אונדז צי פארקערט גאָר —
מיר קענען דעם לעבן זיך האָבן פארזינדיקט?
ווער ווּעמען האָט תמיד געשטערט נאָר?
ווער ווּעמען פון זיך האָט געקינדיקט?

און דעמלט, ווען האָסט אלע ענטפערס —
דעם סכסוך ארויספירן שנעל
פון די אייגענע ראמען,
און שרייבן שעקספּירישע דראמען...

מיט קראפט פון דיין זעל

מיט קראפט פון דיין זעל טו פארוואנדלען אין שטויב
דעם שטייף־הארטן שטיין, וואָס מע ווארפט אים אין דיר.
נאָר ווען פון א פריינט פליט א שטיין אין דיין טיר —
פארנייג זיך פאר אים, נעם עס אָן פאר א לויב.

ווייל תמיד בלויז דעם, וואָס שטייט נאָענט, גרייכט די פייל
און קיינמאָל ניט דעם, וואָס איז ווייט אויף א מייל...

פון ליבשאַפט און האס א צעצווייטער —
ניט איינמאָל האָט שאול המלך אין פיבער געגליט
פון גאַרן צו כאַפּן דעם בויגן. זיך צילן צו טייטן
זיין איינציקן טרייסטער געטרייען בייגאַנד — מיט זיין ליד.

עס וועט הײַנט דער טאָג

עס וועט הייַנט דער טאָג
מיך טרעפן געקרייצט פון דער נאַכט,
נאָר אויפשטיין איך וועל
אויף ווידער צו לעבן אהינטער מיין שוועל,
ניט ענדערן גאָרניט פון אלף ביז בית,
ניט קריגן די מינדסטע עליה, איך ווייס.

אומזיסט נאָר געוועזן כ'בין די ציל־ברעט פאר בייז.

דאָס באַפּעלערישע וואָרט

ווען אויף מיין געדאַנק געפאַנגענעם איך ביטער צערן, —
אויף צו געבן פליגל אים — עס העלפט מיר ניט מיין קלערן,
און אין מיר — בלויז נאַכט, ווי אויף א סטעזשקע צווישן פעלדרן
שווארצע, —
ניט פון מיין פאַרשטאַנד מיט זיינע בלייבע, סומנע שפּיצן,
ווארט איך הערן דאָס באַפעלערישע וואָרט, נאָר פון דער טיף
פון הארצן
וואָס פון זיין געפּל רעדט צו מיר דורך דונערן און בליצן.

ליד

דו ווייסט, וואָס א ליד איז?
אזוי הייגט כ׳וועל ענטפערן דיר:
ניט וואָרט, וואָס טראָגט שפּאָרן— גיי, קלינג און שפּאציר!
ניט זילבן געציילטע אויף זילבערנער וואָג,
און ניט א לבנה, געצונדן אומישנע בייטאָג,

מיט שטערן באזאלצן... ניין, ניט נאָר דאָס אלץ.
ניט הילצערן פייפל. ניט פויגלישער האלדז.
ניט שפּילקאסטן-דריי, נאָר מיין געבטן און הייגט —
מיין לעבנס-באגלייטער און אָפּט — אויך מיין פיינט.

דער סימן פון קלעפּ (איך האָב זיי געקראָגן מיט רעכט!),
דער ביס פון געדאנק אין די שלאָפלאָזע נעכט.
מיין ווידוי, מיין קריג סיי מיט וועלט, סיי מיט זיך,
און שוואנגערגע פינצטערניש, בלענדנדיק ליכט.

דאָס קערגדל גאָלד, ווען א בארג איך צעוואָרף,
אנשטאט ברויט — נאָר זאלץ און פון מעסער די שאָרף.
פון גליק — בלויז דער רויך פאר א הימל-שפּאציר,
דאָך ס׳לעבן פארדאָפּלט עס מיר און אויך דיר.

ווען איך דאנק דער ערד

ווען איך דאנק דער ערד — איך איר באשאף —
דאנק איך פאר מיין בלינדער לעבנס-קראפט —
רויע, פּרוכטבארע, געזונטע,
וואָס זי שטאמט פון אירע פעטע גרונטן.

כ׳פֿאָלג געהאָרכזאם איר באפֿעל,
ווייל אין בלינדקייט אירער איז זי העל,
און געדאנק אין איר פֿארגעסטעט זיצט,
ווי אין כמארעס טונקעלע דער בליץ.

ווען איך בענטש די ערד — איך איר באשאף —
בענטש איך זי, ווייל כ׳שטוין און גאף,
ווי מיר זענען גוט אויף אקערן —
ווייד, נאָכגיביק, פֿייכט פֿון זאפֿט —
און ווי אונדזער ליים אין פֿלאקער
פֿונעם פֿייערס ווינטן-הענט —
שטארקער ווערט און ניט פֿארלענדט.

ווען איך דאנק דער ערד, דאנק פֿאר איר גנאָד —
איז איר אומגענאָד אויך פֿאר מיר געבאָט,
און איך בעט, אז כ׳זאָל זיין ווערט
זיין אין איר אויך אומגעקערט
מיט איר גאנצער קראפֿט באשווערט.

ביז ראנד

אָפֿט מיר דאכט, איך האָב די פֿרייד געקעפֿט.
אָפֿט אז כ׳האָב דעם ווייטאָק ניט דערשעפֿט.
אין דיביידע פֿאלן פֿיל איך גלייך מיין שאנד,
ווי דער מולד, וואָס פֿארטאָג אין פּחד קלערט:
צי א בלייכער רמז נאָר — זיין איז אים באשערט?
ביז ער ווערט געמינערט, ניט ער איז אימשטאנד
ווערן א לבנה, אָנצוגיסן זיך ביז ראנד...

דערטראַכטן

דערטראַכטן, דערטראַכטן, דערטראַכטן
איז מערער פון קלערן און טראַכטן.
דערטראַכטן, דערטראַכטן, דערטראַכטן —
דאָס הייסט: דיין גדאַנק זאָלסט דערשפּינען,
ניט ווייס פון קיין רו, ווי די בינען,
וואָס מיען זיך ביז די פאַרנאַכטן.

דערטראַכטן, דערטראַכטן, דערטראַכטן —
דאָס הייסט: דיין גדאַנק זאָלסט דערוועבן:
דערטראַכטן, דערטראַכטן, דערטראַכטן —
דאָס הייסט: ווי די מערעשקע לעבן,
ביז נאָרקע די לאַסט צו דערשלעפּן,
און זאָל מען אין מיט-וועג אויך קעפּן!

דערטראַכטן, דערטראַכטן, דערטראַכטן
איז טויזנט מאָל שווערער פון טראַכטן
אזוי, ווי צו פּרות דערציען
איז שווערער פון גרינען און בליען.

פייַנטלעכע פּלאַנצן

נו, וויפל פאַרפירט האָב איך רייד,
אַמאָל מיטן אומגליק, אַמאָל מיט דער פרייד,
אַמאָל מיט זיי ביידן אינאיינעם,
נאָר צווישן זיי שליסן א שלום א קליינעם
אפילו — האָב איך ניט געקענט.
אומזיסט נאָר מיין מי כ׳האָב פאַרווענדט.

נאָר היינט זאָג איך ניכטער און מונטער:
מע דאַרף זיי צעקריגן איינגאַנצן,
צעשיידן, ווי פֿיינטלעכע פֿלאַנצן,
וואָס טיף אין די בייטן,
דאָרט איינס אונטער צווייטן,
די נערונג, די קראַפֿט רייסט אַרונטער.

מע דאַרף ניט

מע דאַרף ניט וועלן באַהערשן די וועלט,
מע דאַרף ניט וועלן באַהערשן די צייט.
מע דאַרף נאָר וועלן געווינען אַ האַרץ —
איין האַרץ מיט זיין ברייט און זיין ווייט.

דאָס איז ניט געזאָגט לשם פּשרהלעך גלאַט.
עס איז ניט פֿאַראַן אין דעם זאָג קיין פּאַראַט.
עס איז ניט פֿאַראַן אויך אין דעם קיין פֿאַרבייט
פֿון וועלט און פֿון צייט
אויף אַנדערער ברייט און אויף אַנדערער ווייט.

עס זאָגט מיר אַ שטים

עס זאָגט מיר אַ שטים אי נאָר האַרט, אי גאָר שטיל:
„דיין לעבן איז ניט אונטערטעניק דיין ציל.

אַזוי ווי אַ שיכט ווייך־פֿאַרהאַרטעוועטער זאַמד —
דיין לעבן, זיך קרישלט, זיך ברעכט נאָכאַנאַנד

אויף צווייקן, וואָס יעדער א ציל ווערט פאר זיך...,
איז ווי זשע און ווען וועסט דערפילן דיין פליכט

לגבי דיין גרויסן און הייליקן ציל?!" —
עס זאָגט מיר א שטים אי גאָר הארט, אי גאָר שטיל.

איך בין ניט

איך בין ניט דער פלאַט פון קהלת,
פון איוב,
גאָר ס'טרעפט, ווען דער אויפרייס-געוויטער
פון זייער ווולקאַן, וואָס זיך קייגמאָל ניט שטילט אין דער טיף,
מיך גרייכט און ביז גרונט מיך דערשיטערט.

צי הער איך דעם זעלביקן ווייטן געוויטער,
צי אפשר גאָר ציטערט
מיין אייגענע ערד?

צי ניט דערפאר

כ'האָב קיין מאָל ניט געטראכט פון תּכלית,
פון שטעלן פעסטע ווענט, פון בויען זיך א הויז.
א גייער, וואָס איז הויל און פריי פון נחלות,
וואָס שלאָפט אין אָרעמע אכסניות צי אין קלויז,
אליין אויף שבּת וואַשט זיך אויס זיין איינציק העמד ער,

און וועמען פרעמדער
עס איז זיין טיש פון פרעמדע טישן, —
געלאָקט עס האָט מיין דמיון קינדערישן,
און אין יסוד פון מיין געמיט געבליבן ליגן.

צי ניט דערפאר איך האָב געלאָזט זיך לייכט באטריגן,
און ווען מ׳האָט מיך בארויבט —
איך האָב פארשעמט געשוויגן?...

ס׳איז פאראנען רגעס

ס׳איז פאראנען רגעס, ווען דער טרויער
פליסטערס מיר אזוינע רייד אין אויער:

מאן און פרוי, ווי די קענטאַוורען וונדער-שיינע,
טראָגן
אויבעט טלאָ פון פערד אויף זייערע פיס,
מיט זיי זיך שלאָגן,
זיך באפאלן אָן רחמנות...

עס לאכט די זון, עס ווײנען די לבנות!

מעדאליאָן

איך בין ניט קליין, ניט גרויס —
א מענטשן-פלאנץ בין בלויז,
האלב דאָרן און האלב רויז.

אין בעכער פון איר שוים
אי רעגן־דופט, אי פונקען־ברויז.
איך טראכט ניט גאָרניט אוים.

ש ל י מ ו ת

טיפער דראנג צו שלימות —
די נטיה, וואָס מיר בענטשן,
דאָס, געווים,
אינעם מענטשן, —
דער „מותר אדם“ איז.

אָבער אפשר איז דאָס אויך ניט מער בלויז,
ווי א תאווה,
אָט די גאווה
פון זיך װעלן קרוינען מיט דער קרוין פון שלימות ?...

טעזיס און אנטיטעזיס

דער מענטש א מקום־מקלט קאָן געפינען נאָר אין זיך אליין,
און גוט, וואָס, ווי די שטארקע זון, ער קאָן אין זיך פארגיין.
דער מענטש אליין
איז אי זיין אייגן טיטנעפיל,
אי שטראָפנדיקע רוט,
און לעבט אין זיין בלוט.
און שטארבט אין זיין בלוט.

צי קאָן דער מענטש באמת, ווי די שטאַרקע זון, אין זיך פאַרגיין?
צי בלייבט דער מענטש באמת איינער, ווען ער בלייבט מיט זיך אליין?
ווייל ווערזשע זענען אָט די שטימען, וואָס אין אים טיף שטרייטן,
און, ווי די כוואַליעס אין א טייך, צעשטופּן ברייטער זייגע זייטן?

א בעל־יסורים זיין

א בעל־יסורים זיין —
פון יענע, וואָס די ביטערסטע יסורים
ווערן הייליק־זים
פאַר זיי ווי קידוש־ווײַן;
פון יענע, וואָס צו זיי נאָך זייער טויט,
געלאָקט פון זייער קדושה־שיין,
מען קומט א ליכטל צינדן מיט געוויין
אויף זייער שטיין, —
אוודאי און אוודאי איז
א הויכע שטופע, א מדרגה,
הגם יסורים — טאָר מען ניט פאַרגעסן —
איעדן גאָטס־באַשאַף זיי זענען איינן.

איז בין איך מיט יסורים,
ווי מיט גוטע פריינט, געזעסן,
נאָר אונטער טיר פאַרשלאָסן
און מיט אראָפּגעלאָזטע שטאָרן.
אזוי געהילט — אמאָל אין מאַנטל בלויען,
אמאָל אין מאַנטל גרויען —
פון מיין שטילקייט און מיין שטורעם —
כ׳האָב איך, כ׳האָב איך מיין טייל יסורים,
ווי פון א פולן קרוג געגאָסן.

און דאָך קיין בעל־יסורים בין איך ניט געוואָרן.
מיך אָפּגעהיט עס האָט דערפון מיין קריגערישער צאָרן.

משה און אהרן

איך זיץ ביים ים און הער זיין רויש,
עס בליצט אויף א געדאנק, נאך אומגעריכטער,
ווי א פלאם:
באגריפן כ'האב פארוואס ס'איז משה
געוועזן א כבד־פה און זיך פארהיקעט, ווי דער ים.

ווי ס'פאלט און שטאָלפּערט כוואליע איבער כוואליע,
דער מאן פון סיני האט געראנגעלט זיך מיט יעדן וואָרט.
דאָס וואָרהאפּטיקסטע גאָר פון צווישן אלע
ער האט גענומען און האט אויסגעקריצט פאר אים אן אָרט.

געבאָט, געזעץ דאָס וואָרט זאָל ווערן,
און קארג, גאָר זאט, ווי מָן, זאָל נערן
די אלע, וואָס אין וועג פון אמת וועלן גיין.

פאר די, וואָס בלויז פארווײלונג גארן,
וועט זייער כהן בלייבן אהרן —
דער מייסטער פונעם גלאטן וואָרט מיט פאלשן חן.

מע גייט ניט

מע גייט ניט אין וואלד אריין מיט א לאמטערן...

מע גייט נאָר אהין ביי דעם פינקל פון הויך־ווייטע שטערן,
ביים ליכט פון די הימלישע וואָלקנדלעך בראשיתדיקע־ווייסע,
צי פאזע דעם בליאסק אָדער רויש פונעם טייך, ווענען כוואליעס
דעם וואלד־ברעג צעבייסן,
און שטיק פון אים רייסן.

מע קאָן זיך אין וואַלד אויך פאַרטיפן
ביים שוועדישן שניט פון א בליץ מיט זיין שרעקן און שטיפן;
זאָל זיין, ביי דער טויט־בלייכער שיין פון די שטויביקע שפּענדל עד אפילו
ווי אויך ביי די שלענגעלער פאָספאָר פון גלי־ווערעם קילע;
ביים גלאַנץ פון די פויגלישע אויגן, ביי זייער געקוויטש אויף די צווייגן,
צי לאָזן, אז פירן עס זאָל דיך די שטילקייט די גוטע פון וואַלדישן שווייגן,
זאָר קיינמאָל מע גייט ניט אין וואַלד אריין מיט א לאַמטערן...

צי האָט איר, פריינד ליבער, געטאָן וועגן דעם זיך פאַרקלערן?

שניי אין וואַלד

דער בוים אינעם וואַלד
טראָגט היילק דעם שניי —
אפילו דעם שטורעם ער גיט אים אינגאַנצן ניט אָפּ.
ס׳הפּנים דאָס נעמען דעם טלית אריבער דעם קאָפּ,
וואָס אויך פון מיין טאַטן געזען עס איך האָב
מיט אנדערע יידן, ווי ער, אין איין דאַווענער־ריי,
ווען האָבן צוזאַמען געטאָן איין געשריי...

און כאָטש כ׳האָב געפילט — דער געשריי איז פון גלויבן א וואַנט,
געדענק איך, עס האָט מיך געטאָן, ווי א הויב,
און כ׳האָב מיך פאַר שרעק אָנגעכאַפּט דורך דער שויב,
אריבערה צי שטעטלשע דעכער אין פאַס האָריזאָנט...

די אָוונט־לאַנדשאַפט

די אָוונט־לאַנדשאַפט
שטייט פאַרגליווערט אין איר שיינקייט.
איז וואָס אין דעם געשלאָסענעם אַנסאַמבל
פון וואַסער, וואַלד, און באַרג און טאָל —

געמאָלן אײדל, װי א פּאַרפּאַר־שאָל —
עס האַלט מיך אָפּ אים זינגען די פּיראַמידן ? —
זײַן לאַקריץ־זיסע רו, זײַן זעלבסטצופרידענע
אַלײנקײט,
זײַן שפּיגלען זיך אין אַזערע נאַרציסטיש...

נאָר אומגעריכט —
אין שפּאַס, צי ערנסט, האָט א קו זיך צעמע־
רוקעט מיסטיש,
װען ס'האָט איר סטאַדע, װי א לאַנגער שנור,
פון באַרג אַראָפּגעלאָזט זיך צו דעם װאַסער
אינעם טאָל.
און מיט אַמאָל האָט אױפגעלעבט דאָס בילד
פון דער נאַטור,
און אַלע פאַרבן פון אַרום האָט אױפגעבליצט
א שמײכל
די גאַנצע לאַנדשאַפט האָט געקראָגן
דאָס ביסל נײַטיק ליכט פון שׂכל...

בײַ מוטער־ברוסט

װאָס פילט דאָס זױגלינג־קינד בײַ מוטער־ברוסט
חוץ זעט ? צי פילט עס שױן ניט אױך די גלוסט
די ליכטיקע פון שעפּן און איבערגיסן זיך ?
צי זוכט עס שױן ניט אין דער זיס־געשמאַקער שוים
פון מאַמע־מילך דעם דיגעם בונד פון װאָר מיט טרױם
און אָנצוכאַפּן זיך אין דעם, װי אין דער העכסטער צװײַג פון בױם ?

איז װאָס הוץ הונגער — לאַנג דאָס קינד צו זױגן נאָך עס טרײַבט ?
צי גראָבט עס ניט מיט פּעסטע ליפּעלעך אין מוטער־לײַב,
כדי פון זיך אַלס מענטש־באַשאַף אַזױ דערװײסן זיך,
און אױך דערבײַ פאַרלירן װיל זײַן קלײנעם טראָפּן „איך",

און ווערן איינס מיט דער נאטור —
זיין זעעוודיק און בלינד אויף איינער און דער זעלבער שפור.
מיט יעדער גארונג נאך באהעפטונג, וואס קיין שווערד
זי איבערשניידן קאן ניט, ווי זי קאן ניט שניידן ערד

אזא מין רעיון

און פלוצעם מיך באפאלט אזא מין רעיון:
ווי מ'טוט א וויש אמאל
דעם שוויים פון איינגענעם געזיכט
מיט בייזער, ווילדער דלאָניע, —
איך וואלט פון אים אראָפגעווישט
דאָס גאנצע ביסל ליכט,
מיין גאנצן לעבנס-גייסט,
און, ווי דעם רויך פון א ציגאר,
וואָס פארן פנים קרייזט,
צעוויים און אים פון זיך אוועקגעבלאָזן.

נאָר תיכף קומט א צווייטער רעיון:
עס וועט א הירזשע טאָן א פערד,
וואָס פרייט זיך מיט דער ערד,
אויף וועלכער — מעשה לאָשעק — ער,
אן אויסגעשפאנטער, קייקלט זיך,
און ס'וועט זיך אומקערן צו מיין געזיכט
דאָס גאנצע ביסל ליכט,
מיין גאנצער לעבנס-גייסט —
אזא נייער,
אזא פרישער,
אזא פרייער,
גלייך מיטן זעלבן האָבער, ווי דאָס פערד,
ער האָט זיך אויך געשפייזט.

נ י ט ל א ך

דאָס אידעאַלע איז אין רעאַלן.
גועטע.

ניט לאַך, לאַך ניט אויס דאָס באַנאַלע.
די פֿרעג פֿריער: וועמען פֿון אַלע
הויפּט־כּוחות, וואָס קנעטן דאָס לעבן,
אַ העכערע מאַכט איז געגעבן?

ניט לאַך, לאַך ניט אויס, וואָס אַלטעגלעך
עס איז און וואָס שטאַמט, מעגלעך
פֿון יענעם אוממיטלבאַר־גרויסן,
ווי זון, וואָס איז, דאַכט, גאָרניט אויסן;

פֿון יענעם געוויינלעכן גרויען,
וואָס וואַרט גאָר, זאָלסט אים זיך פֿאַרטרויען,
און אָפֿט דיך באַצווינגט, ניט זיך איבער
אָן ווילן אָן דייגעס. דעריבער:

אַ מענטשן, ווען ס'רעדן אים אָן די גערעכטן
אַ סוף צו די טעג זיינע מאַכן —
וועט רעטן, קאָן זיין, אַ שאַרמאַנקע,
און ניט אַ קאַנטאַטע פֿון באַכן;

וועט רעטן אַ שטים פֿון אַ גאָרן,
אפֿילו אַ קללה אַ גראָבע —
יאָ, צייכנס פֿון לעבן, וואָס האָבן
אין זיך גראָד דעם שטאָך פֿון אַ דאָרן...

ניט לאַך, לאַך ניט אויס דאָס באַנאַלע.
די פֿרעג פֿריער: וועמען פֿון אַלע
הויפּט־כּוחות, וואָס קנעטן דאָס לעבן,
אַ גרעסערע מאַכט איז געגעבן?

דאָס פּאַטאַלע

איזהו גבור הכובש את יצרו
(משלי־שלמה).

דאָס פּאַטאַלע, דאָס פּאַטאַלע —
דאָס פּארע־טפּערט נאָך ניט אַלע
טאָטן אונדזערע אין לעבן.

גיכער אים — דעם „איך" דאַרט אין די בלאָטן —
סיי דעם בייזן, סיי דעם גוטן,
איז די גאַנצע דעה דאָך געגעבן.

ער — דעספּאָט, ער וויל איבער
אונדז זיין הערשער בלינדער.
לירן — ער צעקריגט מיט זיינע קינדער.
איובן — אַלץ ער מיט גאָט בעט איבער.
צווימען אים איז פעיק בלויז דער גבור.

דאָס פּאַטאַלע? גורל?
כ'קאָן עס שעלטן, כ'קאָן עס בענטשן,
אָבער זע, דעם גאַנצן מענטשן
אין די גורלדיקע פעדעם־שטעפּ —
איז דאָס זעלבע, ווי אַ קעמל נעם און שלעפּ
דורך אַ נאָדל־אויערל...

דער מענטש

כי יצר לב האָדם רע מנעוריו
(פּרקי־אָבות)

דער מענטש איז שלעכט פון זיין געבורט.
איז וויפל כ'האָב זיך ניט געגורט —
צי קען איך דען אַן אויסנאַם זיין?

דער מענטש איז שלעכט פון זיין נאטור,
נאָר ווען איך קוק אויף מיינע שפור —
אויך טריט פון שאָף זיי קענען זיין.

דער מענטש איז שלעכט פון זיין באשאף.
אזוי מסתם איז וויל דער אף —
דער אלטער אף. אין מענטש ער זיצט
און מיט די אורוואלד־אויגן בליצט...

פון וואן זשע אין זיין הארץ אויך הימל־שיין?

מיין גייסט

מיין גייסט,
דו ביסט דאָך אויך מיין שטויב,
מיין מענטשיש פלייש און בלוט,
וואָס כ׳צווייפל, צי אויף אים
איז חל מיט פולער שטים
צו זאָגן „גוט“,

ווי אויפן פרומען אָקס, אשטייגער,
צי אויף דער ריינער טערטלטויב.

מיין גייסט,
א הונגעריקן,
אויף דיינע שטארקע פיס
איך זע דיך לויפן נאָך נאָך רויב,
ווי כ׳האָב פארנאכט געזען א וואָלף אמאָל
זיך טראָגן איבער ברייטן ווינטער־טאָל.

פריי וואָרפנדיק זיין שאָטן מער און מער אַלץ גרויערן,
אין בייזן ווייסטן לאָקערן און לויערן,
געווען איז ער אויך גרייט פּאַרצוקן שטיינער...
דער סטעפּ ביז האָריזאָנט א ווייסער, הייליק־ריינער,
געקוקט האָט אויפן מאָגער־שלאַנקען וואָלף פון ברעג ביז ברעג,
און טויט־שרעק האָט געפלאַטערט אויף זיין קלאָרער דעק.

מיין גייסט,
איז ווי זאָל איך — אין מיינע אַקסלען אַזוי שמאָל —
ניט שרעקן זיך פאַר דיר,
ווען כ׳שפּיר דיין פיבערדיקן גיר?!..

דו

דו, געדאַנק, פון ווייסן פייער ריינער,
וואָס צו מיר איך הער דיך שטענדיק רייזן,
אָבער קיינמאָל ניט, ווי מיט א גלייכן,
עלעהיי אונדז טיילן און צעשיידן
הויכע בערג און ברייטע טייכן.

דו, דער פלאַם פון גייסט אין מיינע ביינער —
איך מיט דיר בין צוויי, צי — איינער?..

איך זוך ניט

איך זוך ניט דעם געדאַנק,
וואָס זאָל
מיט הערנער צירן זיך,
מיט הערנער אויף צו שטויסן

און פארוואונדן קראנק,
ווי שטעכן שיך
איז תמיד גרייט די שוסטער — אָל.

איך זוך ניט דעם געראנק,
וואָס העכער זאָל ער זיין פון מיר,
נאָר ווען כ׳דערבליק אים —
איז גרויס מיין דאנק,
ווי צו דער סאָסנע פאר מיין טיר...

פון נשמה די מיראזשן

פון נשמה די מיראזשן,
פון באוווסטזיין די עטאזשן —
כ׳וויל שוין מער ניט אויף מיין נאקן טראָגן!

כ׳וועל דעם הימל סיי ווי ניט דעריאָגן,
אים ניט גרייכן מיט מיין בבל־טורעם,
וואָס מיט פליים איך פורעם
טאָג נאָך טאָג — צו זיך אליין פארקנעכט.

ווארט איך אין די געכט
אויפן בייזן ווינט, וואָס מעכטיק ברעכט
פון נשמה די מיראזשן,
פון באוווסטזיין די עטאזשן,
שטיין נאָך שטיין און זיי צעוואקלט, רייסט,
און באפרייט פון זיין געפענקעניש מיין גייסט.

שולד־באוווסטזיין

שולד־באוווסטזיין איז פיל מער פון ווידוי,
מער פון טרייסלען דאָס געוויסן,
ווי א רעקל־קעשענע, להבדיל,
אָפּט דערצו נאָך לעבעדיק־צעריסן.

ניט צעפּינקלען זיך אין שיינע טרערן —
שולד־באוווסטזיין אינעם בלוט דאַרף ריזלען,
אין די צעלן פונעם מוח זיך שפּיזלען,
זיך אין קלאַפּן פונעם דופק לאָזן הערן.

שולד־באוווסטזיין אינעם וואסער־טרונק,
אין ביסן
ברויט, וואָס מיר זיך וואַרגנדיק, פאַרשלינגען, —
איז פיל מער פון טרייסלען דאָס געוויסן,
און דערביי אים הויכע שירה זינגען.

דער ווונדער דער בלויער

עס איז ניט קיין הייליקער מוז דאָס געמיט פאַרבן גרויער,
ווען ס'האָט אין א ראָב זיך פאַרוואַנדלט דער פויגל דער בלויער —
אזוי היינט דאָס שטורמישע האַרץ קלאַפּט מיר אויס זיינע רייד.

עס איז ניט קיין העלדישער מוז מיט דער גראָבער פויסט
האַקן אין יעטווידן טויער,
און וויסן פון יעדווידן חלום דעם גאַנצן באשייד —
פון חלום, וואָס נאָך מיט די בילדער באצווינגט ער,
און ניט מיט זיין פּתרון — איז אויך ניט קיין מוז אומבאַדינגטער.

נאָך אלע מלאָכים-געראַנגלען און קלעפּ אין דער דיך —
דער טרוימער אליץ שענער נאָך הינקט ער...
מע דאַרף נאָר דעם אָפּפּלוס פון קראַפּט זיין ממלא אין זיך.
אָט דאָס איז דער וווּנדער דער בלויער!

עס איז ניט קיין הייליקער מוז דאָס געמיט פאַרבן גרויער.

דעם נביא יונהס רייד קעגן גאָט

ארטור קאָלניקף

אומזיסט האָסטו מיך אויסדערוויילט, גאָט אלמעכטיקער,
אומזיסט איז דיין פינגער געפאלן אויף מיר.
אומזיסט מיך, דיין קנעכט, רופט דיין שטים, אלגערעכטיקער,
אומזיסט ברעכט אין צאָרן דיין שטורעם מיין טיר.

א לעבן לאַנג האָב איך געדינט דיר מיט שווייגן.
אין ווערטער אין בונטע געהערט כ׳האָב גרויסהאַלטונג פון גייסט;
א לעבן לאַנג האָב איך באַהאַלטן זיך אונטער די צווייגן
פון נדר פון מיין, וואָס, ווי שפּינוועבס, דו איצטער צעררייסט.

אָ, פאָטער, דערלויב מיר מיין שבועה ניט ברעכן.
א דאָפּלטער יום-טוב מיין שווייגן זאָל זיין!
מיין צונג, ווי א בלאַט, זאָל פאַרוועלקן. פאַרשוועכן
איך וויל ניט די לויטערע, קוואַליקע שיין

פון ליבע צו דיר, וואָס מיט שווייגן בלויז גרויסן —
צו רעדן אין נאָמען אין דיין זי איז אויסן.

דער גרויסער שׂכר

„דעם שטיין פונעם ברונעם אראָפּ וואַרף!“ —
צי יעדער דען, יעדער פון אונדז,
דעם רוף אָט דעם ליכטיקן הערט?
דער ערשטער געהערט האָט אים יעקב
אויף פדן־אַרמישער ערד.

שוין רייף פאַר דעם שווערסטן גערֿאַנגל
געווען איז ער שטאַרק און אויך שיין,
אין זיינע הענט גבֿורה און גוטסקייט
דערפֿילט האָט פון ברונעם דער שטיין,

און האָט זיך אים אונטערגעגעבן —
זיין גוטסקייט נאָך מער, ווי זיין קראַפט,
און גרינג זיך אַרונטערגעקייקלט,
און ליגן געבליבן פאַרגאַפט...

„דעם שטיין פונעם ברונעם אראָפּ וואַרף!“ —
צי יעדער דען, יעדער פון אונדז,
דעם רוף אָט דעם ליכטיקן הערט?
דער ערשטער געהערט האָט אים יעקב
אויף פדן־אַרמישער ערד.

ב ר י ק ן

ס'וואַרפט דער מענטש שוין צו דעם הימלס־וועלטן
זיינע בינדונגס־בריקן.
אָבער מיך צומאָל עס שרעקן נאָך די גאַסן
ערדישע און ליקן.

דאָך געבענטשט זײַן זאָלן אָט די קלוגע הענט, וואָס שטריקן
איבער אונדזער ניט פֿאַרשטײן אַלץ נײַע בריקן!

דאָס ערשטע בילד

דאָס ערשטע בילד
פֿון דער לבנהס צווייטער זייט...

איך קוק אויף דעם מבולבל, ווילד, —
אין האַרץ דער זעלבער אינדיאַנער שרייט,
וואָס האָט דערזען דער ערשטער די קאָלומבוס-שיף.

און פּלוצעם גרויסע שטילקייט אין מײַן טיף.
נאָר ס׳קוקט מײַן בליק אַלץ הויך און ווײַט.
וווהין? צו דער גשמהס צווייטער זייט,
וואָס בלײַבט פֿאַר אונדז נאָך אומבאַקאַנט.

זי טאָן אַ דריי צו אונדז באַנאַנד
מיט אַנדערע פּלאַנעטן — ווען קומען וועט די צייט?...

לא תשׂאָ שם אלוהיך לשוא

כ׳האָב קיינמאָל ניט ביז היינט געהערט אַזויפֿיל
דעם נאָמען „גאָט“ דערמאָנען,
און אים פֿאַסמאַקעווען אַזוי,
ווי ווען מען זיפּט אויף אַ קאַפּע-טעראַסע
די משקה די באַליבטע דורך אַ שטרוי;

כ'האָב קיינמאָל געהערט אזוי
ניט יירישלער דערמאָנען
דעם אלטן, שטרענגן מדבר־גאָט,
וואָס האָט דורך משהן אונדז געגעבן זיינע צען געבאָט —
אין ליבע זיך צו אים דערקלערן מעשה מאנצביל צו א פרוי,
ווי היינט זיך נוהג זענען מיינע ברידער יידישע פּאָעטן,
וואָס זיי מיט דעם פון אונטערגאנג זיך רעטן,
פון יאוש־פּאָסט, פון פעלקער־מאָרד, פון ראסן־ראק,
און פון דער שארף־אנטבלויזטער אטאָם־האק,
וואָס דראָט די גאָרע וועלט פארוויסטן.

אייניורנדיק דאָס פנים אין דער שכינהס בריסטן,
פארגעסן זיי, די זעלביקע גאָטיסטן,
אז זיינען עובר אויף דעם שווערסטן לאוו:
„לא תשׂא שם אלהיך לשוא!“...

א י י כ מ א נ ס   א ש

מען האָט אים אויפגעהאָנגען און פארברענט, דעם אש
איבערן ים צעשאָטן.
עס האָט דער פרידלעך־בלויער ים ביז צום האָריזאָנט
וואלקאניש זיך צעזאָטן.

אויב טויב איר זייט ניט, הערט, ווי ס'קאָכט און זידט דער ים התיכון.
ער שליידערט זיך, גלייך פייער־כנים וואָלטן אויף זיין רוקן קריכן,
און ווארפט זיך, שפּייט און ברעכט, אים קערט די גאל די גרינע —
ער וויל ניט זיין פאר אים קיין קאטאפאלק, קיין ברייט־געשפּרייטע בינע.

ארויסגעוואשן האָט דער ים דאָס טמא קרעציק אש פון אויבער - תלין,
און שטורמיש ער דאָס וואסער בייט אין אימפּעטפולן כוואַליען.

אויף שוועל פון מײַן באַלאַדע

דזשעק רובי, דער מערדער פון ל.
אָסוואַלד. איז פּלוצעם געשטאָרבן
אין תּפיסה-שפּיטאָל.
(פון די צײַטונגען.)

דער פּראָמינקער דזשעק רובי האָט זײַן לעצטן אָטעם אויסגעהויכט —
פאַרהאַוועטע די צײַטונגען זיך אײַלן דאָס דער וועלט דערציילן.
געוויס, לי אָסוואַלד אים מיט בלומען און מיט ליכט באַגעגנט
אין דער הויך
און באַלד מיט אים פאַרשוווּנדט דאָרט אין די סודותדיקע היילן...

איז וואָכזשע גייט מיך אָן דער מיאוסער פויגל, דער? —
איר פרעגט און וווּנדערט אײַך אַוודאי.
כ'בין זיך מודה; מיט זײַן גאַנצן גאַנגסטער-גוף האָט ער
זיך אויסגעשטרעקט אויף שוועל פון מײַן באַלאַדע.

קאָן זײַן, ווײַל כ'האָב געזען די טמאים פון זײַן מין.
באַזונדערס איינעם — אַ בּאַראָן מיט סטעק און פּיינע האַנטשו.
ער ברענגען פלעגט זײַן „סחורה" אויך פון בודאַ און פון ווין,
נאָר בענטשן ליכט האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט זײַן באַנטשע.

„ז"אַן איידל קינד" - ער זאָגן, רימען פלעגט זײַן ווײַבעלע פון בראָד —
אַ ליאַלקע אין די טייערסטע געוואַנטן —
די גאַנצע דעה, מ'האָט געשמועסט, זי בײַ אים געהאַט,
און ער האָט זי באַהאַנגען מיט בריליאַנטן.

אין זומער-געכט מיט איר צו פאָרן ליב געהאַט אין זײַן מאַשין
צום גאָרטן-רעסטאָראַן מיט יידישע מאכלים.
אַרום זײַן טיש געשטאַנען איז דער רוישיקסטער באַדין,
נאָר מ'האָט דערבײַ געוווּנטשן אויך אַ מלא אים...

נו, יאָ, געווים האָט דזשעקן אין זיין פרייען גאָלדן לאַנד
פיל מער נאָך אָפּגעגליקט, ווייל אלע היינט שוין ווייסן,
מ׳האָט ניט געקענט באגיין זיך אָן זיין טריפהנער האנט
ביים מאָרד פון פרעזידענט — דעם מאָרד פּאָליטיש־הייסן.

אין וואָס זשע גייט מיך אָן דער מיאוסער פויגל, דער?
איר וונדערט אייך און פרעגט אוודאי.
פון כל המינים טמאים די פארקערפּערונג — האָט ער
זיך וויא פגר אויסגעשטרעקט אויף שוועל פון מיין באַלאדע.

מוט

כ׳בין שוין קיינעם ניט מקנא —
אויסער קינדער.
ווען דאָס שפּילצייג זיי צעברעכן,
ווי אין אלץ, אין אלץ, וואָס טוען, —
זעסטו אויך אויף זיי די שכינה רוען.

זיך אליין אזוי צעברעכן אויך אָן מורא
און פון סגיי זיך אויפצובויען נאָכדעם —
ניט אין דעם, דער עיקר תוך דען?
ניט אין דעם — די גאנצע
לעבנס־ און אויך שאפונגס־תורה?

פילאָסאָפישע רו

פילאָסאָפישע רו? — יאָ!
אויסצורוען זיך פון קליינלער־זלידנע
עגמת נפשן, ווי אויך פון קליינלער האוון.

אָבער נאָר אזויפיל וויפל אין א האפן,
וואָס מיט אים מע דארף זיך שיידן
אויף זיך לאָזן שווימען
צו באגעגענען די גרויסע ליידן
און מיט פרישע כוחות
גיין אנטקעגן נייעם גאפן.

פארוועט

оно—поебинок золевъев
(ב. פאסטערנאק)

צוויי נאכטיגאלן א פארוועט
אין מיר זיך פאַרגעגומען האָבן,
און פון מיין גרינגער יוגנט אָן
זיי אָנגעהויבן האָבן שוין די פראָבן.

געשטעלט האָט איינער גלייך מיט קאָפ אראָפ
די גאָטן אין דעם קאמערטאָן.
געציילט דער צווייטער ערלעך האָט דעם טראָפ,
און סטראָפן, סטראָפן אין גאלאָפ.

ווען איינער טרילערט אויס זיין פרייד,
דער צווייטער זיך אין פיין פארגייט.
ווען איינער זינגט פון גאנץ קאיאָר,
דער אנדערער — זיין נאכט — ליד נאָר.

אזוי באטאָג, ביינאכט אויך שפעט —
ביי זיי עס ציט זיך דער פארוועט,
און וויל עס פעלט מיר צוקער אלץ —
זיי עסן אויך א גרייפל זאלץ.

און ווי פון שפּיל־קאַסטן דער מאַן
מיט זיין קאַנאַריק מעסט די וועלט,
סיי קושט אים, בענטשט אים, סיי פאַרשעלט, —
אויך מיר מיט זיי צו זיין געפעלט.

מיט זיי צופוס איך גיי און כ'פאָר מיט באַן
רומעניע, דייטשלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, רוסלאַנד, בוכאַרא און רייסן,
און דאָס וועט דויערן מסתּם
ביז ס'וועלן זיך ביי זיי די העלדזועלער צערייסן.

פונעם בוך
„פאָלק"

אנשטאט א הקדמה

ווי לעבט מען דאָס פּילזייטיקע לעבן אוים און תמיד קלאָר מען ווייסט, ווען בלייבט מען אין דער פּאָטער-שוים פון פאָלק און ווען מע פאַלט פון איר ארוים, הגם די סבה איז ניט אָפּטריניקייט אָדער לייכטזין בלויז? ווען ביגדן זיך אפילו אונדזערע דערהויבנסטע געפילן און די שענסטע טאטן מיט העכערער — דער אייביקער פּערזאָן פון פאָלק — דעם גרויסטן טאטן? צי זענען זיי דען פארן המשך פון זיין גייסט אויך שטענדיק וויכטיק? צי אפשר אַלץ וואָס ליכטיק איז אין אונדז — איך אויף דער לייוונט פונעם פאָלק וועט שפּילן?..

איך האָב ניט געפירט אויף מיין וואָגן

איך האָב ניט געפירט אויף מיין וואָגן
די פעטערס, די מומעס, די שכנים,
פון ברידער פון מיינע — אויך קיינעם.
זיי — כ'דארף ערשט באזעצן איינעם.
איז אפשר דערפאר וועט איר זאָגן,
אז כ'שטאם ניט פון יידן פון שיינע?

אז ווייט כ'בין פון יידישן שטייגער?
פון יידישן נוסח? נו טאקע —
איך טראָג ניט די קיט פונעם זייגער
פון אויבן, ווי ס'טוט עס דער תקיף.

אוועק אין דער וועלט כ'בין הויל-נאקעט
פון היימישן שטעטלשן שטייגל.
א פעקל אין האנט איז קיין פאק ניט,
קיין שטעקן — א וויינשל-בוים-צווייגל.

קאָן זיין, אז דעריבער — געפאנגען
פון שטאָטס בונטע מארקן און גאסן,
מיט באָרוועסע קינדער מיט בלאסע
איך בין, ווי מיט ברידער, געגאנגען.

נאָר ווען כ'האָב, ווי זיי, בלינד געוואנדערט
אין טשאד פון די נעכט — תאוות-פולע —
פון שייטער צו שייטער געשלאנדערט,
דערזען כ'האָב די זאטקייט די דולע, —

א נאָך ניט באשטראָפטע, געקעסטע, —
און איבער מיין טאטן און מאמען
און דורות נאָך דורות פארשוועבטע,
א שטים איך דערהערט האָב אין פלאמען

פון צאָרן געדעכטן און שווערן —
די שטים פונעם פאסטעך פון תקוע [1],
וואָס קומט פון די אורצייטן בלויע,
און פאלט אויף דער ערד, ווי א שטערן.

און מיר האָט געדאכט: זיינע רינדער
בין איך — איך און אלע די קינדער.
וואָס סטייענווייז טויט-מידע וואנדלען;
מיט זיי — אויך די מענטשן, וואָס האנדלען

מיט מומים און קומען פון רינשטאָק
אהער. וו עס האָניקט דער בינשטאָק;
די זקנים, וואָס בעטלען אויף ראָגן,
די פרויען, וואָס גאנצע נעכט שלאָגן

---

[1] געמיינט דעם נביא עמוס.

מיט זייערע הויכע קאַבלוקן
דעם אייגענעם שאָטן אין רוקן,
און גלייך, ווי די מילדקייט נאָך שטורעם,
אויף קעלניע דער אלטיטשקער פורמאַן

מיט שיין פון לבנה באַהעלטער,
באַפודערט מיט לאָמפּן־ליכט שטאַרקן.
צי אפשר אלס פּורמאַן פאַרשטעלטער —
דאָ וואַכט גאָר דער גביא אויף מאַרקן?..

פאַרטאָג צו, ווען אונטערן הימל
דעם קילבלעכן, זומערדיק־ליבן,
געפּרוווט ער האָט כאַפּן אַ דרימל —
צו אים אין פאַעטאָן זיך פאַרקליבן

עס האָבן די נאַכט־גאַסן־קינדער,
און איך אויך נאָך זיי מיט מיין פּעקל
און ווינשל־בוים צווייגעלע־שטעקל —
דאָס אלץ, וואָס כ׳פאַרמאָג ביז אַצינדער...

איך האָב ניט געפּירט אויף מיין וואָגן
די פּעטערס, די מומעס, די שכנים,
פון ברידער פון מיינע — אויך קיינעם.
זיי — כ׳דאַרף ערשט באַזעצן אַ־ניינעם.
איז אפשר דערפאַר ווער איר זאָגן,
אַז כ׳שטאַם ניט פון יידן פון שיינע?...

א יעדער מענטשן־קינד

א יעדער מענטשן-קינד
זיין הענטל האלט אין האנט פון פאָטער.
דערנאָך אין ברייטער דלאָניע פונעם פאָלק
ער לייגט אריין זיין האנט זיין גרויסע.

און שטאַרבט ער — פאַלט ער אין די שויסן
פון זייַנע אָבות... נאָר ווי האַרב
עס לעבט און שטאַרבט
אַ מענטש, ביי וועמען ס'איז זיין פאָלק אַ־יִף מעל
פון רוחניות צעמאָלן און צעשטויסן!...

ס׳איז גרינגער

ס'איז גרינגער צו זיין מיטן פאָלק, מיט דער מענטשהייט,
ווי לעבן מיט זיך גאָר — דעם איינצלנעם מענטש,
און איידער פאַרמשפּטן — זאָגן: איך בענטש!
די קללה פון שלעכטס, וואָס באַהעפט איז צום יחיד,
אין פאָלק, אין דער מענטשהייט, —
זי ענדערט איר שטאַף און ווערט: ברכה.

רבונו יונה

ארטור קאַלניקן

אין אַ'נגעווייד פון גרויסן פיש דער נביא יונה
געלעגן איז, ווען אויסבאַהאַלטן זיך ער האָט
פאַר גאָט.
און מיר, —
(מיט צונג צעהאַקטער, ווי סע ווערט צומאָל
אַ ניט געטראָגן קלייד,
(הגם כ'בין גרייט געווען צו פאָלגן גראָד גאָטס רייד), —
דער אייגענער „איך"

מיט זיינע גרעסערע און קלענערע השגות
(כ'בין זיך מודה, אָפן כ'זאָג עס)
פארשלינגט אלץ מער און מער אין זיך...

רבונו יונה,
האָסט א סך אזוינע?

פארוואָס?

אוי, פארוואָס בין איך ניט
אויף דער דעק פון פאָלק געבליבן,
ניט געאַרבעט מיט דער זעג, צי מיט דער שער,
און אנשטאָט צו טרייבן אָקסן, פערד —
לידער כ'האָב געשריבן?

ווער געגעבן
מיר האָט רעכט דאָס פאָלק צו לערנען
שטאָט צו קוקן אין זיין הארץ, וו שטערן
שטערנען,
און עס טליעט אש און דערנער דערנען?

ווער געגעבן האָט מיר אויך דאָס רעכט דאָס
פאָלק צו לויבן
שטאָט צו זיין בלויז שטויב פון זיינע
שטויבן?...

אוי, פארוואָס בין איך ניט אויף דער דעק
פון פאָלק געבליבן?

לויט דיין געשטאלט

באשאפן מיך לויט דיין געשטאלט —
אויך איך, מיין פאָלק, דיין יש דרוק אויס,
ווי יעדער בוים — סיי קליין, סיי גרויס —
שטעלט פאָר מיט זיך דעם גאַנצן וואלד.

וואָס טוט מען אָבער, ווען א האַק
ארום א בוים האָט ווילד געוויסטעוועט?
צי דען דער בוים א טרויער-זאַק
זיך אָנטאָן אויפן קאָפ ער וועט?

און ווען ער אויסן וואלד בלייבט שטיין,
ווען נאָר זיין עלנט איז געדיכט, —
צי קאָן א בוים צעזעגן זיך אליין
אויף ברעטער פאר א מטה זיך?!

ווי שווער

ווי שווער צו זיין מחוץ דעם פאָלק,
און פאָלק צו רעכענען זיך דאָך,
הגם איִבּ ריידן מיט א טאָלק —
וואָס אויסער פאָלק איך בין דען נאָך?

אין פאָלק פארזייט איז דאָך מיין שיין,
מיין דעמער, מיין ניט זיין און זיין,
פארגרייט דער באָדן פאר מיין אָרט,
פאר ערשטן און מיין לעצטן וואָרט.

ווען כ׳טראַכט אפילו ניט צום פאָלק,
די אייגענע באַגערן כ׳פאָלג, —
זיין כוואַליע טראָגט מיך אויף זיין שליאַך,
אַזוי ווי ס׳טראָגט דעם פיש דער טייך.

א פאָרעם אין זיין שטאַרק געוועב —
אין זכות אין זיין איך לעב!

לויט דאַרווינען און משהן

לויט דאַרווינען בין איך דערגאַנגען פון אַן אַף ביז מענטש.
לויט משהן — פון אַ קנעכט ביז ייִד,
אַזוי, אַז אין סך הכל בין איך מיט באַוווסטזיין און געמיט:
אי מענטש, אי ייִד.
פאַנאַנדער טיילן זיי — איז תמיד גאָר:
אַ שפּאַלטן אויף צוויי העלפט אַ לעבעדיקע האָר.

נאָר ס׳טרעפט, איך ווער פון ביידע מיד,
און, ווי דער בושל אויפן פאַן פון אָוונט בלאָען
אין זיינע וואַרטנדיקע גליווער-שעהן, —
אויף בלויז איין פוס איך שטיי,
דעם צווייטן אונטער פליגל האַלטנדיק —
דעם צווייטן, וועלכן עס טוט מער וויי...

דער חדר אָרעמער

מאיר ריספלערן

דער חדר אָרעמער פאַרקרובהט האָט מיך מיטן לשון קודש,
וואָס האָט אויף מיר געלויכטן מיט דער שיין פון שבת שטערנגען,
נאָר מאַמע-לשון איז געווען די פּראָסטע וואָר, די אַלע טעג אין חודש,
ווען מ׳האָט געמעגט אויך אויף אַ פּאָרנדיקן וואָגן זיך נאָכהענגען.

די שפּראַך די הייליקע דערמאָנט האָט מיר מיין תמיד מיט אין זיך פאַרקלערטן טאַטן,
און יידיש — אין דער מילדער, פּשוטער און צוגעלאָזטער מאַמען;
אין שאַלקהאַפט־קלוגן שניידערוק, וואָס וויצלט שפּיציק אויס אַ לאַטע,
אין פלאַמיק ליד פון זיין געזעל, וואָס טרעפט מיט אים אין האַרץ אין סאַמע,

אין וויכער פונעם מאַרק — דער בונטער זשאַר אין אויוון בשעת גליען —
אין בעל־עגלהשע גלייכווערטלער, וואָס, ווי קראַפּיווע, הייס בריען,
אין פּער־און שוועבל־קללות — אַזוי אַ האָגל מיט אַ רעגן
שטורמיש נידערט, צווינגט די זאַנגען אויף דער ערד זיך לייגן;

אין שעלטעניש ביטערע, וואָס זעצן אויס פון האַרץ די שויבן,
און ברכות, תפלות באַרעמהאַרציקע, ווי גרויע, שטילע טויבן,
אין טריף פון טונקלע זאָגעכצער למדנישע, אין שיחות־חולין קלאָרע,
אין מעשׂות הייליקע, וואָס שפּינען זיך פון ווערטער ערדיש־וואָרע.

אין עברי טייטש — דער דיכטערישער שטראָם, וואָס האָט ביים ברעג פון אונדזער שפּראַך געפלאָסן,
און אונדזער קינדהייט האָט אין אים אַ־טציקונגס־טרערן לויטערע געלאָזן.
אין ווייבערישע שפּעדיקע פּריזבע־רייד, וואָס האָבן ווי פאַרשפּראַכן
אַ לעבן לענגער פון אַ זומער־טאָג, וואָס ווען פון נאַכט ניט זיין געבראָכן.

גאָר וואָס־זשע איז געשען, אָ גאָט? און וואָס פאַר אַ קאַטאָוועס!
אַ שפּראַך אַלטעגלעכע געוואָרן איז די אַלטע שפּראַך פון אָבות,
און מאַמע־לשון, וואָס מע רעדט אין אַלע טעג אין חודש,
געוואָרן איז די שפּראַך פון קדושים — געוואָרן לשון קודש...

צי האָב איך דען?

צי האָב איך דען די מענטשהייט־אידעאַלן אויפגעגעבן,
ווען כ'קלאַמער זיך אַזוי אין פאָלק מיט לעצטער קראַפט?
ניין! פאָלק און מענטשהייט פאַר מיין גאַנצן לאַנגען לעבן
געשפּייזט אין מיר זיך האָבן
און אויך היינט זיך נערן פון דער זעלבער זאַפט.

ס'איז ביטער נאָר מיר געוואָרן נאָר צו הערן,
ווי די פיינט, גוטע מענטשהייט שערט
דעם שאָטן פון מיין פאָלק פון הינטער מיר אויף ערד,
און תמיד זען די שער פאַר מיינע אויגן שוועבן...

איז ווער האָט דען די מענטשהייט־אידעאַלן אויפגעגעבן?

דער זילבערנער האָרן

דער זילבערנער האָרן — דער אומהם זכרון —
זיין שאַלן איך הער אויך אין היינטיקן רעגן.
כ'דערמאָן זיך די טריט אין דער מדבר פון פּראָן —
פון פערציק יאָר וואָגלען און זוכן זיך וועגן.

דער רעגן — ער גייט, און איך הער אַליין
דעם ריטעם דעם באַנגען
פון הייליקן וואַנדער דעם לאַנגען:
אַריבער דעם ים־סוף,
געקומען קיין רעמסס,
פון איתם קיין מרה, קיין סין, קיין רפידים —
דאָס פאָלק גייט פאָראויס און לאָזט איבער די מידע...

דער זילבערנער האָרן — דער אומהס זכרון —
דאָס בת־קול פון אַלץ, וואָס דאָס פאָלק האָט געבאָרן,
דער אָנדענק פון דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט פארלאָרן.

דער זילבערנער האָרן — דער אומהס זכרון —
ער העלט אוים דעם נעפל — באזוניקט דעם רעגן
און ס׳גייט אויף א פארביקער בויגן אקעגן.

דאָס וואָרט דאָס וויכטיקע

און נאָכאמאָל איך רוף און בעט, דאָס וואָרט דאָס וויכטיקע זאָל ניט פארזאָמען.
איך מאָן עס ביי דער ערד און זוך עס אויפן גרונד פון ימים —
מיין ריינסטן אידלשטיין, וואָס דארף באלויכטן מיר די לעצטע טעג.

ווייל ווי אזוי אָן וואָרט דעם ליכטיקן מע גייט עס פון דער וועלט אוועק,
ווי לאָזן דעמלט די, וואָס כ׳בין מיט זיי געגאנגען און געזעסן,
און ווי געזעגנען זיך מיט דיר, מיין פאָלק, דיין לשון זאָל מיר ניט פארגעסן?

עלעגיעס
איי טאָן מאַזשאָר

עס ריידן:

1. דער איינזאמער

קוקט אייך צו, איך בעט אייך, צו דעם אָפּגעזונדערטן מטורף,
וואָס, ווי דאָס שיפֿל פֿונעם ברעג,
זיך אָפּגעריסן האָט ער פֿון געזעלשאַפֿט,
און אין זיין גרויסער פֿינצטערניש אַזוי־אַ העל שאַפֿט!

ער איז ניט קיינעם און אויך זיך אַליין פֿאַר גאָרניט ערוב —
אַפילו פֿאַרן שאַרפֿן בליץ
פֿון אויפֿגערעגט און צוקנדיק־פֿאַרזשמורעט אייגל.
אַ באָרוועסער — ער טרעט אויף אייז און גלאָז
און דערנער, ווי די פֿייגל.
ער חברט זיך מיט הונגעריקע הינט, מיט קרומע, בלינדע ליקן,
און שלאָפֿט אויף טרעפּ צעוואַלגערטע —
אַליין אַ חרובער, דער חורבה ניט אַ תיקון.

קוקט אייך צו, איך בעט אייך, צו דעם באָרוויסן מטורף,
וואָס קיינמאָל זיין נשמה־פֿלאַקער ניט שפּאָרט,
און בינד ניט קיינעם אָן זיין טייערסט פֿאַרביק וואָרט.
כאָטש אָנגעוואָרן זיך אַליין — ער פֿריי באַוועגט זיך
אויף אַליינענדיקע וועגן און אומוועגן.
אַ טיף־דערשראָקענער — ער גייט אָן שרעק
אויף אַלע זיינע בלויז קאַפּויערדיקע שטעגן,
און אָפּגעשיירט מיט לייב און זעל פֿון ווייב און קינד און פֿריינט —
ער מראגיש זוכט אויף רעכטס און לינקס אַ קרוב.

צום מטורף
אָפּגעזונדערטן, איך בעט אייך, קוקט,
און פֿאַר זיין גוטסקייט — הייליקער און עלנטער — זיך בוקט!

2. דער סקעפּטיקער.

אי גאָט, אי דער אַשמדאַי איבער אונדז הערשן אויף גלייך,
מיט אַלץ, וואָס זיי ביידע פּאַרמאָגן, באַשענקען אונדז רייך.
אין גלייכער מאָס שאָטן, אין גלייכער מאָס ליכט —
דאָס זעט מען אויך תיכף אויף אונדזער געזיכט.
און אויך, ווען מיר קוקן צו זיך טיף אין האַרץ —
האַלב ווייס נאָר מיר זעען, די צווייטע העלפט שוואַרץ,
ווי אונדזערע מעת לעתן פון טאָג און פון נעכט.
זיך פּלאָנטערן שטענדיק אין ווירבל פון גוט און פון שלעכט,
און ס'שטראָפט אונדז דערפאַר אי דער טייוול, אי גאָט —
פאַר יעטווידן אָפּנויג פון זיי, וואָס דערלויבט זיך מען האָט
אויף רייסן די הייליקע נעצן פון סתירות־געפלעכט,
וואָס איז דער יסוד פון דער צווייאיקער מאַכט...

פון סאַמע געבוירן
(דערפאַר מיר האָבן ניט קיינמאָל פאַרלוירן)
פאַרשפּילט איז מיט איר אונדזער שלאַכט!

3. דער ווידערשפּעניקער זקן.

פּונקט ווי דער בוים, וואָס אים די וועלקונג האָט געטראָפן,
איך פיל די עלטער־דאַרונג שוין אין אַלע צעלן פון מיין גוף.
נאָר כ'וויל ניט זיין, ווי יענע קאַץ
וואָס האָרכט זיך איין אין אייגענעם רחמנות־רוף.
איך בין אַ מענטש, אַ פּראָסטער חי וקים, און מיט די אויגן אָפן,
איך קוק און פרעג: פאַרוואָס באַוואָלהט האָט מיך די נאַטור?
זי האָט באַשאַפן מיך צו גיין דאָך אין איר שפּור
געזונט אויף אַלע אבֿרים... וואָס זשע בלאָזט דער ווינט שוין אַזוי קיל
אין מיינע ביינער און פאַרלעשט אין מיר דאָס אייביקייט־געפיל,
מיט וועלכן כ'בין אויף וועלט געקומען פון געבורט?

איך זאָג דעריבער איר אַלמעכטיקייט, אַז איך — אַ מילב
וואָס איז נאָך מינדער אין איר ריזן־ספר פון אַ זילב,
בין מיט מרידה אָנגעגורט,
צעריים מיט איר מיין בונד,

און מיט איר פינצטערן מחבל טויט, וואָס כלומרשט, ווי א טרייער הונט,
פון הינטער מיר און פאָרנט לויפט, צי ליגט ביי מיינע פיס
צעגוויפגעקנורט, —
מיין קאמף וועט זיין פארעקשנט און פארביטערט־הארט
ביז צווינגען כ׳וועל דאָס לעבן זיין צו מיר גאָר צארט.

4. די פרוי אין די מיטעלע יאָרן.

ווען שלאָגן די שעה וועט פון טויט־גזר דעם הארבן,
געשיקט זיך, מיט מיר וועט דאָס לעבן אויך שטארבן?
דאָס לעבן, וואָס האָט מיינע בלוטן געצונדן,
צום ליכטיקן אָנהייב דעם סוף צוגעבונדן,
מיט גאָלדענער רוט מיך פון כאָאָס געטריבן,
באשטאַט מיר אן עובדה — א לעבן לאנג ליבן,
אין ווייען פון קימפעט פארהארטעוועט האָט מיך,
מיין צארטקייט געפורעמט
באגלייך מיט די זעמדלעך אין וויסטעניש־שטורעם
און שטערן־געווירבל — באשטענדיקן חומר —
דער אייביקייטס יוצר, דער אייביקייטס שומר!

ווען שלאָגן די שעה וועט פון טויט־גזר דעם הארבן,
געשיקט זיך, מיט מיר וועט מיין לעבן אויך שטארבן?
מיין מלאָכעשע קינדהייט און טייוולעשע יוגנט,
מיין רייץ און מיין אייפער,
מיין אוראלטע זינדיקייט שווערע און ריינקייט, אזוי ווי
אן הייליקער ספר,
מיין פרוכטיקע מוטערשאפט, ווייבלעכקייט זיסע —
די צייטישע פרוואישע יאָרן
מיט אלץ, וואָס עס איז שוין פאָריבער, נאָר בלייבט אין זכרון
באהאלטן, אזוי ווי די פלאנצן,
וואָס לעבן אויף ימישע גרונטן
אין ליכטיקייט בונטער, אין דעמערונג גרויער,
אין גרין־בלויען גליק פון אקוואַרישן טרויער,
און זענען אין ספעקטרישע פארבן געצונדן.

ווען שלאָגן די שעה וועט פון טויט־גזר דעם הארבן
מיין גלויבן אין אומענדלעך גליק, אינעם זיג פון די פאַרבן
פון לעבנס־בוים איבער דעם צער פון פאַרדאַרבן —
דאָס נאָך ניט דערליבטע — מיט מיר וועט אויך שטאַרבן?
דאָס נאָך ניט דערלעבטע, נאָר שטענדיק באַגערטע,
דאָס נאָך ניט דערטרוימטע, דאָס נאָך ניט דערקלערטע,
דער שווים פונעם המשך, דאָס אייביקע ארבן —
צי קאָן עס דען שטאַרבן?...

5. דאָס צעווייטיקטע יינגל,

געוויסן,
כ׳בין רייף, זאָלסט מיך שטראָפן,
באַרויב מיך פון שלאָפן,
און וואָס כ׳האָב פאַרזייט —
צו שניידן כ׳בין גרייט.

אין אַלץ כ׳וועל דיך פאָלגן.
אפילו א שטיין אויפן האַרץ כ׳וועל זיך אָנטאָן! —
דו דאַרפסט נאָר א מאָן טאָן.
דאָך העלף מיר אַפּריער אויך וויסן
די טיף דיינע גאָרע,
דאָס תוכיקע, וואָרע,
אין דיינע צעבייזערטע רייד.

אַלס קינד נאָך מיין יידישער פאָטער
מיט שניידיקן בליק און נאָך שניידיקער באָרד
וואָס גוט איז, וואָס שלעכט איז —
ער האָט מיך געלערנט,
און ס׳האָבן אין מיר זיך געלאָשן די ליכטיקסטע שטערן.

פון אָט אָ־דעם שרעק־געפיל הארבן,
וואָס איבערגעלאָזט אין געמיט
עס האָט זיינע שניט,
ווי פון די רצועות אויף אָרעם
עס בלייבן די קאַרבן, —

באפריי מיך, געוויסן,
און לערן מיך אויכעט דיין שרעקלאַזיקייט,
נאָר ניט בלויז אַ־די וואָס כסדר איז טריב —
דיין ליכטיקן שליסל פון העכערער פרייהייט מיר גיב!

געוויסן,
כ׳בין רייף, זאָלסט מיך שטראָפן,
בארויב מיך פון שלאָפן,
נאָר העלף מיר אפריער אויך וויסן
די טיף דיינע גאָרע,
דאָס טוביקע, וואָרע,
און דיינע ציין־קריציקע רייד.

6. דער בחירה־דאַרשטנדיקער.

וויפל מאָל אין מיינע נעכט —
עלעהיי א קלויסטער־מויד —
כ׳לייג די הענט צונויף, ווי צו תפלה;
וויפל מאָל — הגם אין פענצטער הימל בלויט
און עס בלאָזן ווינטלעך לינדע, קילע —
כ׳פיל זיך, ווי מע וואָלט פארווונדעט מיך אויף טויט;

וויפל מאָל איך ווארף מיך אויף די קני פאר מיין געוויסן,
כ׳זאָל פון אים מיין אורטייל זיך דערוויסן,
נאָר איך הער דעם זעלבן ענטפער בלויז, וואָס מיך דערשיטערט:
— גיי ביז לעצטן טראָט דיין וועג געצייכנטן און פאָלג זיין רוף,
ווען אפילו דיין נשמה, ווי אין פיבער, ציטערט.
וואָרום נאָר אזוי דעם שווערן פרווו
מיט דיין מאָס דיין אייגענער וועסט מעסטן,
וואָרום נאָר אזוי מיט דיינע אויגן
וועסט דערזען פון גוט און שלעכט די נעסטן;
וואָרום נאָר אזוי דיין גאנצע קראפט באפרייען
וועסט פון אירע יאָכן;
וואָרום נאָר אזוי אנטפלעקן וועסט אין דיר דיין קללה
און דיין ברכה...

7. דער פסיכאָאנאַליטיקער.

דער זעקסטער חוש —
זאָל געזאָגט זײַן װעגן אים אין װאַכער, שפּעטער
שעה פון נאַכט,
װען די שױבן פונעם װעלטאַל זענען, גלײבט מען,
אױפגעמאַכט,
און דיר אַלצדינג קלאָר, פאַרשטענדלעך דאַכט.

אָפּט — כ'בין גרײט אים אונטערגעבן זיך און האָרכן,
(טױב פאַר אַלע פּסולע און חשודע שאָרכן)
זײַן פון הױכע, רײנע שטערן־ספערן קומנדיק געזאַנג;
אָפּט — אַ שרײַ טאָן װילט זיך, װי געביסן פון אַ שלאַנג;
בין איך לױטער־גליקלעך,
װען זײַן בלאַנקער פליגל מיך באַהעלט,
כ'זינק אין מרה שחורה,
װען זײַן שװאַרצער פליגל מיר די זון פאַרשטעלט,
אָדער װי דער מױלװאָרף,
ער צעגראָבט מײַן טיף, צעשטערט מײַן לעבנס־האַפט,
און כימערעס און קאָשמאַרן מיר באַשאַפט...

װײַל איך דעמלט שױן דאָס קאַרגע ליכט פון מײַן פאַרשטאַנד,
װאָס געטרײַ מיר דינט, װי אַ לאַמטערן אין דער האַנט.
און איך זאָג, װי כ'װאָלט באַשװױרן אַלע װײַטן:
אין זײַן שװעבן —
זאָל דער זעקסטער חוש פאַר מיר קײן אַנדער
אָנגעבאָטן לעבן
קײנמאָל װערן — ניט קײן שװאַרצע מאַכט!
מײַנע לױטערע פינף חושים ניט מיט זיך פאַרבײַטן,
װי דעם העלן טאָג אױף תמיד צו פאַרצוקן,
אין איר אױװן אים פאַרוקן —
ניט אימשטאַנד איז אױך נישט
די אַלמעכטיקע מכשפה־נאַכט...

8. דער דיכטער.

האָסטו ווען אמאָל אין עבטן בלי פון זומער,
איינע אין דער מיט פון וועלטס ארום, ארום, ארומער,
שפּעט ביי נאכט דורך פּענצטער ברייט - צעפראלטן,
ווען די שטילקייט איז פיל העכער פון געזאָלדן —
האָסטו ווען דערפילט (דערמאָן זיך גוט!), ווי דיך ארומגענומען
(רויק, ווי די כוואליעס אין א טייך א שטילן קומען)
האָט דאָס פּעטע חשבות מיט דער נאַכטיש-שאַרפער לופט,
און די גראָזן-פייכטקייט פונעם אומגעהוירן גאָרטן - גוף,
און דעם נאכטיגאלס פארגיין זיך אין א טרעל אלץ מער געדיכטערן,
און דער גרילס פארעקשנטן אריינמיש — קנאַקיק — ניכטערן,
און די אַלע קלאַנגען, וואָס זיך הערן און ניט הערן,
מיט דעם ווידער אָנגעפּלייצטן שוייגן שווערן,
און פון אַלעם דעם דיר אומגעריכט עס קומען טרערן,
וואָס דו ניט בכוח ביסט צו פליסן זיי פארווערן,
האָסטו ווען אמאָל דערפילט עס אומגערן צי גערן?..

יאָ? אָט האָרך זיך איין אין טיפן-טיפן ברונעם פון דער סבה,
און דו הערן וועסט דאָס בראשיתדיקע בת-קול:
ליבע... ליבע...

9. דער וואגאבונד.

מיט קויטיקע פלעקן פון פייער די שויבן די צוויי
אין הינטערוואנט בלינדער — כ'פארגייג זיך פאר זיי!

ווי לאנג און ווי נאָענט זיי זענען מיין וואָגלער-נשמה באקאנט.
לאנד-איין און לאנד אויס און שטאָט-איין און שטאָט-
אויס נאָבאנאנד
זיי וואַנדערן מיר נאָך אָן א מראה צעשיינט,
ווי צעשמירט און צעקריצט,
מיט קרענקלעכער געלקייט פון בוידעמער-עלנט צעבליצט.

זאָל זיין, אז אין זיי איז מיין גורל, מיין מידע עקשנות צעגליט?
צי אפשר ס'צעבלוטיקטע אויג פון געוויסן, וואָס היט מיינע טריט,
דערמאָנט מיר פון וואנען איך קום און וווהין איך דארף גיין?

צי, מעגלעך, ס'איז פּשוטער אַלץ, ווי איך מיין?
אַזעלכע צוויי פענצטער פאַראַן אויף דער וועלט גאָר א סך —
זיי זענען די בראַ־דיקע קרעץ פון א יעטווידן כרך.

און דאָך בין איך דאַנקבאַר, וואָס אָפּגעזוכט האָט מיך אויך דאָ
זייער ליכט —
די קוויטיקע שיין, וואָס פאַראָרעמט דעם בלינצל־געאָן
פון דער שטאָטס פאַלש־געזיכט..

10. איוואַן קאַראַמאַזאָוו[1]

אַזוי האָט געזאָגט קאַראַמאַזאָוו:
נאָר דרייסיק יאָר רעכט איז צו לעבן,
און ווייטער — דעם חשבון צי אונטער,
זיי גרייט אַלץ צוריק אָפּצוגעבן.

און ניט בלויז די בראָבן, וואָס זענען
נאָך דרייסיק יאָר אָן — ניט צו מ'ידן,
נאָר אויך פונעם פרילינג די שײַנען,
דעם הימל פון תּכלתדיק זײַדנס;

מיט זאַפט־קלייַ די בלעטעלעך גרינע
אויף בוים אויך די קנאָספּן, די בליטן;
אַפילו פון פייגעלעך־צווישער —
אין האַרצן דעם רייץ פריש־צעצוויטן,

וואָס תּחילת געוועבט איז פון ריינקייט,
גייט איבער אין בענקשאַפט — הויל שטורעם —
נאָך פרויעשער מייוולשער שיינקייט,
אַזוי ווי א מלאך געפורעמט.

גיב פרייוויליק אָפּ, קער אום אַלצדינג,
וואָס שטאַמט פונעם שלאַנג ליסטיק־קלוגן —

[1]) דער עלטסטער ברודער פון „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" פון דאָסטאָיעווסקען

פון יצר רע...פון יצר טוב אויך...
אליין דו צעברעך אלע קרוגן,

און אונטער די פיס טו צעגיסן
דעם ווײַן מיטן סם פונעם בעכער...
אזוי האָט געזאָגט קאראמאזאָוו:
נאָר דרײַסיק יאָר לעבן — ניט העכער!

11. דער גלויביקער.

ווען ס'זאָל זײַן אין מיר אליין געווענדט,
וואָלט מסתּם ניט שווער געווען פאַר מײַנע הענט
פון דער וועלט-נעסט מיך ארויסצוווארפן.
(ווי באַלעבאַטים יוסטרע פלעגן לײַכט דערלויבן זיך
ארויסצושליידערן אן אָרעמאַן א שייגעץ פון דער קלויז...)
אָבער, טראַכטנדיק אין זעלבן נוסח,
ווידער איבערקלערן מוז איך:
אפשר וועט מיך פאַרט
אונדזער שיינע וועלט באַדאַרפן?
ווײַל אפילו אינעם פעלד א מויז
פון איר גאָרקע קריכט ארויס,
קוקט צום באַרג-שפּיץ און צום טאָלן-טיף,
ווי א פעלד-האַר... נעם כאָטש גיב איר א שפּאַקטיוו!

לערנען מיר דערפון דעם פּשט:
אויפן רײַכן לעבנס-בוים איז יעדער בלאַט
אָפּגעציילט און אויף זײַן אָרט.
וואָס זשע אונדז צומאָל עס פאַנגט
אויך דער רעגנבויגנדיקער טויט-געדאַנק?

ניט אוודאי,
ווײַל ער איז א מאדים
אויסצוהעפטן שיינע רייד?
נאָר דער עיקר, ווײַל מיט אונדזער גאַנצן אינגעווייד
פילן מיר און גלייבן טאַקע,
אז עס ניטאָ קיין וואקום —

ס'גליען וועלטן אָן א שיעור,
און פון איין וועלט אין דער צווייטער גייען איבער מיר,
פונעם אייביק־דעמערן צום אייביק־טאָגן...

ערגאָ, ווי עס האָבן ליב די דענקער זאָגן:
ווען מיר גליטשן זיך אראָפּ
פונעם דאך פון אונדזער וועלט — מיר פאלן,
ווי די נארישע נאָר פלינקע קאץ,
צי דער אקראָבאט, וואָס רייסט זיך פונעם קופּאָל אָפּ
און פאלט אויף א מאטראץ...

אָבער אין דער זעלבער צייט אונדז דאכט, אז אפשר פּאָרט
וועט דיוועלט, אין וועלכער מיר היינט לעבן, אונדז
באדארפן
צוליב טעמים, וואָס ניט תמיד משיג זיין מיר
ווייל זיי קומען, פליִיצן פון אן אומדערוואַרטעט־אויפ־
געפּראלטער
בלענדנדיקער לעבנס־טיר.

ס'איז דעריבער ניט קיין סתם מליצה־וואָרט.
ווען ס'זאָל זיין אין מיר אליין געווענדט,
וואָלטן אפשר שווער געווען פאר מיינע הענט
פון דער וועלט־נעסט מיך ארויסצוווארפן,
הערנדיק דערביי די שטאלן־סטרונעס־שפּיל
פון אלע זונגען־הארפן...

מאָנאָלאָגן[1]

[1]) אונטער די רייד פון די מאָנאָלאָגן שטייט ניט דער אווטאָר, נאָר די איך
זיי ארויסגעבראכטע פערסאָנאזשן. י. ש.

די גרענעץ

זיג... מפּלה... זייער גרענעץ —
ווער קאָן תּמיד זען זי קלאָר?
דורך מיין בלוט זי לויפט, זיך שלענגלט,
דורך דעם בלוט אויך פון מיין דור,

וואָס פארלוירן און געוווּנען
טויזנט מאָל האָט דורכאנאנד ער.
זיג, מפּלה — אין דינאמיק,
אין דעם אייביקן פאנאנדער.

טרעפט, אז אין מפּלה טיפער
עס פארוואנדלט זיך נצחון.
ווי אַן איינס פון האלבע ציפער —
וואקסט דער זיג ארויס פון בראָכן.

קעגן זיך דעם ווינט מיר העצן,
ווי דער וויינשטאָק, ווי די גראָזן.
תּמיד נסים מיר דערלאָזן.
נסים, צי ס'איז קאמף-געזעצן?

זיג... מפּלה... זייער גרענעץ
קלאָר איז פאר אַן אויג אָן טרערן,
נאָר פאר מיר — זי האלב אין נעפּל,
האלב אין בלענדעניש פון שטערן...

און ווידער

און ווידער אין הארצן ווערט קאליע דאָס וועטער,
און ס׳נעמט דיך א שרעק דורך פאר איצט און פאר שפּעטער,
וואָס דו האָסט געמיינט, אז זיי זענען שוין דיינע
געלייטערטע, ריינע, אין הארץ פון די שיינען
און ס׳ווייזט זיך ארויס, אז דער וועג צו פאריכטונג
האָט ליב צו פארבלאָנדזן אין וואלד פון פארניכטונג.

און ווידער ווערט קאליע דאָס וועטער אין הארצן,
און ס׳הייבט אָן דאָרט בלאָזן און ס׳הייבט אָן דאָרט שווארצן,
אזוי ווי אין סטעפּ, וו די שדים און רוחות
אויף זייערע אַקסלען די שטארקע און דארע,
ארייַנטראָגן פּלוצעם די שניי-זאווערוכע...

נו, זאָל זי זיך לייגן אויף ערד, ווי א כמארע —
א בלוילעכע-ווייסע, פון איין עק צום צווייטן
פונסנייַ אונטער זיך א גערעטעניש גרייטן!

איך ווייס

איך ווייס, מיין שטום — זי איז נאָך אַלץ נים זי,
און אויך די ווערטער זענען אויך נים די,
וואָס ברענגען זאָל מען זיי צום טיש, ווי נים מיט וויין.
איך ווייס, מיין טאַט איז נאָך נישט יענע טאַט,
וואָס זיין זאָל זי, ווי ברויט, געשמאַק און זאַט,
און כאָטש איך גיי שוין לאַנג ארום אין טאָג-ליכט שיין, —
איך בין איינגאנצן נאָך (צו זאָגן עס איך באָרג מיר מוט)
דערווייל א מענטשן-סילועט מיט שרייענדיקן הייסן בלוט.

מיין תפלה צו א וואָלקן

אַז עלנטע פּרוי מיט איר קאַץ שלאָפט באַשיידן,
און איך פונעם נאכטישן הימל אין פענצטער —
איך קאָן
באַשאַפן א טויזנטער אויגן-דראַקאָן,
וואָס ליגן צופוסנס ביי מיר זאָל אויף דעק,
און טיילן מיט מיר אויך מיין אומרו און שרעק,
ווי יעדע הויז-חיה, וואָס בינדט זיך צו, וויל זיך
ניט שיידן.

נאָר דאָך האָב איך מוט און טו ניט אַזוי,
און הימל בלייבט הימל — א גרוב הוילער בלוי.
דערזע איך א וואָלקן אין וואַנדער און רוף אים,
און בעט,
אַז נידערן זאָל ער אויף מיר און מיין בעט.

פון כלעריליי פלאַנצן זיך אָנטרינקען סם, —
ר'מעג קומען באַלאָדן מיט וואַסער און פלאַם,
מיט זיינע העל-טונקעלע דונער-געברילן,
אַבי פאַר דער ערד מיך פאַרשטעלן, פאַרהילן.

פאַרטאָג, ווען ער דאַרפן זיך אומקערן וועט
צו זיך אין זיין אויבערשטן הימלישן-בעט —
אויך מיך זאָל ער נעמען מיט זיך אויף זיין קאַם
און פליען מיט מיר און מיך וואַרפן אין ים.

שטאָט-עלעגיע

אין אַן אויטאָ כ'פאָר מיט גאַסן און מיט פלעצער נאַכטיש-פלאַמיקע
אין א גלאַנציק-נאַסער אָסיען-נאַכט און כ'זאָג צו זיך בסוד:

ס'האָט מיין בלוט זיין ליד שוין אויסגעזונגען אין דער
שטאָט
אויסגעטרונקען שוין איר ליכט און אויך איר שיין איר
סמיקע.

אויף מיין שויב פארפליט א בלאַץ פון בלעטער-פאל און
לאָזט א קוש א פרומען,
וואָס איז מער פון אלע רעגנבויגגדיקע פארבן פון דער
שטאָט...
אונטער שטארקן רויש פון רעגן, כ'בין שטיל מודה זיך
פאר גאָט:
אין דער ערד צו מיינע עלטערן, איך וויל פארזאמלט
קומען.

נענטער צו דעם ביסטרע טייך און פאַשע-היגלען מיט די
שאָף און רינדער,
ווי א גוטער פאסטער, ווי ביי אלע סטאדעס, איז דאָס
גרעסטע גנאָד.
צו די שעפעלער אהין אריבערשרייט מיין שטום מיט וויפל
קראפט זי האָט
כ'וויל אייך אלע נעמען אויף די הענט, ווי מיינע קינדער!

לויב איך אין מיין הארץ און דריי מאָל כ'בענטש דאָס
וועטער,
וואָס פונסנייַ די פויערישע געזונטע בענקשאפט וועקט
אין מיר
צו דער ווייכער ערד מיט ליאפענדיקן רעגן-גאָס אויף איר,
מיט דער בונטער פליענדיקער שאל פון געלע בלעטער.

אין אן אויטאָ כ'פאָר מיט נאכט-צעפלאמטע גאסן אין א
רעגן
שטורמיש-אַסיענדיקן און איך זאָג צו זיך אליין בסוד:
ס'האָט מיין בלוט זיין ליד שוין אויסגעזונגען צו דער
שטאָט,
זונגען אין אים ווידער תבואה-פעלדער-וועגן.

רופט די גומע תבואה-ערד אויף איר זיך לייגן שלאָפֿן.
דאָרט לאיבוד גייט קיין מינדסטער קערן ניט —
יעדעס קערנדל, וואָס איז געבליבן נאָכן שניט.
וועט מיט מיר אויך טרעפֿן, וואָס מיט זיי ניט איינמאָל
האָט געטראָפֿן

זיך אומקערנדיק צו שיינעס זאנגען-בלי אין זייער מיט...

ווינטער־עלעגיע

1

דער ערשטער שניי האָט אויסגעצירט די בוימער.
מען דאַרף ניט זיין קיין טרוימער,
מ'זאָל מיינען, אַז דער פּאַרק האָט זיך צעבליט.
עס פעלט באמת נאָר פון סאָלאָוויי דאָס ליד.
איז וואָס זשע דאַר באדייט אין הארץ פון קרירה דער
זאווי?
דער „הכל היה" דאָרט בלאָוט ווינטערדיקער פונעם
שניי...

2

א בלאָער פראָסט זיך צייטיקט היינט און צייטיקט.
און אליץ דערקריצט, דערגענטערט און דערווייטיקט.

איך קוק אויף בוים און זע זיך, ווי אין שפּיגל-גלאָז,
וויפל כ'פיל מיט אים צוזאמען אין דער זעלבער מאָס
אַז וויכטיק נאָר עס איז פאר אונדז די קראפט פון
שטאם —
צי ס'וועט פארברענען אים פון רייזן פראָסט דער פלאם?

3

איז בלאָען פראָסט מיט ווייכן פּוך פון גרויע טויבן
איז דאָ פון אָדלער-קראַפט, פאַראן דערהויבונג,
די קלאָרע, שטרענגע צייטיקייט פון גזר-דין הארבן,
געזעץ פון אומפאַרמיידלעכן געבורט און שטאַרבן,
וואָס איז דער הויכער פּאַטאָס פונעם ערדיש לעבן —
עבודה הייליקע פון אייביק שטראָפן און פאַרגעבן.

איך קוק אינעם שפּיגל

איך קוק אינעם שפּיגל און ווער פּלוצעם בלאַס:
כ'וועל שטאַרבן אין בעט, צי איך וועל פאַלן אין גאַס?
מיין גייסט און מיין חומר — ווער פרי'ר פון זיי צוויי
וועט ברעכן דעם הייליקן בונד צווישן זיי?

און ווי דאָס געשען וועט און ווי וועט עס זיין?
די כלי נאָך גאַנץ, נאָר עס פעלט שוין דער וויין?
צי מעגלעך, עס וועט אַלץ פּאַסירן פאַרקערט?
און אַפשר קיין איבערגאַנג ז'מיר נישט באַשערט —
פון באַרג מיט אַמאָל וועט זיך שיטן די ערד?

איך קוק אינעם שפּיגל און ס'בליצט אויף א טרוים:
צום שאַליקן שוידער פון תוהו-ובוהו געווענדט,
צום שוידער, וואָס האָט זיך אויף אַלע כלי-זמר
צעשפּילט, —
כ'וועל אויך גרויליק-יום-טובדיק שטיין, ווי אום ווינטער
דער בוים,
וואָס וואַרפט זיך אַליין אין דעם שניי-שטורעמס הענט,
און זאָל א זאַווערוכע אויך מיך אַזוי טויט-קושן ווילד,
אַריינדרייען אינעם געדריי פון דער ערד אין איר גאַנג!

באַהעפטונג... באַזעפטונג...
אָט דאָס וועט זיין אַפשר מיין לעצטער געדאַנק.

און אפשר?

און אפשר וועט זיין דאָס גראָד פּריִיטיק —
דער טאָג, וואָס דערמאָנט אונדז אין אָנגעברייט פרידן,
אין מאמע געזיכט, ווען פלעגט שבת-ליכט בענטשן:
דער טאָג ווען עס שטארבן בלויז ערלעכע יידן,
ווי ס'גלויבן גאָטספּאָרכטיקע יידישע מענטשן.

דער גייסט פונעם גוף וועט ניט לאָזן זיך שפּאַלטן,
דער גוף אינעם גייסט וועט מיט גבורה זיך האלטן,
און אויפהערן זיין וועלןביידע אינאיינעם —
דער גייסט מיט מיין קערפּער — זיין פּאסיק געביין אים.

יאָ, אפשר וועט זיין דאָס גראָד פּריִיטיק —
דער טאָג, וואָס דערמאָנט מיר אין ציבטיק און צייטיק.

איך קוק אויף די כמארעס

איך קוק אויף די כמארעס וואָס גייען.
וועמענס קאָפּ צווישן זיי שווימט ארום
עלעהיי אויף א טאָץ אין דער האנט?

איך פארליר, אוי, פארליר דעם פארשטאנד!

וועמענס קאָפּ אָפּגעהאקט טאנצט ארום?
ס'איז יוחנן'ס? מיינער?
צי אפשר, אָ, בעסטיע, גאָר דיינער
אליין, סאלאָמייע? !...
גאָר כ'קאָן זיך ניט, קאָן זיך ניט פרייען.

איך קוק אויף די כמארעס, וואָס גייען.

אין צאָרן

אין צאָרן
עס פֿלאַמט היינט פֿון מולד
דער האָרן.

אין גאָר ווייטער קינדהייט
א קו מיט איין האָרן
אין מיר פֿלעגט געבוירן
שוואַרץ-ייִדישע מורא,
וואָס זעט ניט פֿון רעטונג דעם ברעג,

איך וויל מיך ניט שווינען:
געקרוינט איז מיט הערנער אזווינע
מיין היינטיקע טשערעדע טעג.

וויפֿל מאָל

וויפֿל מאָל האָב איך געשוווירן: מיר איז גרינגער
זיך אליין אָפּהאַקן אויף די הענט די פֿינגער
איידער ווידער לידער שרייבן — זיין א זינגער.

אָבער היינט ביים אָנפֿאַל פֿון דער שניי-פֿורטונע[1]
אויף די דראָטן-שורות פֿון דער שטעכל-וואַנט —
איך געזאָגט האָב זיך: אויף אָט די סטרונעס,
ווי דער צפֿון-ווינט, מעג שפּילן אויך מיין האַנט!

---

[1] פֿורטונע — שטורעם. ייִדיש-רומענישער לאָקאַליזם

אין פלאם פון פופציקגראדוסדיקן פראָסט

...ווייסטע מונדרע. פראָסט און שניי, וואָס ליכט פון טאָג
פארבייט.
אונדז אויף רויכערן עס איז געגעבן פינף מינוטן צייט.
רויכערן מיר און פון האקן בערג מיט אייז מיר רוען אָפּ.
„ווינטער אייביקער און זעסט אפילו ניט קיין ראָב“ —
טוט א קרעכץ מיין שכן. כ׳ווייס, ער איז ביי אונדז א נייער.
גאָר א מילדער פויער, וואָס פון קאָסט־אָמא ער.
פלוצעם טוט ער האסטיק זיך צו מיר א קער:
„אינעם שכנותדיקן לאגער, וואָס פון דאָרט געקומען איז
אהער,
איך געטראָפן האָב פון אייערע... אן הייליקן...
כ׳האָב געהערט — א שרייבער. קאגאנאָוויטש איז זיין
נאָמען.
ער ט׳ניט אויסגעהאלטן. אָפּגעגעבן גאָט זיין ליכטיקע
נשמה.“

מיט א שטאָלץ א העלן פאר מיין יידיש־שרייבער־שטאם
האָב געמורמלט איך: א הייליקער... מסתם... מסתם...

יאָ, א „איניקל“, א גאָר גרויס ־אייניקל“
איז געווען דער נסתר,
וואָס אלס נגלה האָט געהייסן קאגאנאָוויטש פיניע.
וונדערלעך ער האָט דערגאנצט דאָ אונדזער מנין.

איך אנטציקט האָט דער געדאנק,
אים געפעלן איז כסדר זאָגן,
אז א מענטש, א ייד, צי ניט קיין ייד —
אויב אין אים דער פינק פון צלם אלוקים עס גליט,
אויף צו דער ערד עקידה גיין באדאַרף זיין תמיד גרייט,
ווי א יענע שטאַרקע יידן, וועלכע טאָג און נאַכט
פלעגן אונטער זייער טראכט
אויך תכריכים טראָגן...

יאָ, אזא איז אומגעגאנגען צווישן אונדז דער נסתר.
אָבער ווי אזוי האָט דאָס געוווסט דער קאָטראָגנאָמער פויער
דאָרטן, אין דער מוגדרע וויסטער —
זשער עס איז דער נסתר!?...

כ'האָב גערעדט מיט דוד בערגעלסאָנען

כ'האָב גערעדט מיט דוד בערגעלסאָנען גאנצע נעכט, —
און עס איז אזוי געווען מיר ביז פארטאָג אים הערן גוט
און רעכט, —
וועגן אן ארויסגעשיקטער פון א הויכן שלאָס א זויבער-
ווייסער טויב,
וואָס פארוואנדלט אין א ראָב ווערט באלד פון יענער זייט
פון שויב.
וועגן גאָר א שיינעם, פיין-געשניצטן אָרון-קודש אָן א שם...
או, עס האָט אזוי דאָס הארץ פון נאכט און שטאָט
געקלאפט ביי דעם.

כ'האָב גערעדט מיט דוד בערגעלסאָנען גאנצע נעכט,
און עס איז אזוי געווען אונדז ביז פארטאָג צו רעדן ליב
און רעכט.
איצטער איינס אקעגן אנדער קוקן מיר זיך אָן און שווייגן
ביז די כלים פאר געזאנגען,
וואָס מיר האָבן אויפגעהאָנגען
אויף די טייכנדיקע ביימער-צווייגן,
אונדזער צער דערפילן,
און זיי הייבן אָן אליין צו שפּילן.

הלכתי ביער...

הלכתי ביער — כ'בין געגאנגען אין וואלד
(פון א פאָלקס־ליד)

הלכתי ביער — כ'בין געגאנגען אין וואלד,
און פּלוצעם, אזוי ווי א גזלן, א שלאָף מיך באפאלט.
איז לייג איך מיך שלאָפן דאָ, אונטער די פּיכטן,
און זיי מיר דערציילן חלומות־געשיכטן.

אין וואלד א געדיכטן, אין וואלד א געדיכטן —
מיין גייסט האָט פארבלאָנדזעט, אהין זיך פארקליבן,
אזוי ווי א הירש פון די יאגד־הינט געטריבן,
פון זיך אליין איז ער געלאָפן ביז ס'האָבן די קנאָכן
אים מער ניט געהאלטן און ער איז פארקראָכן
אין ביימער־ און וואָרצלען־געפלעכט פון אן אור־וואלד,
און דאָרט ערשט נאָך אים איז פארשוואונדן די אייגענע
שפּור באלד.
נאָר דאָך אוים דער מוראָ אין וואלדישע נאכטישע שעהן—
ער האָט, ווי א וואָלף, אָנגעהויבן צו וואָיען.

טאָג איין און טאָג אוים אליץ געוואנדערט, געלאָפן —
אין וואלד פון די וועלדער געדיכטסטע ער האָט אָנגעטראָפן
צו ווערן א טייל פון דער וואלדישער שטילקייט,
פון שווייגן איר גרויסן און הייליקער קילקייט,
נאָר אָבער אוים מורא זיין זיפץ מע זאָל הערן,
ווען ס'קוקן אראָפּ דורך די צווייגן די שטערן,
אוים מורא זיין זיפץ, ווי א האק, בלאנק, געפּעכטיק,
אין וואלד זאָל ניט קלינגען, —
ער הויבט אָן אזוי ווי א נאכטיגאל מעכטיק
צו זינגען!

* * *

מיין ברידער מאירן געשענקט.

עס איז דער מענטש
פון זיך אליין אויך אויף סכנות ווייט.
צעווישן אים פון נעכטן און ביז אים פון היינט
אן אָפּגרונט גראָבט די צייט —
א טיפן אָפּגרונט, וואָס פארשיטן קאָן מען ניט.

אין ציקלען קומען פאָר דעם מענטשנס טריט —
אין יאָרן־ציקלען.
וואָס תמיד אנדערשדיקער זיך פונאנדערוויקלען
אין גוף און אין געמיט.

און פון מהות דעם אייגענעם וואָס בלייבט?

אזויפיל, ווי פון זון געמינערטער, ווען ברעכט
אדורך דאָס גלאָז פון אונדזער שיב מרחקים־ווייט...
צי ער דער ווינט איז, וואָס פון אונדזער שיף די זעגלען טרייבט,
און בלויז איעדעס מאָל די ריכטונג בייט?

און דעם באשטייט, הפנים, דאָס געפעכט
מיט אלע טעג מיט אונדזערע און נעכט.

צו מיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג

איך בעט, אז נאָך איידער מע לייגט די געוויכטן,
כ׳זאָל קענען מיין לעבן אין ווארצל פאריכטן,
מקיים זיין פשוטע מענטשלעכע פליכטן,
באגלייך אויף געגנום און אויף הייליקע ליידן
פארציכטן,

זיך קענען אָפּשיידן מיט הארצן מיט ריינעם
פון גיהנום מיט הויכן גן־עדן איניינעם.
און זאָל מען פארגעסן אין מיר אויף דער ערד
און אין הימל
ביז איבערגיין וועל איך אין שטאָק־בלאָען דרימל,
אזוי ווי דער טאָג אין די זומער־פארנאכטן,
ווען לאנג און באדאכט ער פארענדיקט זיין לויטער
דערטראכטן.

פון א געוויסער עלטער אָן

פון א געוויסער עלטער אָן
אין יעדן מענטשן רייפט די איוב־דראמע
מיט דעם גאָר אונטערשייד,
וואָס זיינע גוטע־פריינט ניט קלייבן זיך צונויף,
ווי ס׳איז מסתם אין עוץ דער שטאָט געווען א
גאנץ באנאלער חוב.
איז פעלט דאריבער אויך דער שיינער שמועס
פון טיפע רייד —
און אויך זיין קלוגע שוועסטער,
וואָס די הויכע רו איז!

אַוודאי, ניט א יעדן איז די קראפט און דער בארוף
געגעבן
אויף צו באזינגען דאָס לעבן.
די פלייש־ און בלוט־יסורים אָבער, וואָס פון גוף
פון אָפּגעהאַרעוועטן שטאמען,
זיי קיינמאָל קיינעם מיידן ניט און קיינמאָל ניט
פארזאָמען —
די איוב־ליידן ממש, וואָס, ווי רויזן, פלאמען,
ווי בונטע רויזן זיך אין אונדז צעפלאַמען.

איז וווּ זשע זענען יענע גוטע־פריינט
אָן וועלכע אויך איוב אָרעמער מיר שיינט?
וווּ זענען מיינע גוטע־פריינט,
וואָס זענען טייערער ביי מיר פון איובס גיטער?
ווי שטרוי האָט זיי צעזייט, צעטראָגן דער געוויטער
איניינעם מיט דער שיין, מיט וועלכער זיי האָבן
אונדז באַשיינט.

ווּ זענען אויך פון יענער צייט די פיינט?
פון זיי, ווי פון מיינע פריינט,
איך הער אין מיר כסדר א געזאנג,
און איך זיי ענטפער מיט געוויין,
וואָס איך געבליבן בין און זיי אליין —
אָן זיי בלויז הויל און ליידיק, ווי אָן קערנער
שטייט א זאנג.

כ'האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין שאָף און רינדער,
און ניט געוועזן געזעליקט, ניט געשטראָפט מיט קינדער,
איז לאָזט מיך וויינען נאָר נאָך מיינע פריינט,
נאָך מיינע און אויך זייערע פיינט
איניינעם מיט דער שיין, מיט וועלכער זיי האָבן
אונדז באַשיינט.

ווּ זענען מיינע גוטע פריינט
גראָד היינט, יאָ, היינט,
ווען כ'דאַרף מיך זעצן אויף דער ערד
מיט מיינע אויפגעדעקטע וונדן־פלאַמען,
מיט ווידערשפעניקייט און מיט חרפה־פיין באַשווערט,
און מיט בלוט און פלייש טיף — איינגעהערט,
ווי ס'רייסט אין מיר די איוב־דראַמע,
וואָס אין א יעדן מענטשן, וועלכער האָט מיטן לעבן
אָנגעמיט זיך. —
זי צו מיר צייט צעבליט זיך,
צו איר צייט צעבליט זיך...

א גראפאָמאנישע נאכט

א שלאָפלאָזע,
(מיטן אָנבליק פון א קאָזע,
וואָס נעכטיקט אין דרויסן)
גראפאָמאנישע נאכט.
די געדאנקען קריגן הערנערלעך —
דערנערלעך,
וואָס מיט זיי זיך גרויסן,
און מיט זיי זיך טראָגן
אויף צו שטויסן.
(דערביי די לבנה קוקט אריין
באדויערנדיק — זאכט —
געוועז זי שוין אן עדות
ניט פון איינער אזא שלאכט!).

נאָר ווי דער דאָזיקער קריג
איז מיר ניט דערווידער,
ווערן שורות דאָך פאר לידער —
ווערן שורות דאָך פאר לידער.

גראפאָמאנישע נאכט,
ווער האָט דיך אויסגעטראכט?
הפּנים, מיינע זינד
(וויינט אין מיר מיין הארץ,
אזוי ווי ביינאכט א קליין קינד) —
מיין לאנגער לידער־וועג.
באשלים איך מאכן שוין צו דעם אן עק —
און וויל ניט הערן פון קיין ווידערווילן נאָר!
דעריבער איך ס׳געדעטעניש, וואָס איך האָב
אָפּגעשפּאָרט,
און ליגט ביי מיר א ן לידער־שייער — אין
די העפטן —

מע דאַרף פֿון דעם וואָס גיבער פֿטור ווערן
און פֿאַרגעסן,
ווי ס׳פּלעגט מיין טאַטע קענען טון
מיט זיינע שלעבטע תהו־ובהו־געשעפֿטן.

און פֿון היינט אָן
און ווייטער — מאַמעלינגע מיט באָרשט עסן,
און האָדעווען הינער,
ווי זיך נוהג איז געווען אַזאַ פֿרומער גאָטס-
דינער,
וואָס האָט אין אונדזער קאַנט געשעמט
אַלס דער ראַשקעווער רבֿ,
און ווערן צוריק אויף דער עלטער
אַ פּשוטע בעסאַראַבישע שאָף —
אַן ערדישער ייד
מיט פּראָסטע מעשׂים, גוט געמיט,
און מער אַ בענטשער ווי אַ שעלטער,
ווייל כ׳בין שרעקלעך מיד —
יאָ, שרעקלעך מיד!

און ווען מיין מידקייט צום האַרצן איז ניט —
איז זאָל ער זיך זוכן אַן אַנדערן גוטן ייד!

קיין עין־דור

גלייך כ׳וואָלט געווען דער קיניג שאול,
אויף וועמען ס׳האָט געהויערט שווער גאָטס פֿלוך, —
אויך מיינע נעכט דעם שלאָף פֿאַריאָגן פֿון אַהינטער
מיינע ווייעס,
מיט ווייבע, בלייבע העגט צעוויקלען אין דער לופֿטן די
יריעות
פֿון מיין לעבנס־בוך.

איך זע מײן פּעסטן און מײן שוואכן, וואַקלנדיקן טראַט,
נאָר בײדע ניט געפֿינען אין מײן דיכטער־אויג קײן גנאָד,
און אַלץ אין מיר עס שרײט מיט קיניג שאול אין דער פּאָר:
— קײן עין־דור!
קײן עין־דור!

װײל אָפּגעטון האָט זיך פֿון מיר דאָס וואָרט,
וואָס פֿלעגט מיך אקערן מיט זײַנע בליצן,
און איך געלאָזט בין אין דער פֿינצטער זיצן.
דאָס אויג אָן זעאונגען פֿאַרדאַרט,
אָן קלאַנגען װעלקט דער אויער,
אין װעלכן ס׳רױשט נאָר,
בושעװעט דעם קיניג שאולס טרויער,
זײַן נאַכט־געשרײ, וואָס אַלע בערג עס כאַפּן אויף אין כאָר:
— קײן עין־דור!
קײן עין־דור!

פ ר ײ נ ד ש א פ ט

פֿון די מילד־געשענקטע טעג אוועק איז נאָך א טאָג.
כאָטש יאָרן־זאַט — פֿאַרשײַרן זיך איך זוך נאָך ניט קײן סבה,
פֿון מײן האַרץ די בײזע שונאים נאָר איך טרײב, פֿאַריאָג,
און כ׳טראַכט צו די, וואָס זײ געהערט מײן גאַנצע ליבע.

וואָס איז פֿרײנטשאַפֿט? ניט דײן לעבן אָפּגעשפּיגלט
אין אויגן צאַרט פֿאַרשטאַנדיקע —
אויך מיט אַלע זינד די בראַנדיקע —
אין זײ, געמילדערטע, פֿאַרזיגלט?...

צי ניט אין דעם דער פריינטשאפטס גרעסטע טוגענט?
איז פריינטשאפט א געשוועסטערקינד נאָך דער יוגנט?

אָבער אינעם זעלבן טאָן פון מיין עלעגיע — אויך די
שקיעה-שיין
איר פורפור-פלאם צעפלאקערט שטורמיש-העבער.
אין געדאנק פאר אלע מיינע פריינט איך הייב דעם בעכער:
— נאָך איינמאָל, לאָמיר שיכור זיין פון פריינטשאפט-וויין.

וויפל לעבנס

וויפל לעבנס איך געלעבט האָב —
ניט קיין מיסטישע — רעאלע
אינעם משך פון מיין איינציק לעבן,
וואָס אין בלוט און פלייש איז מיר געגעבן
דאָ, אויף אונדזער ערד.

וויפל יוגנטן (א חוץ דער איינער,
וואָס איז יעדן דאָך באשערט)
כ'האָב פון זיך ארויסגעקוואליקט,
זיי, ווי וואסער פונעם שטיין, ארויסגעשלאָגן —
לויטערע, ווי זומער די פארטאָגן,
שאלנדיקע, ווי דער מולד-האָרן.

וויפל מאָל אויך בין איך אלט געוואָרן,
און קיין ווייסע האָר ניט, קיין עין-הרע.
(ס'שטייט פאר מיינע אויגן, ווי אין הייליק בלוי,
דער פון דעמער-גרוי
קוים-באשפרענקלטער, געקרייזטער קאָפּ
פון מיין מאמע, עליה השלום).

און מיין האלדז! וויפל מאָל אין לעבנס עול אים
כ'האָב אריינגעלייגט, און אים אויף זיך געטראָגן.
עלעהיי אין ד'אלטע צייטן
א באַרימטער גרויסער הערשער,
וואָס מען האָט גענומען אים געפאַנגען,
און אים שלעפּן איינגעשפּאַנט דעם זיגערס
וואָגן.

וויפל זומערס האָבן מיך געבראָטן,
וויפל קעלטן האָבן מיך געפרעסן,
וויפל האָגלען האָבן מיך געשלאָגן.
אז אלס לוין מע וועט מיר רחלען געבן —
האָב איך ניט געהערט מיר זאָגן.

אי די רחלס, אי די לאהס —
וויפל זענען זיי אליין געקומען;
צי אויף רוף מיין שטורמיש-שטומען.
איינע — לייכטע, ווי די שמעטערלינגען.
איינע — שווערע ווי די קיזלשטיינער.

וויפל מאָל געבליבן בין איך אייגער —
אָן א פריינט אפילו פאר א נאָוויגע,
עלנטער פון יעקבן ביי לבנען.
אין דער האנט — דער פאסטעך-שטעקן,
און אין הארץ — נאָר הוילע שרעקן.

וויפל מאָל אין פרייד מיין פאָלק
כ'האָב אין זיך דערוואָרבן.
וויפל מאָל פארלוירן עס, פארלוירן. —
מדבר-וויסטקייט האָט באלאגערט מיינע
אויערן.

וויפל מאָל געווען בין כהן גדול,
וויפל מאָל — דער קרבן.
וויפל מאָל געווען בין דופּט פון בליאונג,
וויפל מאָל — דעם דאָרנס גאָדל.

וויפל מאָל צעוועטערט —
האָב איך זיך אליין,
ווי א טאָפּ אין שטיין, צעשמעטערט.
וויפל מאָל אויך, ווי דער פרומער, גוטער טעפּער,
כ׳האָב צענויפגעדראָטעוועט די שערבלעך,
און איך ווידער בין אומשטערבלעך.

(ווידער האָב איך אָנגעטון זיך פליגל,
ווידער קעגן שפּיגל
האָב געקרייזלט זיך די פּאות,
זיך דערלויבן אין אלץ פארגעסן,
ווי דער הויקער זיינע האָרבן).

אָט אזוי כ׳בין זיבן מאָל געשטאָרבן
און צוריק אויך לעבעדיק געוואָרן
אינעם משך פון מיין איינציק לעבן,
וואָס אין פלייש אין בלוט איז מיר געגעבן
דאָ, אויף אונדזער ערד?

צי בין איך דען?

וואָס וויינט, ווי א ציגיינער־פידל, היינט מיין ליד?
צי קרויזט זיך אויף מיין שטערן נאָך דער יוגנט-לאָק?
צי בין איך דען א שטייגער, אלעקסאנדער בלאָק,
וואָס אומרו רייסט מיט זיינע נעגל מיין געמיט?

צי האָט מיין בענקשאפט-וואָרט נאָך קראפט צו שיקן
זיין פייל אויף שפּאלטן, ווי א בליץ, דעם האָריזאָנט,
ווי ס׳ווארפט א שוימיק גלאָז פון טרוימען-יונג די האנט
אין שפּיגל, וווּ עס צינדן אָן א שׂרפה זיינע בליקן?

און אָט די שװערע פורפור-פלאַמען פון דער שקיעה —
צי קאָן איך זײ דען נעמען אויף מײן נאַקעט האַרץ,
אין זײ זיך הײליק הילן רויט און שוואַרץ,
ווי אין די יאָרן נאָך די צאַרטע, פריע?

פון וואַן זשע אָט דער יאוש-אויפברויז ייִנגער, ווילדער,
ווען לאַנג שוין איך האָב גובר אים געווען, באַזיגט?
אַזוי אויף וועלקנדיקן בוים אַמאָל צווײט פרישער, מילדער
צעבליט זיך, ווען מיט פרילינג איז זײַן עלטער שוין
צעקריגט.
וואָס ווײנט און בליפעט, ווי א פידל, הײנט מײן ליד?
צי קרויזט זיך אויף מײן שטערן נאָך דער יוגנט-לאָק?
צי בין איך דען, א שטײגער, אַלעקסאַנדער בלאָק,
וואָס אומרו רײסט מיט זײַנע נעגל מײן געמיט?

אויב

אויב ס׳האָבן געענדיקט זיך אַלע תענוגים —
צי הײסט עס: קײן אײנציקער תענוג ניט בלײבט?
און אויב אַלע וועגן זיך אויסגעלאָזט האָבן —
צי הײסט עס: די בײטש רוט, די פערד ניט מער טרײבט?

איך זאָג: בײ דעם פאָרן אפילו צוריק —
די רעדער פון וואָגן אויך סקריפּן, זיך ברעכן פאַר גליק...

פונעם בוך
דיכטונג

שטאָק דעמער־גרוי

דער אמת...
כ׳האָב א סך...
ווי זיי...
(ל. נ. טאָלסטאָיס לעצטע
ווערטער פארן טויט).

עס טאָגט?... עס נאַכט?...
שטאָק דעמער־גרוי...
איך האָב געוווּסט, ס׳וועט זיין אזוי.
איך האָב געוווּסט און ניט געוווּסט,
הגם איך בין... איך בין טאָלסטאָי.

טאָלסטאָי... טורגעניעוו... פעט...
פראָפעסאָר מעטשניקאָוו — ניט זיי, ניט זיי...
איגנאשקע[1]) נאַר! — דעם וועג ער וועט
אָפּזוכן אינעם מוטנעם ווירבל-שניי.

ניטאָ פאר אים קיין שטער... קיין טונקלע שוועל...
איך שרעק זיך און איגנאשקעס שטים קלינגט העל.
גלייך אין א פראָסטיק-שיינעם זונטיק-טאָג
אין דאָרף זיין שליטן פליט און יאָגט.

דעם שניי עס טראָגן טויזנט ווינטן...
איגנאשקע — נאַר זיין „טרויקע“, און ער זינגט...
זינגט העכער פון שעקספּיר... א קווינטע,
א טערצא זיין גלעקל לויטער קלינגט

אין תהו ובהו, וואָס אין אים איך בין,
אין תהו ובהו, וואָס צו אים איך גיי...

---

[1]) דער הויפּט פּערסאָנאזש פון טאָלסטאָיס „שניי-שטורעם“

...אין רוסלאנדס מיט זיצט אויפן שנײ
אינגאשקע און זיך איבערבינדט

די פיס פארפרוירענע און ווידער אויף איין זייט
פון קעלניע זיצט און אויפן שטורעם שרייט,
און צו מיין תוך ער טרעפט און רעדט,
ווי ניט גערעדט קיין שום פּאָעט.

ער פריילער פייפט... די פערד ער טרייבט...
עס פרירט אויף מיר די גאַנצע הויט...
אויף וויפל צייט אינגאַשקען בלייבט
מיך ברענגען לעבעדיק אין מלכות טויט

מיט גייסט מיט אייביקן מיט מײן
דורך וויסן מדבר, דורך זיין קאלטער שיין...
א הויכע וואנט שטעלט אויף דער שטורעמווינט.
אינגאשקע מיט זיין בייטש זי איבערקערט געשווינד.

אינגאשקע איז איליא? איליא דער גבר?
ער איז דאָס פאָלק — דאָס פאָלק אליין —
פון ווילדן סטעפּ דער גוטער האר...
ווי די לבנה גייט אויף שיין!

און ווי מיין ליבע — איצט א קרוין אויף אים —
באלויכט זיין גרויסע, ברייטע ערד,
וואָס אויך פארליבט איז אין זיין שטים...
עס האָבן פליגל זיינע פערד...

איך פלי אויף זיי... איך פלי אויף אים...
אינגאשקע, ווארט! עס איז נאָך פרי...
מיין קלערן נאָך געהערט דעם גאנצן הי...
אינגאשקע, ווארט! ניט פלי אזוי, ניט פלי!

....

דיין גליק פון אמת מיט מיין הארץ אליין,
ווי דו, כ'וויל וויסן אויך, ווי דו פארשטיין...

היינריך היינע

Ihr werdet eines morgens
die Bude geschlossen finden
wo die Puppenspiele meines
Humors so oft ergötzten.
(היינריך היינע)

גלייבט איר, עס איז וואָר,
אַז עס איז פֿאַרשלאָסן שוין די בויד
פֿון דער פּופּן־שפּיל פֿון זיין הומאָר?

כ'האָב אַ פֿריינט אַ דיכטער,
איז ער אייפֿערזיכטיק, ווי אַ ווייב;
זאָל דאָס אייפֿערזיכטיק טייבל
זען נאָר זיך אַליין — איך וויל עס
גאָרניט רייצן.

איך פֿון מיין זייט נאָר בין אָפֿן מודה:
אַלע טראָגן מיר אַרום אין גאַס אויף אונדזער
פּלייצע
היינריך היינעס פּופּן־בויד
און פֿאַרדינען זיך דערביי דאָס שווערע
שטיקל ברויט.

אָבער נאָכן טאָג, ווען זון גייט אונטער
טראַגיש־רויט,
ווערט אין בורע
שטיל. איז ווייסן מיר: די ליאַלקעס משה,
יעזוס, בורא
האָבן דאָרט פֿאַרנומען די אַרענע.
פֿלאַמען כאַפּן זי אַרום. זי ברענט און מיר
מיט איר אויך ברענען...

און מיט ברענענדיקער בויך
אויף דער פּלייצע, הייליק־רויט
פּונעם זונפאַרגאַנג: — מיר שפּילן זיך מיט
גאָט און מיט טויט,
ווי. להבדיל, מיט די חיות אין דער שטייג
די דאַרע צירקוס־מויד
און פאַרדינען זיך דערביי דאָס שווערע
שטיקל ברויט.

אַלעקסאַנדער בלאָק

פּאַסכאַ־נאַכט. עס גאָרגלט זיך דער קלויסטער־
גלאָק,
אָבער איך, — איך הער די שטים פון אַלעקסאַנדער
בלאָק.

כ׳בין דער שטאָלצער, קראַנקער אָוונט־דיכטער,
ווי דער אָוונט שטאָלץ און עפּעס ניט בקוו...
מיינע אויגן — מיר צוויי טויטן־ליכטער.
שטרענגער, דערנערדיקער ברענט אין מיר
דער סלאַוו.

פון די העליזעער־פעלדער כ׳בין געקומען
קיין איוראָפּאַ אויף איין פרילינג־נאַכט־שפּאַציר...
אַלע מיינע ליבעס, ווי די בינען, זשומען,
טוליען זיך צום ראָק אין לײדנשאַפט־באַריר.

און איך מיאוס מיך, שווים, און טו זיך שיצן
מיט די בלייכע הענט, מיט וועלכע איך שאַר,
ווי מיט וואַסער־וועסלעס, וואָס פון בליצן
זיך באַהאַלטן טיף און ווייזן זיך אין שיין
פון צער.

אוינגן־טאנץ... שפּאַצירערס רעגנען, ברענען
ווילדער פון אקאציע, פון צעפלאמטן בעז.
ווען אזויפיל זיך געפּרוכפּערט?... זענען —
פּויזנדיקע ווערעם פון א יחוס־קעז...

קליידער־פּוסטקייט... זאמד פון מדבר הייסער
קלאָגט און שיט אויף מיר, צעגליט מיין הויט
און ביין.
און איך ווער אן אכזר — נעראָן־קייסער.
כ'קלאפּ מיט שטאָק אין טראָטואר. מיין שטאָק
איז שטיין.

פאלט א שטערן — גרוים רחמנות־ווייער,
פירט מיך אָפּ אין עק פון גאס. איך פאל אויף קני,
וויין אין קלייר פון אלע קליידער־גייער,
און זיי טרעטן, טרעטן, טרעטן, ווי די פי.

פאָל ווערלען

באגייסטערט טרינקט דער בוים די פארבן פונעם הארבסט,
און דו ווייסט ניט זאָגן אים: דאָס לעבן דו פארדארבסט,
ווייל שענער ווערט ער דאַך פון אָט דער פלאקער־שיין,
פארשייט — דערהויבענער פון טרינקען זי, ווי שטארקן ווייןן.

איז ווער־זשע אים באשולדיקן אין גראָבער שיכרות קען?
אזוי ביז וואנזין האָט געטרונקען און געזונגען אויך ווערלען!

איציק מאנגער

פּאָרטרעט 1922

אין דער טונקל ביי מיין טיש
זיצט דאָס יויזל. טוט א מיש
אלע מאָל א בוד, א העפּט,
וואָס ביי מיר פון אויבן טרעפט.
גראַבלט מיט די נעגל, קראַצט —
ער איז נאָך ניט אָפּגעשאַצט.

פאַלט אויף אים לאַמטערן־ליכט
פון דער אַלט־פאַרגעלטער גאַס —
ליכט פון אָסיען־רעגן נאַס —
און איך זע אים אין געזיכט.

ס'איז דאָס יויזל אויף דער וואָר:
שניידט זיך קינדיש־יינגליש אויס
אונטער גרויסן קאָפּ מיט האָר,
נאָר מיט אויגענים א פּאָר —
קרומקייט. קרום־געפאַלענער שרעק
פון די בלינדע יידן־נעכט,
און פאַרחלומט ווי די לעכט
אויף א שוואַרצן טייכס א ברעג.

ס'איז דאָס יויזל אויף דער וואָר,
ניט אָן טרויעריקן חן,
ווי א ביסיק, אויף איין פוס
בלייבט שטיין,
זיינע לידער לייענט און לייענט,
און מיט קריצנדיקע ציין
אי פאַרגעטערט זיך, אי וויינט.

ווען ער שטייט אזוי —
ערשט בליט זיין שאָטן לאנגער.
נאָר ווי מיט א נאָדל
נייט אוים א געזאנג ער.
ער אמאָל וועט הייסן:
איציק מאנגער.

אליעזר שטיינבארג
(פראגמענט)

„ניט מיט שטאָל און אייזן נעמט מען כעלם,
נאָר מיט שפּינוועבס פון א מדרש נעלם... —“
אָמר — האָט געזאָגט ר׳לייזערל הקטן.

לאנג עס ציט זיך זיין לוויה־שאָטן.

„גלייך געווען אין אמתן אין גוג מגוג געראָטן“ —
ריידן איבער זיך אי כעלעמער חכמים, אי נאראָנים.
און א יעדער אויף זיין שבנס גאנץ צעחושטן פּנים
לייגט דעם פינגער צו דער גרויסער, קלוגער טאביק־נאָז
— הפּנים,
כעלם הייבט געדאנקען — זיך פארטראכט בצבור.

די לוויה איז דערווייל אנטלאָפן. שוין פאַריבער.

און דער קרעמער גייט אריין אין קלייט און עפנט
אויף די קאָנטאָ־ביכער,
זעט ער, ס׳איז דאָך ניט גוג מגוג, נאָר גיכער
א בר־מצוה־יינגל... ס׳איז ביי אים בפירוש דאָך
פארשריבן
וויפל צייג ער אויף א מלבוש האָט זיך אָפּגעקליבן...

דאָס דערציילט ער אויבעט אויף דער בערזע...
ווייסט דאָרט איינער,
אז דער קצב האָט ביי דעם ר׳ליזער׳ לגמרי ניט
געלייזט גאָר —

ווערט דער ענין קשה זיי. איז פאָרשט מען און מע
קומט צו דער הכרה:
ער געלעבט פון א קארטאָפל בלויז און פון א פייג,
ווי ס׳שטייט אין דער גמרא.
— וואָס־זשע ער געזען א הייליקער? — א סברה...
....
איז פארוואָס ניט אָט די פריילעכע געשיכטן היינט
אויך איבערגעבן —
היינט ווען אלע וועגן פירן צום סך הכל פון זיין
אויסטערלישן לעבן?
אָט דעריבער איידער אונדזערן א טשערנאָוויצער
דאָקטער לאָזן דרשען,
אָדער ציען מיט אן אויער ביז צו א קריטיקער
פון ווארשע,
אז ער זאָל זיך אין א גוטער שעה אויך וועגן אונדז
דאָרט מיט א מאמר קעלבן,
שטעל איך בעסער זיך אוועק ביי די געשטעלן־
זיצערנס אינמיטן
קאלער - פיש - און עפל - ציבעלעס - און
כריין-מארק
הערן ריידן זיי און שיטן
אין דעם לשון גאָלדענעם דעם זעלבן,
ווי די הינער און די גענדז ביי אליעזר שטיינבארג.

איך, זיין פוסבענקעלע, זיין קליינבארג,
וואָס אויף אים מען האָט מקבל געווען זיין תורה, —
ליב איז מיר דאָס שטיין דאָ, טראַכטן,
גיין אויף די ירידים הייסע ביז אין די פארנאכטן
קילע און פארשפרייטן זיינע קלוגע רייד, ווי סחורה...

אָדער: אפשר וועל איך לאָזן גאָר זיין נמשל, זיין
טיפּזיניקע מאָראַל,
און וועל נעמען בלויז זיין משל. פּאָלק, דיין
מאסקן-באַל
זעען מיר אין אים. איאָ, קאָלעגע מיט דער
קינסטלער-שלייף?

אין זיין קונצנמאַכער-רייף
וועלן שפּרינגען — איך און דו, דאָס געלע אפּל
און די ווייסע טויב.
גיב-זשע, גרינע זשאַבע,
מיר דיין ווייבע, נאַסע לאַפּע.
שווער מיר: אויב
ס'וועט אמאָל די גאַנצע גאַס צו אים ניט קלינגען,
ווי א לויב!
. . . .
טרוים איך? ניין. איך וואַר ביי זיינע כּתבים אין
זיין שטיבל.
אָוונט קומט מיט שווער תּרעומת און מיט ביטערן
פאַריבל.
לויף איך אויך פון מיינע פריינט אַוועק און גיי און
זעץ מיך ביי דעם גריבל
פון דער מויז...

זיצן: איך, דאָס מייזל און די שטערן בלויז.
איך דערצייל זיי, וואָס מע רעדט היינט אין די
שטיבער,
און זאָג דאָך. דערצייל בכּיוון לאַנג, געננוי —
'אָט אזוי:
— ליבער!
(גוגעט פרום א קאַטשקע, וואָס מע זעט, ז'איז
היינט געווען אין וואַסער,
שיינט זי ווייבלעכער... יאָ, צניעותדיקער, בלאַסער,
און א גאַנצע מבינטע צו זיין אויף מאַנצעפּרשווינען...)
זאָג מיר. טייערער. פאַבוליסט...
איז...

— א דרעסירער
(עס'שפּערט אירער)
— נו יאָ, זי וואָלט ניט געקעגט דערפאר דאָך
בשום אופן לעבן
מיט א פאבוליסט... די זעלבע צורה, כ׳לעבן, וואָס און אַף...
— מיט א פלאטשיק נעזל...
(פאלט אריין א צווייטע פונקט אין טראַף)
— ביסט אן אייזל!
(רופט זיך אָן אן אנדער ווייבל —
גראָד א שטיל און ציכטיק טייבל)
ער האָט זיך געסאמעוועט אין אלע חיות...
— דאָס איז עפּעס גאָר — גאָר נייעס!
— און אין יעדן ריינעם מענטשן־קינד באזונדער.
— וונדער!
און אין אלעמען וואָס פליט און קריכט
צו נאָט...
— און דאָס אלדינגס, זאָגסטו, אויסגעדריקט עס האָט
— זיין געזיכט!
די לעגענדע שטייגבארג שוין די פינגער מיינע ברענט,
און צום שפּעטערדיקן לייענער איך זיך ווענד
דאָס — מיין ערשט גערעכט
וועגן דעם, וואָס אי דער איכות, אי דער כמות
פונעם גאנצן מענטשן־לעבן
האָט מיט אים געטאָן הויך שוועבן
אין זיין פרומען, תמיד אין דער לופטן הענגנדיקן
צימערל פון דאלער אמות.

ביי די ראנדן פון „דאָן קישאָט“

1.

סערוואנטעס

זיין איידעלער קאָפּ — א שארפער, קלאָרער, זוניק־בלאנקער,
נאָר ס׳ליכט וואָס ער פארשפרייט — אָפט פון לבנה קראנקער...
זיין חכמה איז אונדז טייער איך אפילו מיט איר סם.

זיין ריטער-וואַזין טראָגט אין זיך דעם העלסטן לעבנספּלאַם.
זיין טרויער מילד באַזוימט איז מיט דער שײַן פון זיין
הומאָר,
זיין אויסגעדאַכטער טרוים איז וואָרער פון דער וואָרסטער וואָר,
און מיר, מיר אַלע — זינגער אויך אין זיין נאַראָנים-כאָר...

2.

נאָכן אָננעמען זיך מיט אָן א שיר יסורים
פון זיין אויסטערלישער לעבנס-כראָניק,
וואָס באַשטייט פון הוילער בייזער בינען-גיפט,
נאָר אָן א טראָפּן האָניק;

נאָך דעם, וואָס מיט שווערער האַרץ-מי
מיר אַריבער זיך געשיפט
האָבן סוף כל סוף דעם שטורמיש-ברייטן טייך פון אַלע זיינע
ליידן, צרות, אומגליקן פורעניותן און פּיינען,
איבער וועלכע ס'הייבט זיך אויף זיין שאַפונגס טורעם
זענען מיר אַזוי שוין דעמלט אויסגעמאַטערט,
גלייך דאָס גאַנצע חיות האָבן מיר דערויף געפּטרט.
אָן דער האָפענונג עס זאָל צוריק זיך קערן.

אָבער ווי דער דאָנאַר, וואָס זיין בלוט האָט אָפּגעגעבן,—
צו זיין לעגענדאַריש לעבן,
צו זיין גרויסן קוואַלנדיקן ליכט מיר אויבעט שותפים ווערן.

3.

סערוואַנטעס, קליגסטער מאַן!
צווישן דיינע ריטערס די באַליידיקטע וואָס פּלעגן
זיך אויסבאַהאַלטן דאָרט, ביי דיר, אין וועלדער און אין בערג —
פאַרוואָס אויך קאָן ניט זיין א יעקב שטערנבערג?...

נאָר ווי! איך, שווערער קאָפּ איך האָב דערטראַכט זיך
ערשט צו דעם,
ווען פון אַלע וועגן אָפּגעשניטן שוין איך בין.
איז ווי זשע קאָן איך שיצן היינט מיין ריטער-שם?
איך וויים ניט און איך זידל זיך און כ'גיי אַראָפּ פון זין.

בײַ די ראַנדן פֿון „האַמלעט"

1

ס'איז קײנער פֿון די אײביקע שעקספּירישע געשטאַלטן,
דאַכט זיך, ניט אַזױ הײנטצײַטיק,
װי האַמלעט,
װאָס האָט דעם אָטעם פֿון געדאַנק און פֿון געפֿיל צעשפּאָלטן,
דערבײַ זיך אין זײַן װײטאָג ניט יחידיש אױסבאַהאַלטן —
זײַן צײַט אױפֿרײַסן ער געװען אױך צײַטיק.

ס'איז קײנער פֿון שעקספּירס געשטאַלטן
ניט אַזױ הײנטצײַטיק װי האַמלעט.
אױך שטאַמלענדיק־ניט שטאַמלט,
זיך װאַקלענדיק, נישט װאַקלט
זיך,
און מיט אַ גרױסער קראַפֿט ער פֿאַרשהכלט.

2

איך זע אים פּרינציפּ־עלעגאַנט. נאָר ניט, חלילה, זינקענדיק
אױף צו פֿאַרבינדן זיך די בענדלעך פֿון די שיך.
איך זע אים פּרינציפּ־עלעגאַנט, נאָר עפּעס הינקענדיק,
װי יעקב נאָכן קלאַפּ אין דיך.

3

פֿון אַלע ריטערס אײדעלע האָט האַמלעט
געליטן אײדעלער און מער.
דערפֿאַר: װען מיר פֿאַרגיסן רײנע טרערן —
אין זײ עס קװעלט זײַן טרער,
װי װען מיר קומען אום פֿון אַ פֿאַרסמטער שװערד —
זײַן גורל דער דערהױבענער
פֿונסנײַ פֿאַראײביקט װערט.

4

פון אונדזער אומרעכט-ווי האָט האמלעט אַלץ דערשעפּט.
איינצייטיק מיט זיין טרויער-מאַנטיעם שלייף —
ער האָט גאָר זיך דאָס שלעכטס צום קעפּן אויך געשלעפּט,
נאָר האָט צעברעכן ניט געקענט די יאוש-רייף.

5

נקמה? ריין-פּע-זענלעכע? אַ, ניין!
עס דראָט געפאַר צעשטערן זיך אַליין,
ווי דאָס געפעס פון דינעם גלאָז,
וואָס קאָנסט אין אים א בוים ניט פלאַנצן
און לאָזן אים איינגאַנצן
צעוואַקסן זיך ווי גראָז,
און ער זאָל ניט צעברעכן ווילד
זיין אייגן נערונגס-אָרט...

אַזויפיל חכמה פינקלט מילד
אין געצעס משל-וואָרט!

קיין ספק ניט,
אַז אויך דער חכם האמלעט
דאָס גוט פאַרשטאַנען האָט,
דאָס גוט געוווּסט.
איז וואָס זשע האָט דערלאָזן ער שפּראָצן
אָט דעם נקמה-בוים ביי זיך אין ברוסט?

6

נקמה? כ'הער ווי האמלעט צערטלט אָט דאָס שלאַנגען-וואָרט,
עס צערטלט לאַנג,
זיך שווערט און רופט...
ווער נאָך, ווי ער, אָט דאָס פאַרצערנדיקע, בייז געפיל,
ביז גרונט האָט אויסגעפּרוווט?
און ווי עס האָט זיך ניט געמיאוסט זיין נשמה קראַנק —
ער אויסגעטרונקען האָט דעם בעכער סם,
און זיך דאָס גאַנצע איינגעווייד פאַרשרפט מיט זיין פלאַם.

ס'האָט האַמלעט ווייט געשוועבט שוין אין דער צוקונפט-שיין,
ווען טיף אין היינט
געזונקען האָבן זיינע קענגערס ביזן האַלדז,
און ווען ער אויף זיין וווּנד האָט אויסגעשיט א ים מיט זאַלץ,
זיי האָבן אים דערפאַר נאָך מער געקראָגן פיינט.

אָפעליען — ער געשיקט אין מאָנאַסטיר,
און זיך פאַרשטעלט האָט אין דער פּראָסטער שפּראַך פון פאָלק,
מיט פעדערן אַרומגעשטעקט זיך און פּאַטעטיש-קרעפטיק האָט
געשפּאַסט,
ווי יינגלינג דוד, ווען עס האָבן שאולס מענטשן אים פאַרפאָלגט,
ווי אונדזער זינגער משה ליב, ווען האָט אין „גראָבע רייד" זיך גרויס
צעבעסט.

ווייל האַמלעטס ריטערשער נאַטור איז פרעמד געווען דער האַס —
ער זיך אַליין אַזוי אין ערשטער ריי האָט אומגעבראַכט,
הגם ער איז געווען געבוירן זיין א קריגער, פירן שלאַכט,
ווי וועגן אים זאָגט פייערלעך דער בראַווער פאָרטינבראַס.

7

„זיין אָדער ניט זיין" —
און אָט דעם שוואַרצן אָפּגרונט זיך געשפּיגלט האָט פון אויג פון זיין
די שיין.

נאָר זוכנדיק דעם ענטפער, וואָס פאַר אים פאַרהוילן בלייבט,
אַריבער אַלע אומקום-קוואַליעס ער דאָס שיפל פון זיין דענקען טרייבט.
איז ווער-זשע זאָגן קאָן, אַז ער לויט זיין נאַטור געווען איז שוואַך,
ווען העפטיק ער אַזוי גערעכנט, געוויטאָקט, האָט געלאַכט?!

8

וואָס פאַר א שטורעם
עס ברויזט אויך אין זיין ליבע-טורעם!
די שווערע לאַסט פון האַמלעטס ליבע — די אויף ברודער-ליב האַפט
אָן א שיעור געפּלאָגט —
אָפעליע אויף איר צאַרטן אַקסל האָט געטראָגן א פאַרטורעמאַייפּלטע..
זיין צער-און צאָרן-שוועבל פון דעם גיהנום-פעדער פון זיינע ליידן,
וואָס איז געפאַלן אויף איר האַרץ, ווי שטויב אויף בלום, —
דאָס קינד באַשיידנס

אין רייגער שיינקייט האָט פאַרוואַנדלט.
אין אָרעאָל פון אָט דעם חן ביז היינט זי וואַנדלט!
אויב האַמלעט האָט אָפעליען ליב געהאַט נאָך מער פון פערציק
ברידער,
און אויף איר אייגענעם ברודערס ליבע האָט אראָפּגעקוקט ווי אין
דער נידער, —

אָפעליע האַמלעטן האָט ליב געהאַט נאָך מער פון פערציק טויזנט
שוועסטער!
און דאָס איז ערשט געוואָרן האַמלעטס טרויער גרעסטער...
ווייל דאָ געשען איז אומגעריכט א וווּנדער;
זי האָט פון האַמלעטן זיך שוין ניט אונטערשיידט באַזונדער.

זי הערנדיק, ווי אויף איר וואַנזין-שנירל קרעל נאָך קרעל זי ציילט
אירע רייד,
אין איר פאַרנונפט געריר‏טן, דוכט, פון אַלץ בליצט דער באַשייד.
און האַמלעט דעמלט אויף אַן אמת אויף די קני פאַר איר זיך שטעלט —
אין אירע צאַרטע יונגפרוי-הענט ער זעט די וואָגשאָל פון דער וועלט!

דער גבור פון יאַסנע פּאָליאַנע

אז ס'האָט שוין דער גבור פון יאַסנע פּאָליאַנע
די אייזערנע שטייג אויפגעבראָכן,
איז אויך אים ניטאָ דאָך מיט וואָס זיין מקנא —
דעם ריז, וואָס זיין שטייג האָט צעבראָכן.

עס האָט דאָס פאַרשטאַנען דער זונען-שטראַל לעצטער,
ווען האָט זיך מיט בליק פונעם גוסס באַגעגנט
אין אָרעמען דאָרפישן פענצטער און צאַרט זיך געזעגנט...
עס האָט דאָס פאַרשטאַנען דער זונען-שטראַל לעצטער.

געזען ווי דעם מאַן, וואָס פון היים, ווייב און קינד איז אַנטלאָפן,
און מיט אינעם פאָלק זיך געוואָלט פון דער וועלט אויסבאַהאַלטן, —
דאָס אַלץ אין דער לעצטער מינוט האָט דערגרייכט אים, געטראָפן —
דעם מאַן, וואָס פון היינט, ווייב און קינד האָט געוואָלט זיך באַהאַלטן.

דערלאָזט ניט אפילו אליין אים דערזאָגן זיין ודוי.
אריין־זיך־געמישט מיט די זעלביקע זייערע קולות
אין לעצטן געדאנק אויסגעבענקטן. אוי וואָס פאר א גרויל איז!
דערלאָזט ניט אפילו אליין אים דערזאָגן זיין ודוי.

אזוי דער לייכטפיסיקער איידעלער הירש מיט די נאָבלע געפילן
וואָס לויפט שווער־פארוואונדעט צו שטארבן וואָס ווייטער פון זיינע פארפאָלגער,
אין טויט־קראמפן זיינע ער הערט אויך פון יאגד־הינט דאָס בילן —
דער הירש, וואָס פארוואונדעט לויפט שטארבן וואָס ווייטער פון זיינע פארפאָלגער...

איך גלייב זיך ניט

זין פארפירערישער אָנגענעמער פרילינג.
יעדעס מאָל דו טרויסט זיך ניט.
(פון ל. נ. טאָלסטאָיס טאָגביכער)

א זין־פארפירערישער אָנגענעמער פרילינג!
עס גייט מיט מיר מיין שאָטן אויף דער ערד —
מיין צווילינג.

איך גלייב זיך ניט.

אויף גרינע הינלען ווייסע וואָלקנדלעך, ווי וועש
צעהאָנגען.
דער הימל־ערשטער בלוי. די לופט זיך ברעכט
פון קלאנגען

איך גלייב זיך ניט.

דער רייץ פון געלן קארש אויף בוים איז איינציק.
פון נעסט עס פליט ארויס א שוועלבעלע א קליינטשיק.
איך גלייב זיך ניט.

ווי מיליאסן רגעס זענען צייט און צייט — בלויז
רגעס, —
דער אין־סוף־וועג באשטייט פון שטויבעלעך, און
שטויב דער וועג איז.
איך גלייב זיך ניט.

אין זוגען־אַרעאַל א פויערטע שוועבט דורך פיס־
באַרווים.
פון ברוסט די פרייד זיך פליסט ארויס אַן ערבות,
איך גלויב זיך ניט.

גאַט ווייסט ווהין עס ציט דאָס רייט־פערד הייסע.
עס זינגען פייגעלעך אין זיבן שוויסן.
איך גלייב זיך ניט.

דאָס גראָז א בליאסק געטאָן האָט, ווי א שווערד נאָר.
איך, ענדלעך, וועל איך זיין בלויז גראָז און ערד נאָר.
איך גלייב זיך ניט.

אין שווייס פון דיין פנים

אזוי ווי אין שווייס פון דיין פנים
מיט אייזן די ערד מוזסט צעגראָבן
באנאנד מיט די ווערעם, וואָס ווימלען,
באנאנד מיט די בלימלעך אין פלאקער, —
ביז גרונט דיין נשמה צעאקער
מיט אלע דאַרט פלאַנטער געוועבן,
צעריים אירע שווייסיקע דרימלען,
באמי זיך איר שיכט איבערקערן,
אז, „אונטן" זאָל „אויבן" נאָר ווערן,
און אלץ צוליב דעם, אז זאָלסט לעבן
און בענטשן די ערד און די הימלען.

אין דער טיף פון וואלד אליין

מער פון אלץ האט ער ליב געהאט
צו רעדן וועגן גאט, וועגן פויער.
און וועגן פרויען.
(פון מ. גאָרקיס פארצייכנונגען וועגן
ל. נ. טאָלסטאָיען).

אין דער ווייסקייט פון זיין ליינען־העמד,
אין דער גרינער ביימער־שיין געהילט,
איינגעשרומפן, לעגענדאריש־קליין,
גלייך מיט עמעצן זיך אין באהעלטעניש
געשפילט
(און דערביי זיך ווי מיט דעם געשעמט),
אין דער טיף פון וואלד אליין,
פון זיין שטעכיק אויג געפירט, —
וואָס מיט אים אצינד פאסירט?

לויערט ער נאָך זיך אליין אזוי?

...יענער מילדער, ווייכער פלעק פון זונען־ליכט
אויף טונקל גראָז —
איז די פרוי.

און א יענער שאָטן גרויער
מיטן אָנבליק פון א פויער —
דאָס בין איך.

ניט קיין קריסט, ניט מוסולמאנער,
נאָר, הפנים, נאָך א געצנדינער...

ס'איז מיין גאָט — דער בוים דער גרינער.
ניט פון יעוואנגעליע, ניט אויך פון קאָראן ער
נייערט פון דער היגער ערד —
פון מיין היגער ערד...

דאָסטאָיעווסקי

גאָגאָלן און פּושקינען האָט דאָסטאָיעווסקי
פאַרגעטערט אין משך פון זיין גאַנצן לעבן.

I

גאָגאָל... פּושקין... שטענדיק און צוזאַמען —
זיי געלעבט אין זיין געמיט, ווי גראַמען.

כ'ליג און כ'קלער כמעט אין היץ פון פיבער
וועגן אָט דעם וווּנדערלעכן חבור

און זיין זעלטענעם סך-הכל...
וואָס איך פיל דערביי? פון שיף דעם וואַקל

איבער אָפּגרונט פון אַ ים אין שטורעם,
וואָס פאַרשטעלן קאָן ניט דאָך דאָס ליכט פון טורעם.

ענדלעך איך פאַרפאַל אין שלאָף, נאָר הערן
כ'הער ס'געזאַנג פון ים און פון די שטערן...

II

הייגט ביז פאַרטאָג איך האָב געלייענט דאָסטאָיעווסקין.
צי הייסט עס ניט, אַז כ'האָב אַרומשפּאַצירט
אויף זיין פּראָספּעקט פון ניעווסקין?

דוכט מיר, אַז איך בין געגאַן אַ גאַנצע נאַכט אויף
ריזן-שטאָלצן,
אָנגעריט כמעט דעם שטערן-הימל מיט מיין קאָפּ
פאַריסן-שטאָלצן,
נאָר די פיס — געהאָנגען
האָבן אין דער לופט, ווי שטעקנס דאַרע, לאַנגע...
אונטער זיי, אין אָפּגרונט, אַלץ געבושעוועט די
שרים און די שלאַנגען...

שעקספּיר און זיין שאָטן

עס איז געווען שעקספּיר צי בלויז זיין שאָטן?
דאָס פּעסטצושטעלן איז מיר ניט געראָטן,
נאָר כ׳וויים אז קלאָר געזען האָב איך:
דער גאַנץ ביי זיין ווערק זיצט און פּאַריכט...
איך האָב די אויגן מיינע ניט געגלויבט,
און מער נאָך אים דערפאַר באַוווּנדערט און געלויבט:
„זאָל זיין דאָס טוט שעקספּיר? אליין שעקספּיר?"
נאָר דאָ ער נעלם ווערט און זיין כתב־יד נאָר
בלייבט פאַר מיר,
וואָס האָט א שאַרש געטאָן: „שעקספּיר"? נו,
יאָ, שעקספּיר...

און אפשר ניין? ניט איך זיך קאָרעגיר, נאָר איר —
די נייע צייט, וואָס איך געבליבן בין אין איר,
און וואָס אויך לערנט עפּעס וויכטיקס מיך, ווי
זי ביי מיר.

ח. לייוויק[1]

(נעקראָלאָג)

כ׳האָב היינט געהערט. יאָ, אפשר הונדערט מאָל געהערט:
געשטאָרבן לייוויק!
מיר האָט געדאַכט, מיך טרייסט די קאַלטע ווייסע ווינטער־ערד:
— ווי זיינע ראָקי־בערג אין שניי, זיין שם וועט בלאַנקען אייביק!

און פון דעם זאָג דער דיכטער אויפגעלעבט צוריק, ווי פון א שפּרונג —
איך זע אים אויף די מאָסקווער בולוואַרן.

[1] אלע אויסדריקן אין קורסיוו זיינען פון ה. לייוויקס לידער־ציקל „היים סאָוועטישע".

ער האָט פון זיך ניט אָפּגעטרייסלט נאָך סיבירער שניי און פראָסט־געדרויך
און אויך ניט די ניוויאָרקישע געפאַרן.

דאָך גייט ארום אדורכגעלויכטענער פון דער אָקטאָבער־וואָר,
און אלע זיינע גלידער־סטרונעס. איבער זיי א האנט א גייע.
ער הערט זיך איין אין זיך און זיך אליין דערקענט ניט נאָר —
העלפט טראָגן אויך יעסעניגען אויף זיין לויב.

„מע הייבט דיך ארום פושקינען און מע באקלאָגט דיך,
ווי רוסלאנדס איינעם פון די בעסטע קינדער" —
צו אים אין אָרון, און צו זיך אליין ער האָט געזאָגט אויך,
אוודאי ניט אַן קנאה־זעעוודיקער, ניט קיין בלינדער.

ווייל אַט קוים טויזנט יידן אויפגעהויבן אין איר מולטער
האָט זיין קהלה ריזיקע פון העכער צוויי־א־האלב מיליאָן
אויף לעצטן וועג באגלייטן אים — דעם העכסטן מיט זיין שולטער!
צי זענען דאַרטן אלע דען אין בירזשע־שפּיל פארטאָן?

אזוי מיר פרעגן דאָ, אין מאָסקווע, ווילנע, מינסק, איהומען,
און זענען דאָ צו זיין לויה זיך מצרף אויך.
אין טיפן טרויער טראָגן אים אהינטער קרענץ פון בלומען —
אים טראָגן, הייבן ארום פרצן אויף אונדזער אקסל הויך.
עס גייען קאָפּ אין רוקן זיינע ברידער אין שינעלן
וואָס אַט ערשט נעכטן, דאכט זיך, זיי געזען ער האָט
אויף רייט־פערד, אויף געדעכטע, ביי די היימישדיקע שוועלן.
עס גייען זיינע ברידער גלייך מקיים א געבאָט.

עס טוכן אויף אויך זיינע פעטערס, שארפער פון לבנות,
און אויך די שיין פון ארבעטער־בגדים שטראָמט צו אים געווענדט.
אין אויגן — שפּיציק ליכט. אויף ליפּן רצון און עקשנות.
אזוי זען היים סאָוועטישע איר זינגער זוכט אין אים, דערקענט.

אזוי מיר דאָ זיין גוף און גייסט צו רו געגארטער ברענגען,
און זיינע לידער, ריינע ווי דער פלאם. צו ארבן זייגען גרייט.
זיין דיכטונג ניט קיין פידל איז אויף ווערבעס אויפצוהענגען.
דאָס ווייסע ברויט זיין אויף דער נייסטער סעודה טרוימען זיינע רייד.

פונעם בוך
א רינגל אויף דיין פינגער
(פון א געפונענעם לירישן טאָגבוך)

„א רינגל אויף דיין פינגער"
צי קלינגט עס נישט אראביש ?
צי העברעאיש ? זיין מקדש —
אוין פאסט א יידיש־זינגער.

I

אין ליכט און אין דער טונקל

דאָס גאנצע פולע טאָג-ליכט נידערט אויף זיין גאס
מיט זוניק שווערן ערנסט און מיט העלן, לייכטן שפּאס.
די גאנצע טונקל פון דער נאכט אויף איר איך שפּרייט
ביז צו דיין שוועל איר שטילן טעפּיך ווייך און ברייט.
אין לייג איך מיך אוועק אין ליכט און אין דער טונקל
פאר דיין הויז
צו זיין א יעדע רגע דאָ טאָג איין, טאָג אויס.

דער הארבסט שפּילט מיט פארבן

דער הארבסט שפּילט מיט פארבן. דער הימל ווערט
מילדער.
און דאָך אזוי פּוסט איז אָן דיר.
דער הארבסט זייגע פארבן אין סם טונקט א ווילדער.
ווי אומעטיק איז מיר אָן דיר!

די זון פון גאנצפרי האָט איר גיגגאָלד צעהאָנגען.
און דאָך אזוי פּוסט איז אָן דיר.
און איידער דער שניט האָט בארירט נאָך די זאנגען—
ווי אומעטיק איז מיר אָן דיר!

אין סקווער שפּילן קינדער, דער ערדס שענסטע בלומען
און דאָך אזוי פּוסט איז אָן דיר.
אָט איז נאָך א גלעט אויך מיין ליבלינג געקומען.
ווי אומעטיק איז מיר אָן דיר!

כדי דיך פארגעסן, געגאנגען כ'בין מיילן.
ווי אומעטיק איז מיר אָן דיר.
איך האָב היינט געטרייסלט פון רשעות די זיילן.
און דאָך אזוי פוסט איז אָן דיר!

פון ווייטנס נאָך

פון ווייטנס נאָך האָב איך ביי דיר, אויף דיין גאָרן,
דיין אויפגעפּראַלט פענצטער דערקענט,
און איך האָב דערמאַנט זיך, דערזען קוים צעעפנט
דיין מויל, ווען צו מיינעם זיך נענט.

פארשטיי מיך, איך גלייך ניט דיין מויל צו א
פענצטער —
דיין מויל, וואָס ניט קליין איז, ניט גרויס.
דאָס מיינט נאָר, פאר מיר, ווי א שמעטערלינג,
שוועבט עס
אויף ריזיקער וואנט פון דיין הויז...

אלדינגס וואָס איך זע און הער —

אלדינגס וואָס איך זע און הער —
דיר געהערט.
כ'קוק צו דיר, דערצייל און אויפן אָרט מיר ווערט
באצאָלט,
ווייל אין דיינע אויגן צינדט זיך דאָס פייער-גאָלד,
וואָס מיט אים איעדעס מאָל
איך א נייעם שטריך צו דיין פּאָרטרעט דערמאָל.

דיין שוועל

ניט איינמאָל אריבערגעשריטן
איך האָב פון דיין צימער די שוועל,
און תמיד דערביי שאַרף געביטן
עס האָט זיך דאָס ליכט אין מיין זעל:

געטאָגט און גענאַכט און געשפּענסטערט,
נאָר ניט ווי אין פענצטער —
כסדר פאַרקערט...
ניט אַנדערש, די שוועלן פון דיין צימער —
געוואָרן די אַקס פון דער ערד.

האַרטנעקיקע ריטערס

האַרטנעקיקע ריטערס, באַזיצערס פון שלעסער
מיט הענגענדע בריקן, מיט קנעכט, מיט געווער —
אַריבער אַ ראָוו, אָנגעפילטן מיט וואַסער —
עס זענען געווען דיינע זיידעס, איך קלער.

ווייל כלומרשט אויך דו פון דער הייך פון דיין שלאָס
כמעט אומבאַמערקט לאָזט אַראָפּ אָפֿט די בריק,
און לויפסט ביז צו מיר, אָט פאַרוואונדעסט מיך האָסט,
אָט בליץ שנעל צו דיר ציסט דיך בריהש צוריק...

ניין, ניט שלאָס

ניין, ניט שלאָס... היינט שיינסטו מיר אַ פעסטונג,
אָפֿענע נאָר אַלע שלאַכטן.
היילנדיק, קיל גראָז און פייגל־נעסטן
אין די לעבער־וווּנדן... דאָך ניט דאַכטן

זאָל זיך, אז מע קאָן אהין אריין אָן שטרייטן,
פראַק און פריי און אומבאשטראָפט ארום-
שפאצירן.
אין די טונקלע לאבירינטן אירע
ניט איין אומגליק לויערט, קאָן פאסירן.

זאָגן מיר: א בים פון שלאנג... אינדעסן
צווינגסטו מיך, איך זאָל אין דעם פארגעסן.

היט דיך מיט דיין שפיגל רייד פארפירן

היט דיך מיט דיין שפיגל רייד פארפירן
צי מיין לויב-געזאנג דיר פאסט אין וואָר איז;
כ׳ווייס פון פריער, אז ער וועט נעגירן
גראָב אין נאריש... דאָר מיר קלאָר איז:

ניט אין וואסער-בליק זיין גלאנציק-פלאכן —
נאקעט, פריי און לוסטיק באָדן זיך די טרוימען
פון דיין זעל טרעגירטער מיט איר לויער וואכן,
נאָר אין אפל פון מיין אויגס תהומען...

ביסטו דען ניט אויף מיין הארץ א זיגל?
פרעג ניט, עצה דיך ניט מיט דיין שפיגל!

ליכט־פונקטן

כ׳האָב ליב אָסיען קילן
כ׳האָב ליב אָנהויב פרילינג—
די טעג, וואָס זיך שפילן
מיט ליכט און פארהילונג.

די טעג, וואָס זיך מינען,
ווי גאָלד פון באַגינען,
אין נרויען געטונקטן...

אויף דיר, ווען א טריבע
דו ביסט — זע איך, ליבע,
די זעלבע ליכט־פונקטן...

ווען וואָלסט געווען...

ווען וואָלסט געווען א טונקלער אָוונט־בוים,
וואָס אָנהויב הארבסט צעזיפצט זיך אזוי פרום,
איז אָסור צי איך וואָלט געזאָגט אים? זיפץ ניט און ניט ברום
באזונדערס, ווען דאָס זיפצן פארוויגט, ווי אין א טרוים,
נאָר דו ביסט דאָך א מענטש און נאָך דערצו א פרוי,
איז טוט געווים דערביי דאָס הארץ דיר ווי אזוי.

ווען וואָלסט געווען א טונקלער אָונט־טייך,
וואָס אָנהייב הארבסט זיין פנים ווערט מיט קנייטשן רייך,
איז אָסור צי איך וואָלט געזאָגט: ניט קנייטש זיך טייך,
באזונדערס, ווען די קנייטשן אים צו שטאָל אויך מאכן גלייך.
נאָר דו ביסט דאָך א מענטש און נאָך דערצו א פרוי,
איז טוט געווים דערביי דאָס הארץ דיר ווי אזוי.

כאָטש אָפט ניט אין גאנצן איך קאָן עס פארשטיין

כאָטש אָפט ניט אין גאנצן איך קאָן עס פארשטיין
ווען ס'ווערט אומגעריכט דיין געזיכט מירמל־שטיין —
אויף אים קלאָר איך זע! דיין הארטנעקיקער „ניין"
א ברודער דיין „יאָ" איז — ווי ער מלא חן.

איך קוק דאן אויף דיר און כ'קאָן אלץ ניט פארשטיין:
די קנייטשן. וואָס ווערן באנאנד מיט דיין „ניין“
ביי דיר אויפן שטערן — די קארבן דריי־פיר —
ניט מאכן דיך עלטער, נאָר יינגער פאר מיר.

ביי דיר אויפן שטערן די קארבן דריי־פיר —
אזוי ווי אויף סטרונעס געשפילט כ'וואָלט אויף זיי,
אזוי ווי א פידעלע באזעלט זיי באריר,
ארויסגעבראַכט אפשר דיין איידעלן ווײ.

א פרישקייט אזא איז פאראן אין דיין „ניין“ —
א פרישקייט פון פרויעשן קלערן, געדאנק און געוויין?
ווען ס'ווערט אומגעריכט דיין געזיכט מירמל־שטיין —
אויף אים אויך דיין „ניין“, ווי דיין „יאָ“ מלא חן.

ס'געמיט — ליכט און צארטקייט

ס'געמיט — ליכט און צארטקייט. דאָס בלוט — א געוויטער.
עס טיילט זיי פאנאנדער אן אָפּגרונט א טיפער.
און איבער אים, ווייס איך, אין עלנט־נעכט שווערע,
פון בענקשאפט די שטים — א געקוויטש שניידיק־שיפער
פון שלאָפלאָזע פייגל — הילכט אָפּ אזוי ביטער.

נאָר תמיד, ווען דיך אָט דער רוף צו אינסופן —
דער ליידנשאפטס בת־קול — באריכט מיט זיין פליגל —
דו דעקסט איין דעם קאָפּ, דרייסט זיך אום מיטן רוקן,
און ליסטיק, ווי ס'שפילן זיך, קינדער אין וויגל,
דו מאכסט זיך, אז דרימלסט און — ווערסט זים אנטשלאָפן...

נו, זאָג מיר

נו, זאָג מיר, דו, לופט־אַס דו פּלי־קונצן־גבור,
ווי טראָגט מען עס איבער,
ווי טראָגט מען עס איבער
די זעלישע הייך און די זעלישע „גריבער"
פון דער, וואָס פון יעדן אַצינד איז מיר ליבער?

און זאָג מיר: צי ווילט זיך פון אָט דעם איינייגעם:
פון אָפּגרונט־געשליידער
אין פּוגעס צוריקפּלי אין הימל אין ריינעם
אויך דיר, ווי א קינד, זיך גאָר ביטער צעוויינען?...

יאָ, מיינע, מיינע...

יאָ, מיינע, מיינע, מיינע,
גאָר די סאַמע הייכן
פון צאַרטקייט פון דיינע —
וועל איך, ווייס איך, ניט דערגרייכן.

ווייל אָפּט גאָר, זע איך, זיין געפעלט דיין צאַרטקייט
א פאַרווונדעטע פייגעלע. וואָס היפּעט קוים,
גאָר שטייגט פון צווייג צו צווייג מיט איינגעשפּאַרטקייט,
און, פאַרגאַרנדיק אַזוי גאָר זיך אויף בוים
דעם קונדס, וואָס זיך גנבעט, קלעטערט
אויף צו פאַנגען עס און נעמען אין די הענט —
באַהאַלט זיך עס גאָר פּלוצעם אין די בלעטער,
זעצט אוועק זיך, אויף דער העכסטער צווייג, אויף
סאַמע עק —
אויף סאַמע שפּיץ פון בלעטער־קרוין.
וווהין דאָס יעגערל וועט ניט דערשטייגן שוין...

צי ביסטו א שיינע?

צי ביסטו א שיינע? געווים, נאָר דיין שיינקייט
פון גאָר א באַזונדערן שטאָף איז און איידל,
א ריינע, דו טראָגסט זי אין דיר טיף־באַהאַלטן,
אַזוי ווי א ריטער זיין שווערד אינעם שיידל.
און איך, וואָס דיין שיינקייט דיך צווינג צו אַנטבלויזן —
ווי זאָל איך ניט שטאָלץ זיין, ווי זאָל זיך ניט גרויסן?

ווען איך גיי אוועק פון דיר

ווען איך גיי אוועק פון דיר און לאָז דיך ברוגז איבער,
זעץ איך פאָר מיט דיר מיין שמועס פאר די שטיבער

פון דיין געסל, וואָס זיי קענען מיך שוין אויסגעבוגדן,
טריי דעם חשבון פירן דאָ פון מיין דערשיינען און פארשווונדן.

הייגט, כדי איך זאָל פון זיי באַמערקט ניט ווערן —
בין איך איינגעהויקערט דורכגעגאַנגען בליץ־שנעל, אָן שום קלערן

לענג אויס אַלע טירן, פענצטער, אונטערשטע און גאָרנדיקע,
כאַפנדיק א קוק אין הימל צו די כמאַרעס מיט א דריבנע רעגן
שאָרשנדיקע.

און דערביי אויך אונטער אָרעם מיטן גאַנצן נאַכטיש־ענגען דרויסן —
ס'גאַנצע געסל. וואָס איך שלעפ אַזוי מיט מיר עס, ווי זיין גרויסן

באַס עס טראָגט דער קלעזמער, ווען ער גייט אַהיים פון שענק א
מידער...
נאָר איך זאָג מיר: היינט א סומנע ברומער, מאָרגן אָבער ווידער

וועט דיין געסל זיין פאר מיר א פידל פול מיט זונען־לידער!...

אָ, זיי ניט אזוי שטרענג

אָ, זיי ניט אזוי שטרענג צו מיר
דערפאר, וואָס טייער איז מיר אונדזער זאלבענאנד,
און כ׳גיי איעדן אָוונט דאָך אוועק פון דיר.
צו זעסטו דען ניט? תמיד לאָז איך איבער אויף
דיין וואנט
מיין קוש געהיימען, און איך טו מיין בליק א טונק
מיט דורשט מיט ניט געשטילטער אין דער שיין
פון קליינעם שטיי־לאָמפּ אויפן ביכער־טישל דיין,
און כ׳גיב איין לאנגען, גוטן גלי־אָראנזש־ליכט־טרונק
אלס לעצטן שלונג...

אָ, זיי ניט אזוי שטרענג צו מיר,
און זיי ניט אזוי שטרענג צו דיר!

רגעס

.1

צי קאָן מען דערקלערן דעם שטערן פארשארטן
אויף שמעטערלינג־פליגעלער, וואָס אָנגעמאָלן
דער זומער־טאָג האָט מיט זיין פּענזל וויך־צארטן,
מיט בלימעלער־פארב פון די בערג און די טאָלן.

פון שטאָף פון דעם זעלבן — אויך אונדזערע רגעס,
וואָס מאכן דאָס אויג פול ביז איבער די ברעגעס —
פון שטאָף, וואָס פון ליכט און פון לופט איז ער גרינגער,
און שטויב ווערט פון מינדסטן באריר מיט די פינגער.

און דאָך וועל ניט קיינעם ביי מיר לאָזן רויבן
דאָס גליק און די שיינקייט פון זייערע שטויבן!...

.2

געננוי ווי די מעכטיקע כוואַליעס פון ים נאָכן קושן
דעם זאַמד־ברעג געגאַרטן, אַנטלויפן, נאָר תיכּף זיך קערן
צוריק ניט געשטילטע (מעג שיטן דער הימל מיט שטערן!)—
אַזוי נאָך די צאַרטקייטן־רעגעס מיט דיר — מײַנע חושים,
וואָס היטן אין זייער גדרעבעניש דיך, דיך מײַן באַגערטע,
צו דײַנע פיס טרייבן מײַן גיר און מײַן בענקשאַפט פאַרמערטע
נאָך ווידער באַהעפטונג באַשערטער און ווידער באַנײַאונג
די שפּיל צווישן ערד דער געבענטשטער און ים־גייסט דעם
פרײַען...

3

מײַן טאַטע, מײַן טאַטע,
מיט זאָרגן אויף זאָרגן,
ווי לאַטע אויף לאַטע —
וואָס וואָלט ער געזאָגט אויף אַזאַ מין פרי־
מאָרגן?

אויף רגעם די זאַטע
מיט לידער, מיט לידער,
און ווידער און ווידער
אַלץ וועגן אַן אשה, רחמנאָ לצלן?

„דו ביסט דאָך ניט שלמה,
ניט מלך בן מלך,
ניט זינגער בן זינגער —
פון וואַן קומט צו דיר דער געזאַנג אַ־דער
גרינגער?“
(אַזוי כ'שטעל מיר פאָר — מײַן טאַטע
הייבט אָן).

— אוי, טאַטע, ניט גרינגער.
דאָס האַרץ ברעכט ביים זינגער.
פיל מי קאָסט די פינגער
אויפהויבן פון שרײַבטיש די דאָזיקע לידער.

נאָר ווידער און ווידער —
דו קענסט ניט פארשטיין מיך.
איך שעם זיך דיר זאָגן: פון דעם אלץ גאָר
וויין איך.
דיין אויסזע דיין שטרענגער —
בלויז מוסר... דו ווילסט ניט פארשטיין
אַט דאָס אלץ און ניט ווילסן.

יאָ, טאטע, איך הייגט נאָך דו ביסט מיין געוויסן!
ווי דאן, ווען וואָס ווייטער
פון אויגן פון דיינע
איך האָב אויסבאהאלטן
די כתבים, זיי זאָלן דיר גאריש נישט שיינען.

אוי, טאטע, ווי ביסטו?
...אוועק אין דער פינצטער,
אוועק ווי דער שאָטן
פון פאָטער פון דענמארקס פרינץ ער?...
ס'איז מיר ניט געראָטן
אים לענגער פארהאלטן.

מיט בליק מיט זיין שטראָפעריש־קאלטן
איך קוק אויף די ווענט —
אי זיינע, אי מיינע —
און כ'וויים. כ'האָב דערצאָרנט אים נאָר מיט
מיין פרעגן.

און דאך וויל איך דאנקען
דיר, טאטע. ווי תמיד,
ווען איך דיך באגעגן
אין מיינע גערדאנקען.

ווי קוק איך אויף מרים פון מגדל?

ווי קוק איך אויף מרים פון מגדל — ווילסט וויסן?
— א ווייטע דיר קרובה און לאָזט דיר דאָך גריסן.
א יידישע טאָכטער, ווי דו, מיין געליבטע,
ווי דו, א באליידיקטע אויך, א באטריבטע,
און האָט זיך אין ישום ארמיי איינגעשלאָסן
צו שטילן איר בלוט און די יונגפרוי־פארדראָסן.

צי איז זי א שיינע געווען? דאָס איז פרעגלער.
פארבליבענע שפּורן געזאָגט האָבן: מעגלעך.
באזונדערס — איר איידעלע שטאלט און די ריפּן.
דאָס גוטע און טראָציקע מויל מיט די ליפּן.
די אויגן. ווי ציגלעך, וואָס זיינען ארויס ערשט פון וואסער...
א שטערן, וואָס פּלוצעם ווערט העלער און בלאסער,
און דעמלט אויף אים ווערט אויך עפּעס געצייכנט, געשריבן
מיט פייער... זאָל זיין די געבאָטן פון ליבע?
דאָך קליין אירע בריסטלעך, נאָר מירמל—דער אָרעם.
„פונוואַנען איך וויים עס? ניין, ניט פון די ספרים.
דאָס אלץ מיר אנטפּלעקט זיך אין רגעס אין יענע,
ווען ס'שוועבט אויף דיין פּנים מיין רוף: „מאגדא־לענע!"
און קושט איים דאָס ליכט וואָס אויף אים מיר אנטדעקט זיך.
נאָר שטילער... נאָר שטילער... דאָס הארץ צופיל רעגט זיך.

ווער איז זי געווען דאָך אין לעצטן סך־הכל?
— די אָרעמע פרוי האָט געקלאפּט אויפן פּייקל
אין ישום ארמיי און געטאנצט, ווי א וויכער,
פאר די, וואָס עס האָט זיי געצויגן גאָר גיכער
צ'א לוסט־הויז פארברענגען אלע טונקלע רייד הערן
פון גליק, וואָס איז לויטערער נאָך פון די שטערן...

זי האָט אין איר צדקות פון זיי אויך פאר ליב
אָנגענומען,
ווען פלעגן אפילו זיך ווילדע צעברומען,
די פיס אירע קנייפּן... הגם אויב גערענקען,
אז קומען זי קומט פון די אָרעמע שענקען,
און האָט לשם מצוה געטאנצט נאָר,
איז קאָן מען זיך שטויסן:
א טענצערן איז זי געווען ניט קיין גרויסע...

דערפאר אָבער שלימות און פלייס ז'האָט דערוויזן,
ווען גרעט פלעג זי וואשן — א גרעט, וואָס בלויז
שפּיזן
געקענט וואָלטן אפשר באזיגן
דעם פאנצער פון קויט, וואָס אויף אים איז געליגן—
דאָס וועש פון פארוואָרלאָזטע מענטשן שווער-קראנקע,
פון קרעציקע אויך... איר גוף דינער, שלאנקער
געבויגן האָט זיך פון גאנצפרי ביז פארנאכטלעך
אריבער א קוואל... איר ניט איינמאָל געדאכט זיך:
עס פרייט זיך דער קוואל מיט די הענט — אלץ
נאָך שיינע
צו גלעטן באשאפענע, שטיפעריש — קליינע...

און אומעטיק ווערט איר דעם קוואל הערן פלאפלען,
באזינגען
די אָרעמס, וואָס וואָלטן באדארפט טראָגן רינגען.
און קלאָר, ווי ג'אשפיגל, איר גורל דערזען און זיך
שפּאָטיש צעלאכט האָט,
נאָר ווען ז'האָט דאָס וואשן פארענדיקט, די הענט זי —
די הענט ברודיק-נאסע, וואָס האָבן געברענט זי
פון רייבן דאָס גרעט אויף א שטיין אויף א הארטן —
מיט עפּעס אן אייגענעם קער איינגעשפּארטן
א טרייסל געטאָן אין דער לופט האָט נאָך גרינגער,
ווי פייגל די פליגל... פון אלע צען פינגער
די טראָפּנס א שליידער געטאָן גלייך אין פּנים
אָט דעם, וואָס נאָר זי האָט געזען אים, הפּנים...

און ווידער זי בתולהש די הענט האָט פאַבראָכן,
דעם קאָפּ אויף א זייט, און געקענט וואָלט מען טעג
און אויך וואָכן
שטיין, קוקן אויף איר, אויף די הענט — הענט,
ווי טייבלער —
דער איידלסטער אויסדרוק פון דעם, וואָס איז ווייבלער
פון דעמלט ביז היינט, ווען מיט ליפּן, וואָס ברענען,
דיין האנט איך באריר און דיך רוף: „מאגראלענע!"

נאָר וואָס אין די פראגן די הויכע פון יעזוסעס לערע
האָט זי דען פארשטאנען? צי פלעגט מען זי ווען
עס איז הערן
פארשפרייטן זיין וואָרט? דאָ צווי דעות עס שטרייטן.
איין סברה פאראנען, אז זי איז א פרעמדע פון ווייטן
אין אויפשטענדלער־לאגער נאָר פלוצעם געקומען,
און ישון אויף וועגן אויף זיינע באגלייט — א
טויב־שטומע.
דאָס פּנים ב״י איר נאָר גערע־ט האָט, די גלידער
געטאָקטע
און מענער, וואָס האָבן געזען אין איר די געלאָקטע
ניט איינמאָל געפרווט האָבן זי צו פאריאָגן... פאר
פרויען פאר אלע
פון לאגער אויף איר האָט געשיינט שוין די קרוין
פון זיין כלה,
און האָבן אויף אירע נאָר באָרוויסע פיס — די
צעקלאפּטע, פארוווּנדעטע —
געזען שוין די קינפטיקע גאָלדענע שיכלער מיט
דימענטלער בונטע...

נאָר אנדערע האלטן: א זינד איז די אויגן פארגלאָצן
און הייליקע מעשות דערציילן אָט וועגן דעם שפּראָצן
נאטירלעכן, וועגן דער פעלד־בלום, וואָס מרים פון
מגדל
געוועזן איז... באפרייען מע דארף זי פון קלויסטערשן
שיקזאל
און זען זי; א הירשן, א ציג פון די ווילדע בארג־
ציגן...

איר פירונג — א פרייע און ליב געזאַט אמפּערן
זיך און זיך קריגן.
עס האָט ניט געפעלט איר אויך מוט אין וויכוחים
זיך מישן,
און מאַצבילן צווינגען צו הערן דאָס קול פון א
אשה.

טשיקאַווע באַגייסטערטע רייד וועגן איר פלעגט מען
פירן:
א מוח פון א דענקער אין פלאַמיקן קאָפּ זיצט אין
אירן.
א מויל. וואָס שיט פּערל... מען האָט ניט געגלייבט,
ניט פארשטאַנען:
די חכמה געשליפענע שאַרפע — פון וואַנען
צו איר — אַט דער גאַסן-גויט-טאָכטער פון
סאַמע פאָלקס-נידער,
דערצו מיט א האַרץ ווידערשפּעניקס, וואָס נאָר
קידער-ווידער.
מיט בונט פון איר האָט געוויט ווי פון ים-ווינט
פון שטאַרקן.
אויף ליפּן — דער האָניק און גיפט פון דער
שפּראַך פון די מאַרקן.

און איינמאָל בכיוון זי האָבן פאַרנאַרט פאַריסייער
אויף עפעס א דיספּוט א וויכטיקן, גרויסן דאָרט
זייער,
און דאָרט אין נקמה אין קליינער זיי האָבן אויף
איר אויך די קליידער צעריסן...
נאָך מערער דערפאַר איז כדאי, מע זאָל וויסן,
אז גראָד אין דעם טאָג, נאָך דעם דיספּוט
באַרימטן א יענעם
עס האָט זיך צעפּאַקלט דער שם „מאַגדאַלענע",
אין וועלכן פון דעמלט אָן קלינגען שוין אַלע די
קלאַנגען,
וואָס פלאַמערן הײנט אויך אין אָט די געזאַנגען.
פונוואַן דאָס אַלץ וויים איך? ניין, ניט פון די ספרים,
איך לייען ביי דיר אויף דיין ליכטיקן אָרעם...

האָט ישו באמערקט זי? אמאָל זיינע אויגן אויף
איר אויפגעהויבן?
איך גלייך מיט דיר גלייבן אין דעם וויל... און
דעמלט צוויי טויבן —
איר האָט זיך געדאַכט — איבער איר שנעל א פלי
געטאָן האָבן צוזאמען
א דריי זיך געטאָן און פארשלונגען געוואָרן פון
פלאמען
העל־בלאָע, פארלאָשענע תיכף, ווי נאָר אויפגעפלאקערט,
און גוט איר פון דעם איז געווען, ווי דער ערד
נאָכן אקער...
„דער דרייצנטער אפּאָסטאָל״ — אין שפּאס גוטן,
קלער איך,
זי ישו געזען... דאָס רעדט פון איר אייגענעם דרך...
„די יונגפרוי״ — אויף אלעמענס ליפּן געווען איז
איר נאָמען,
און כאָטש האלב לגנאי, ווייל געדענקט ס׳האָט זיך
איר עבר — א זאָמען
אזוי איז איינצייטיק געוואָרפן געוואָרן, וואָס
שפּעטער,
צעוואקסנדיק זיך, האָט פארקרובהט זי דאָך מיט די
געטער...

און זאָגן מע דארף: זי האָט ערלעך פארדינט עס,
ווייל קענען
מע מוז דאָך אליין, אייגנהאנטיק, אויסוואָרצלען,
אויסברענען
דאָס אלץ, וואָס אין דיר אינעווייניק עס שטערט
צו קוקן
דער זון גלייך אין פּנים... און מרים, — זי האָט מיטן רוקן
צו אלעם דעם שארף אויסגעדרייט זיך, וואָס זי
האָט באַנערט צו פארגעסן.
מיט דעם פאר די פּשוטע שטערבלעכע איז זי שוין
דעמלט אומשטערבלעך געווען.
א ביישפּיל א הויכער... וואָס שמייכלסטו, ליבע?
דערפון, וואָס די זעלביקע איינגשאפט מאקע אין
דיר איז צומאָל אויך די סבה

פון פלוכן פון מיינע — ניט בענטשונג? כ׳בין
מ:דה, פאראן איז א סתירה
אין שבחים אין מיינע צו מרים, צו אומשולד צו אירער,
אין וועלכער, אזוי ווי נ׳א נעץ, ז׳האָט אליין זיך
געפאנגען —
א שמעטערלינג נאָך מיט די זוניקסטע לעבנס־
פארלאנגען.
איז לאָמיר, באזינגענדיק, טאדלען זי אויך גלייך
מיט יענע,
וואָס זאָגן: פארפירעריש, זינדיק ז׳געווען מאגדאלענע
ניט דעמלט, ווען לייכטזין געפירט האָט מיט איר
אין דער יוגנט,
נאָר גראָד ערשט דערנאָך דעם, ווען זי האָט געדינט
שוין דער טו:גנד.

פון אייביק אָן ווייעט אויף אונדז מיט א טרויער א טיפן,
ווען עדות מיר זענען פון פלאָנטערן גאָטהייט־
באגריפן...
ווייל מרים איר גאָרטן געהיט האָט, זי האָט אים
פארדאָרבן,
און יודא אין פלוג איז געווען פון איר צניעות
דער קרבן...
די ספרים געוויינלער קיין וואָרט וועגן דעם ניט
דערמאנען,
און דאָך איז א ווידעראנאנד דאָ א טיפער פאראנען
מיט טערערע קנופן אויף ניט צעהאקן זיי, שיידן...
א קוק טאָן אויף דעק פון תהום אָט דעם לאָמיר
איצט ביידע.

ווען ס׳האָט נאָך דער נוצרי געפלאָטערט אזוי ווי א
זאנג, האָט יודא געוווסט
שוין פון פייניקונג־ליידן,
געוווסט פון גאָלגאָטע אין אייגענעם הארצן... און
פלאָגנדיק זיך, וואָס איז שווערער:
צו פעלשן אין פריינד, צי אין נביא אין זיינעם, אין
לערער?

ער פריער — דעם מענטשן און שפּעטער גאָטס
זון האָט פאַראָטן...
און מרים געוווסט עס... מיט ישון באַגלייך עס
באוויינט אים איר שאָטן,
לויפט אום, ווי דער ווינט, וואָס האָט אָקאָרשט
פארלאָשן דעם שייטער,
ווי ס'היציקע פערד נאָכן ווארפן אין אָפּגרונט דעם
רייטער...
נאָר שפּילער... נאָר שטילער... דאָס הארץ האלט
האלט ניט אויס, צופיל רעגט זיך,
ווען ס'נידערט אויף מיר אָט די שײַן פון דיין
זעלישן שימער —
אצינדערט דאָס איינציקע ליכט אין פארצויבערטן
צימער.

II

ווייט און נאָענט

ווי שווער צו דערקענען,
וואָס ווייט איז, וואָס נאָנט,
אין ניט נאָר אין שעהען
פון דעמער פון בלאָען.

די ווייט — זי אין אפּל
פון אויג ביי די שׂונאים.
די נאָ'נט — זי אין צאַפּל
ביי פריינט אויפן פּנים.

גאָר ווען ס'וואָלט געפעלט מיר
פון חושים דאָס אנען,
וואָס ווייט איז, וואָס נאָ'נט —
ביי דיר איך וואָלט פארשטאנען.
ביי דיר, וואָס אלץ נענטער
מיר ווערסט — נענטער, נענטער,
ווייל וואָס מער דערקענטער.

כ'ווייס ניט

כ'ווייס ניט, צי קורצאָטעמדיק עס איז דיין פרייד,
כ'ווייס ניט, צי לאנגאָטעמדיק עס איז דיין טרויער.
כ'ווייס נאָר, אז די זון ביי דיר פארגייט
ניט לויט איר געוויינלעך-שטרענגען צייטגאנג-
דויער,
און איך בלייב אין טונקל, ווי אָן ליכט א טויער.

א שעה איז פאראן

א שעה איז פאראן אין דער נאכט,
ווען אַפּן, אנטבלויזט זיך אנטפּלעקט די נאטור,
און ס'דאכט, ווי א יענער דו ביסט אויף דער שפּור
דער ריכטיקער... אָבער דער מוח, וואָס טראכט,
האָט מורא צו טראכטן... אזוי אויך עס ווערט
מיר שרעקלעך צומאָל, ווען איך זע דיך פארקלערט.

מיט אימפּעט

מיט אימפּעט פון בענקשאפט נאָך שוועל —
פון ווייט קומסט אליין, ווי צום ברעג
עס שווימט צו די ימישע וועל.
נאָר אויבעט, ווי זי, איז דיין זעל —
באוועגט פון די כוחות פון דעק —
שוין ווידער גרייט פליסן אומרואיק און בלינד,
און וואַרט אויף דער שפּיל מיטן ווינט...

אזוי ווי דער וויינשטאָק

אזוי ווי דער וויינשטאָק דער צארטער,
וואָס גיט זיך אונדז אונטער געהאָרכזאמער
ווייכער —
באפרייט פון דער האנט — קאָן די אויגן
אויסשטעכן —

אויף דו אין דיין הארצן פארבאָרגן
מיר גרייט שוין אויך מאָרגן
דיין קלאפּ פאר דיין הייגטיקן לאָזן זיך בויגן
און ברעכן...

איז דאָס גוט אזוי?

איך גיי אום און טענה און קריג זיך מיט דיר:
א רוימישע הארנטע פירסט דיך מיט מיר.

איין טאָג — מילד און גוט, און א צווייטן — פארקערט.
כ׳פארליר אין די אייגענע אויגן מיין ווערט.

הפּנים, דיין הארנטע-אויג דאָס פארשייטס
אין מיר זעט ניט איינעם, נאָר מערערע לייט.

בלויז איינער פון אונדז דיר געפעלט איבערגאָר,
די אנדערע אלע — בלייבט אייפערן נאָר.

און אים, וועם דערוויילט האָסט, וועז אונדז האָסט
פארשעמט —
אזוי ווי די ברידער פון יוסף אין זיידענעם העמד —

די ברידער צערייצטע — אויך מיר זענען גרייט
באַלײדיקן גראָב אים מיט האנט און מיט רייד.

אפילו פארקויפן אים אויך פאר א קנעכט...
נו, ענטפער זשע, זאָג, איז דאָס גוט אזוי, רעכט?

אָבער היינט

מאָדנע איז דיין בלומרשט לאָזן זיך פארפירן,
באַלד אויך — זיך אין קילער חכמה צירן,
און א צער איבער דיר טוט ווייען,
גלייך בלויז מיטן הארבסט־ווינט לעבסט אין צווייען,
ווי דער בוים דער גאָלדענער ביי דיר אין שויב...

וואָר דאָס אַלץ. געוויס, איז, וואָר, איך גלויב!

אָבער היינט, ווען פשוט ביסט ווי גראָז אין פעלד,
עבֿט, ווי יעדער קוואַל, וואָס אָ לויפט פון בארג און קוועלט,
גוט, ווי ס'איז געווען אין ערשטן טאָג די וועלט —
פרעג איך דיך: ווער ווען דאָך אין דיר פארשטעלט?

אויף דיין ברעג

און ווידער מיין גייסט לעבט אין אנגסט און אין וואקל,
און ווידער איך מאך טאָג און נאַכט דעם סך־הכל
פון זיצן מיט דיר אויף דיין ברעג.

נאָר וואָס איז די טעג דען באזונדערס געשען?
צי האָב איך דען שלעכטע סימנים געזען?
פונוואַן זשע די שרעק?

אזוי אויף זיין קייט דאכט דעם הונט דעם פארשייטן:
גנבים שאָטנס אויף אַלע עס רייטן...

דעם אמתן גייער...

דעם אמתן גייער — אים לאָזן גלייכגילטיק
די סלופּעס, די שטיינער, וואָס ציִיגן
פון וויאָרסטן די צאָל... ער בייטאָג און ביינאַכט גייט,
און זעלביקן ריטם טוט נידערן, שטייגן.
ווייל איבער אים גרויס איז דער כישוף פון וועגן —
דער גאָלדענער שטויב אין דער מיט און די פעלדער
ביי זייטן,
אויף הימל די כמארעס אין אָפּרו, אין וואנדער,
דער שאָטן פון וואלד, וואָס גרין טונקלט פון ווייטן.

און דאָס אונטערשיידט מיך פון דיר, וואָס מיר גייען
איין וועג, דאכט זיך,ביידע און דאָך ניט אין צווייען.

דאָס רעטעניש

ס׳גייען מענטשן דאָך
די העכסטע פעלדזן־בערג אריבער.
פאר וואָס זשע קאָן איך ניט
דאָס קליינע פינטעלע — דעם אויגנבליק.
ווען כ׳האָב געזאָגט מיר:
„ביסט פון אלעמען מיר ליבער!“
פאר וואָס זשע קאָן איך ניט
דאָס קליינע פינטעלע אריבערשפרייזן אויף צוריק?

* * *

ווי גוט דעם קינד, וואָס לאכנדיק פרעגט:
— מאמע, דאָס ביסטו?
— מאמע, דאָס ביסטו?
דערביי אויך פונעם שלאָף זי וועקט.
ווי גוט דעם קינד, וואָס לאכנדיק פרעגט!

ווי ערגער מיר, וואָס ערנסט כ׳פרעג!
— ליבסטע, דאָס ביסטו?
— ליבסטע, דאָס ביסטו?
דערבײַ זיך אויף אַן אמת כ׳שרעק,
זיך הערנדיק, ווי ערנסט כ׳פרעג.

★ ★ ★

פון אונטער די שטיינער עס צישעט די שלאַנג,
און דו אָפן ווארפסט מיר אין פנים דעם קלאַנג,
וואָס אַלץ אין דער לופט ער פארסמט מיר, ווי
גיפט,
דערבײַ קוקט דיין אויג גלייך — אפילו ניט
שיפט...

איך טראַכט דאַן פון יענע, וואָס זעלבסטמאָרד זיי
טוען באַגיין,
נאָר כ׳זאָג דיר ניט גאָרניט, פארכישופט כ׳בלייב
שטיין,
ווי אונטער דעם בליץ אינעם אָפענעם פעלד,
וואָס אי ער קאָן הרגענען, אי גרוים באַהעלט...

לייכטזין

יעדער לייכטזין אין זיין אומשולד — חוץ זיין מילדע
שיין ער
טראָגט צומאָל אויך די געפאר די ווייטע פון פארברעכן,
און ניט פריי פון דעם — אויך דיינער
מיט דער שפיל פון גאָלד אויף זיינע פלעכן,
מיט זיין שווינדלדיקער ספק־שיין אין ספק־פראַכט,
ווי דאָס פלי־ליכט פון די גלי־אינזעקטן אין א
זומער־נאַכט...

א געצנדינערן

א געצנדינערן דו ביסט לויט אלע פרטים,
און באזונדערס — לויטן באלדיק הייסן אָטעם
פון דיין באגייסטערונג, וואָס פלעמלט אויף געשווינד.
דו טראָגסט זי אָפּ אין די מאנדל־אויגן פון א צארטער אינד.
נאָר לעשט זיך תיכף אוים אין לאנגווייל טיפן,
ווייל גאָט דעם איינציקן האָסט קיינמאָל ניט באגריפן!...

די טעג און די נעכט

די טעג און די נעכט — מיינע פיינד,
ווי אייערנעכטן, נעכטן און היינט,
ווען פלוצעם זיי האָבן אסעגן,
ווי האָגל, ווי שניי און ווי רעגן,
געשטעלט זיך פאר מיר אויף די וועגן,
וואָס פירן צו דיר... אלע שטעגן
צעגראָבן זיי, אקערן איבער,
פארזייען מיט וואָלפישע גריבער,
פארווארפן מיט שטיינער און ביינער,
און איך דארף דאָס גוט מאכן איינער —
אליין מיט די הענט עס אָפּרוימען,
פארשיטן אויך אלע תהומען,
ווי אייערנעכטן, נעכטן און היינט,
די טעג און די נעכט — מייגע פיינד.

אויך פעלדזן

אויך פעלדזן, זאָגט מען, האָבן א זכרון,
און אין זיי עס לעבען אלע קלאנגען,
וואָס צוריק מיט הונדערטער נאָך יאָרן

אין זיי זיך אָנגעשלאָגן האָבן, ביז צו זיי דערגאנגען.

אויך פעלדזן, זאָגט מען, האָבן א זכרון, בענקען.
דער שטערן פון דיין גערעכעניש נאָר זאָגט זיך אָפּ
געדענקען.

אָ, העלף מיר פארשטיין

אָ, העלף מיר פארשטיין:
איז אלץ נאָר מיראזש?
די שטילקייט און רעש,
דער יאָ און דער ניין,
דער רויך און דער פלאם,
און דו אויך אליין —
מיין גרונטפעלדז־שטיין
אין מיט לעבענס־ים?

אָ, העלף מיר פארשטיין,
די וואָר שיל מיר אוים:
איז אלץ נאָר מיראזש
און הארץ־ווייטאָק בלויז?

און אפשר

און אפשר איז ענג דיר דער קרייז,
אין וועלכן איך האָב דיך פארצינגלט?
איז זאָג, צי א צייכן נאָר ווייז,
און זיין וועט ער באלד אויפגעינגלט.

צי אפשר דו האסט שוין אליין
דעם צוים פונעם קרייז אויפגעבראָכן?
צו וואָס זשע דיין זיפץ און געוויין,
צו וואָס דיין געמיט נאָך פאַריאָגן?

דיין פרייען געמיט, וואָס זיין פלאַטער פון לאַנג
פון יענער זייט שויב ארומשוועבט,
ווען איך דאָ, ביי דיר, זעץ נאָך פאָר מיין געזאַנג,
אזוי, ווי דער פויגל, וואָס טרינקט ניט, ניט עסט,
מיט ליבע־געצוויטשער און טרייסטאַפט די נעסט
פון קעלט און פון פינט אלץ באַוואָרנט,
ארומגעקלעפט...

כ'זע, שוין צייט

כ'זע, שוין צייט צו מאכן דעם סך־הכל,
נאָר דערביי אָן ברעכן זיך די פינגער.
ווי דער שטערן, וואָס אָן שרעק, אָן וואקל,
רייסט זיך אוים פון שטערן־קייט א גרינגער,
און א ליכטיקער אין אָפגרונט פליט ער —
גרייט איך מיך פאַרלאָזן דיך אָן ציטער.

ווי ווייט?

ווי ווייט איז פון זיין ביז ניט זיין,
אז לעבן און טויט גייען שטענדיק
צוזאמען —
געאָרעמט אזוי ווי א מאן מיט א פרוי?
איין שריט נאָר... דאָס ווייסן אמבעסטן

די פישערס אין מיט פון די ימים.

דאָס האָב איך דערזען אין דיין בלויען,
פאַרצוויבערטן צימער ערשט היינט,
ווען פּלוצעם אין צאָרן באַפוילן
די האָסט אים א שטורעם־ים זיין.

אויף זיינע צעבייזערטע כוואַליעס
דאָס פענצטער דערגרייכט האָב איך גיך,
ווו אונטער אים וואַרט שוין דער
אָפּגרונט,
וואָס איינשלינגען גרייט איז ער מיך.

אין אָט אָ־דער רגע פון אויסוואַל
פון פרייען, ווען פרעמד איז דיר שרעק,
כ'האָב ווידער געשטופט פאַרן לעבן —
מיין שיפל געטריבן צום ברעג.

דער ברעג — דאָס איז אויך דאָך דיין
צימער,
א בלוי פרוויאיש צימערל סתם,
און קיינעם גאָר איינפאַלן וועט ניט,
אז דאָ האָט געשטורעמט דער ים...

די האָסט מיך געבעטן

די האָסט מיך געבעטן: ניט זען דיך דריי טעג.
מיין טרעפן דיך היינט — גלייך מיט הארץ אויף א זעג
א שאַרפער געפאַלן בין איך. ווי עס בלוטיקט, זיך
רעגט!

מיר קלאָר ערשט געוואָרן אין אָ־די דריי טעג
וואָס שטורעם פון ים איז און חלום פון ברעג.

זינט איך דענק

זינט איך דענק, האָב ניט געקלאָגט זיך
אויפֿן בייטן זיך פֿון צייטן,
איינגעהאָרכט זיך אינעם ווינטער.
און אין אייזגאַנג ווילד־באַפֿרייטן.

מיט דעם זעלבן רייץ, וואָס תּמיד
כ׳בין געגאַן דער זון אַקעגן,
איך באַגעגנט האָב די כמאַרעס,
און געשפּאַנט אויך מיטן רעגן.

פּונקט אַזוי דיין מילדע, שטרענגע,
דיין נאַטור — איך אויך פֿאַרגעטער,
און ניט ענדערן אַפֿילו
כ׳וועל ניט איר אומהיימלעך וועטער.

גלויב

איך בענק נאָך דיר, פֿאַרעקשנט בענק.
צו דיר מיך פֿירן טויזנט געננג.

איז בעט איך דיך גאַנץ ערנסט: גלויב —
דאָס גרויע פֿייגעלע, צי טויב,
וואָס פֿליט אַריין צו דיר אין שויב
אויף זוכן דאָרטן שפּייז פֿאַר זיך —
איז אויכעט איך,
איז אויכעט איך.
איז אין אַן אַנדער גילגול איך!

זאָג ניט

זאָג ניט: איך בין גוט. מיין חלק
שלעכטס אויך איך האָב אָפּגעטאָן.
הייליק צי ניט הייליק,
נאָר געצאָלט אויך צאָן פאַר צאָן.

זאָג ניט: איך בין טריי, ווייל אומטריי
האָב איך אויך דאָך זיין געקענט,
ווען מיין טריישאַפט, ווי א ליכט האָט
ביז צו ענדע אויסגעברענט.

זאָג ניט: כ'בין בלויז תּפילה־זכה.
אַלדאָס בייז אין מיר אויך רוט.
אפשר לעבן דיר אויך טאַקע
בין בלויז ליכטיק, צאַרט און גוט.

איך שרעק דיך

איך שרעק דיך, זאָגסטו, מיט מיין דמיון רייכן,
ווי אַלס קינד געשראָקן האָבן דיך די טייכן,
ווען אַרויס זיי זענען פון די ברעגעס...
אוי, ווי ליב און טייער מיר דיין שרעק איז!

זע, מיין שיין אויף דיך ניט סתּם טוט פּליסן.
נאָר כּדי פון דיר זיך אַלץ דערוויסן.
אָט אַזוי דער לופט־צוג איבער אונדז מוז קרייזן
איידער אויף דער ערד ער דאַרף זיך ווייזן.

בעט איך דיך: דיין פּנים דאָס געוועקטע
פון מיין ליכט — ניט ווענד אָפּ פון רעפלעקטאָר,
וואָס אויף דיר איך וואַרף אים. לאָמיר שפּילן
אַלע פינף — די קלאַסישע פינף־אַקטן פון געפילן,
און צוזאַמען מיט געריבטן עפּילאָג דערבַרענען,
ווי אַקטיאָרן עכטע שטאַרבן אויף דער סצענע.

מידקייט

טיפע מידקייט גייט מיט אונדז שפּאַצירן,
און מיר שווייגן, קיין געשפּרעכן פירן.

כ׳זע, ווי אויף דיין בלייכן פּנים פאַלן —
אי די שיין פון גאַסן־לאָמפּן־שטראַלן,

אי דאָס גרינס פון אָנהייב פרילינג־ביימער,
און דאָס מאַכט פאַר מיר דיך נאָך געהיימער, —

פון א העכערער פון מיר פּלאַנעטע,
פון א דיכטונג מיט קיין רייד נאָך ניט גערעדטע.

ווו זשע נעם איך ווערטער אויסצודריקן,
אויסצוטיילן אַז די וואַסערן און בריקן

הויכע, וואָס אויף זיי אַצינד מיר גייען,
ווי לבנה־גייערס — און דאָך אין צווייען.

ווו זשע נעם איך ווערטער צו דערציילן,
אַז איך נידער אויך מיט דיר אין הייל,

ווו עס שטייט דער טראָן פאר ליבע־מידע,
און דער רוים פארקלונגען איז מיט לידער.

ווו זשע נעם איך ווערטער דאָס צו זאָגן —
אונדזער טיפע מידקייט צו פאַריאָגן ?

III

ווי זאָל איך

ווי זאָל איך דיין ניגון אין מיר
א תיקון א רעכטן ערשט געבן ?
ווי זאָל איך אים ווייטער נאָך וועבן —
דיין ליכטיקן ניגון אין מיר ?

ווי זאָל איך דערזינגען דיין ליד
אָן לאָזן פון איר זיך פארפירן ?
אז כ'זאָל זיך אין דיר ניט פארלירן —
ווי זאָל איך דערזינגען דיין ליד ?

ווי אין יעדער נאכט מיט שטורעם

און ווען, ווי יום־טוב־ליכט, די ווערטער —
דאַרט, אויף אונדזער טישל, נאָך דערברענען,
מיר איצטער מיט די חושים, ווי די בלינדע,
איינס דעם צווייטן גארן צו דערקענען.

עס רייסן אונדז די אויגן אויף נאָר בליצן,
ווי אין יעדער טונקלער נאכט מיט שטורעם.
נאָך בלאנקער פון באלויכטע האָריזאָנטן —
פון דיין רייגעם לייב דער צארטער טורעם.

און ווידער אונדז הילט איין בלויז פינצטער,
און די קילע שרעק זיך שלייכט צום הארצן,
וואָס בעט פונסניי אויף בליץ, ווי די וואָס גייען
ביי דעם ראנד פון אָפּגרונט שווארצן.

אזוי, אזוי...

אזוי, אזוי, ס'איז אומצעטיילבאר
פאר מיר דיין גוף פון דיין נשמה,
ווי ס'ליים דאָס גאָלדיקע פון וואסער
פריש-קוואליקס פארן קינד מסתמאָ,

וואָס זיצט ביים טייך און קלעפּט זיין ליאלקע
עקשנותדיק, פארטיפט - משיקאווע...
אויך איך-הגם שוין זאט אין יאָרן —
אזוי באשאף מיר ערשט מיין חוה.

א פרוי אין דיין געשטאלט אין פורעם.
דער גוף און די נשמה — דיינע.
אויף זיי, אין זיי פון מיינע אויגן
כ'שיק טויזנט בליצן, טויזנט שיינען.

ווו ליב? ווו גייסט? ניט אונטערשיידן
איך קאָן, ווען פלאם באהעפט זיי ביידן,
און, ווי מיט פנים אָפּגעברענטן,
איך הער ס'געזאנג פון עלעמענטן...

* * *

צימער, נאכט און דו. אויף דיר
בלויז, דיין שמייכל שימערירט.

וואָס זשע איז עס פאַר אַ שמייכל
אויף דיין פּנים נאַכטיש־ווייכן ?
ס'איז דער יונגפרוים? דזשעאָקאָנדעס ?
צי פאַרשטיין אים גוט מע קאָן דען ?

זען ביז גרונט זיין תוך זיין צאַרטן ?
וואָס זשע איז עס פאַר אַ שמייכל ?
מיט דער קראַפט פון לעאָנאַרדן
דיין נשמה אים עס צייכנט.

פּלוצעם

ס'האָט פּלוצעם די נאַכט אָפּגעטאָן זיך.
און גרין געשאַריעט האָט ווייט.
פון שטאָלענע שנעבלער שטאַרקע
די פייגעלער־פרייד זיך צעשרייט.

דער מאָרגן באַרירט שוין דיין פּנים.
די שיין פון דיין הויט און פון טאָג —
זיי לויכטן דערווייל נאָך באַזונדער...
דאָס האַרץ דיינס — אַ גאָלדענע וואָג,

וואָס וועגט אויף די שעלעכלער ציטריק
(די פּילבאַרע, איידלע אַזוי!)
דאָס אַלץ, וואָס אויף זיי איז געפאַלן.
און אויג פון אַ טרער בליצט דער טוי.

ווי אין א צייכנונג פון א קינד

דיין שטערן, אויג און מויל,
ווי א צייכנונג פון א קינד
מיט בליישטיפט צי מיט קויל. —
פירט בליציק צו דער ליניע פון דיין פוס.

איין שטראל דינאמישער זיי בינדט,
ווען לינסט און הוסט אויף דער קושעט
אצינד —
א שטראל — פון געניאלימעט א גרוס.

דיין שטערן, אויג און מויל,
וואָס פירן צו דער ליניע פון דיין פוס,
איז בלויז א צייכענונג פון א ווונדערקינד
מיט בליישטיפט, צי מיט קויל.

דו האָסט מיר געזאָגט

דו האָסט מיר געזאָגט היינט: „נו, זיי ניט קיין טרוימער!
ניט גלייב, אז געפילן — זיי אייביקע בלומרשט;
ניט שטויב און ניט אש, ווי עס שטייט דאָרט געשריבן,
ניט רויך, וואָס פון ווינט ווערט צעוויט און פארטריבן;

אז וואסער נישט לעשט זיי, אין פייער ניט ברענען,
און אויסהאלטן אלע נסיונות זיי, קענען;
ניט נייטיקן זיך אין קיין איבריק נערן —
זיי ליכטן מיט אייגענער שיין, ווי די שטערן,

און ערדישע לאסטן זיי מידער ניט מאכן.

ניט גלויב אין דעם, טרוימער, ווייל הער, ווי עס לאכן
פון אונדז אויפן בוים אונטער הארבסטיקן רעגן די
בלעטער,
וואָס וויסן אז וועלקן מע מוז פריער־שפעטער...“

דו ביסט גוט צו מיר

דו ביסט גוט צו מיר, גענעדיק אָן א שיעור,
און דערפאר איז תמיד שיידן זיך מיט דיר,
ווי נאָר זיך פארהאקן די גן־עדן־טיר.

דו ביסט אויך צו מיר גענעדיק, גוט,
נאָר דיין גוטסקייט — ווי זי שרעקלעך וויי מיר טוט!
גיין, דיין מילדקייט — ניט קיין וואָרקנדיקע טויב...

אין דיין קלוגן פרומען-הארץ פאראן א קוואל,
און פון אים ווייט קוקט איין איידלער חכמה-שטראל —
ווייט, נאָר ווייט אריבער מיר, דיין פאנג, דיין רויב!

ווען זיין ליכט די שטערן גרייכט, איך ליג אין שטויב.

געפאָרן א מענטש א טויט־מידער

געפאָרן א מענטש א טויט-מידער
אליין אויף זיין פור איז אין פעלד,
און ס'האָבן די בליצן זיין פנים
געשניטן, געאקערט, באהעלט.

און ער — איז אנ שלאָפן געוואָרן.

דער בליץ, וואָס פארברענט האָט דעם קאָרן
האָט אים אויך פארלענדט אין זיין צאָרן.
...דאָס זע איך אין בליק אין דיין קלאָרן.
די האָסט דאָך פון דעם מיך געוואָרנט...

וווהין?

וווּהין ענדלעך פירן די טעג און די נעכט,
ווען ס׳פּיקט זיך שוין אויס פונעם גוטס אויך דאָס שלעכטס,
ווען טרעפסט שוין אין עפּל געגנוס אויך דאָס קערנדל ווי?
איך עלטער די וועלט ניט געדענקט, נאָר מיר צוויי —
ווי אדם און חוה ערשט באַלד פון דער זינד,
וואָס זענען באגאנגען... אָ גאָט. ווי געשווינד
די שטראָף גרייכט דעם מענטשן און ס׳ווערט זיין פארשטאנד
דער מלאך דער שטרענגער מיט שווערד אין דער האנט...

איך ווייס

איך ווייס: כ׳האָב פארלוירן ביי דיר אלע שלאכטן.
מיט וואָס אונפערהאלטן דיין גלויבן געשוואכטן?
נאָר איך מוז מיך דאָך, מוז מיך צו עפּעס דערטראכטן —
צערייסן די שלייערס, וואָס מיר מיינע אויגן פארדעקן,
און מוטיק א קוק טון דער טוגנד אין פנים, באזינען:
וואָס וויל זי, די סאָווע, מיט אויגן, וואָס שרעקן?
און אפשר די שרעק וועט אויך דעמלט אנטרינען?
און ווידער אויס דעמער און ווידער באגינען
מיט זון אויף די צווייגן, מיט טוי אויף די בלעטער,
מיט ליוב אינעם הארצן צו יענע בלויזע געטער,
וואָס מענטשלעכע פרייד — זיי דעם מענטשן פארגינען...

דיין וואָרט

יאָ, אלצדינג ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק.
איעדעם וואָרט דיינס — שווער, געוויכטיק,
און, ווי קרישטאָל, אויך ריין און ליכטיק —
איז זעץ זשע פאָר און מיך פארניכטיק!

צעריים מיין הארץ מיט אָדלער־נאָגל
פון שארפן וואָרט, דערנאָך אויף וואָגל
פארטרייב מיך. אלע טעג און אלע נעכט
כ'וועל גיין און טראַכטן: יאָ, האָסט רעכט,
נאָר גראָד אין סאמע טיף פון תוך —
דו גרייזט, דו גרייזט מסתמאָ דאָך...
און כ'פיל (דיר זאָגן עס ווי וויי מיר טוט!)
באליידיקט אויפן קול עס שרייט מיין בלוט.

דו ביסט

דו ביסט די צווייטע זייט פון שטייגער,
דער אומרו, וואָס האָט פיינט דעם זייגער,
און וועלכן ער איז פארמאכט.

דו ביסט א קוואל, וואָס שטענדיק וואכט,
פון האָריזאָנטן־גאָלד און פלאם — א פונק.
דער אלטער וועלט־שמערץ פריש און יונג.

און איך קום צו דיר דערמאנענען זיך אזוי
אין אלץ, וואָס פאר מיין גייסט איז טוי.

איך וויל זיין

איך וויל זיין פאר דיר אי נשמה, אי גוף,
אי אָטעם, אי זין, אי די שטילקייט, אי רוף,
דיין בליק אין די וויטן, דאָס גאָלדענע וואָרט,
פארנעמען אזויפיל ביי דיר צייט און אָרט,
ווי לופט און ווי ליכט, וואָס דיך קיינמאָל באשווערט.
אזוי ווי דיין שאָטן — דיין צווילינג אויף ערד.

כ׳האָב ליב צו זען

כ׳האָב ליב, צו זען ווען טוסט דיך אוים פון אלץ,
וואָס האָסט דערוואָרבן דיר אלס זשעסט,
באוועגונג, וכדומה
און פּלוצעם דו אין אלדינגם דעם פארגעסט.

דו לאָזט אראָפּ זיך אויף דער דעק פון דיינע
טרוימען,
אויף אלע סודותדיקע טרעפּלעך פון דיין בענקען,
אויף טיפסטער שטילקייט פון דיין מוטיק פרוויאיש
דענקען,
און כ׳הער די פילאָסאָפיע פון דיין בלוט...

אָ, דעמלט וויס איך. אז אויף דיר די שכינה רוט!
איך זיץ א צוגעשמידטער צו דער קילער־הייסער
קויל

פון דיינע רייד,
און זייער שיין, ווי פון א שיטער אויף א וואנדערער,
איך שפּרייט

זיך אויף אלע פון מיין זעל,
וואָס אין געהיים איז מתפּלל צו דיין מויל.

פון דיין ריף

איך וויס, אז קעגן חומש איך רעד,
וואָס איז אזוי פארווערט,
און דאָך — מיין וואָרט איך דיר גיב,
אז כ׳שטאם פון דיין ריפּ,
און ניט פארקערט.

איך לעב פון דיין מויל,
און האלט עס פאר וויל.

לייט די קנייטשלעך פון דיין שטערן
כ'לערן זיך אויך שארפער קלערן.

דאָס זעלבע — אויך די שטריכן-שריפט פון
דיינע הענט.
געבאָט פאר מיר אין זיי איז אויסגעברענט.

אזוי מע דערקענט אין די שייען דעם שטעג
אויף וועלכן דער וואָלף גייט נאָך רויב
צוליב זיין „זי",
וואָס אויך זיין הערשערן איז זי...

מיין וואָלפעכע, מיין טויב!
מיין גאנצע מי
דיר זאָגט א לויב.

אויף דיין שפור

מיין גאָט, סובסטאנץ, נאטור! —
דאָס איז די שפּראך פון מיינע חושים נאָך דיין שפּור,
און ניט דעם אמסטערדאמער דענקער כ'פאראָדיר.
זיין גרויסן, ריינעם גייסט מיר מוחל זיין איך בעט.
מיין גאָט, נאטור, סובסטאנץ! — צו דיר
אזוי מיין בלוט עס רעדט...

אז מיר זענען

אַז מיר זענען פון דער זעלבער בלוט-משפּחה —
ווייס איך.
אַז דו ביסט מיין לופט, מיין פייער, ברויט און וואסער —
ווייס איך.
אַז פארלענגערן מיין לעבן דו נאָר קענסט — דאָס
ווייס איך.
אַז א דענקמאָל זאָל מען שטעלן דיר, רק דיר — דאָ
היים איך!

ביים שווארצן ים

די לייטערס פון רעגן

עס האָט מיטן ים היינט פאַרוועט זיך דער הימל
אין וואַסער־געריוישן, אין וואַסער־געווימל,
און ער האָט געעפנט די מבולשע שויבן —
מיט מעשׂים פון בראשית געגומען זיך לויבן.

די ביימער מיט זייער באַדאַכטיקן לעבן —
אויך זיי אויף די ערטער ניט בלייבן — זיי שוועבן!
די הייך און דער קלעטער, וואָס זיי טוט באַזעלן,
דער ימישער טיפקייט אַקעגן זיי שטעלן.

נאָר העכער פון סאָסנעס — די לייטערס פון רעגן,
און מיינע געדאַנקען אויף זיי זיך באַוועגן,
אַזוי ווי אויף ביימער די וועווריקעס קליינע,
וואָס זייערע שפּרונגען דעם וואַלד מילד באַחנען.

און ווען ס'טוט אַ דונער, אַ בליץ אין מיין פענצטער —
די חיהלער רינגלען אַרום מיין געלעגער.
איך פרעג זיך פאַרוואונדערט: וואָס בין איך? אַ יעגער?
און כ'קוק אין די אויגן מיין יאַגד־פאַנג דער שענסטער...

דער האָריזאָנט אין זונאויפגאַנג

דער האָריזאָנט אין זונאויפגאַנג — באַגלייך אין הימל, ווי אין ים —
איז, זיכער, נאָר אַ שפּיגל־בילד — בלויז בילד פון וואַסער
און פון פלאַם,
און דאָך אונדז לערנט דענקען, זען ניט בלויז דעקאָראַטיוו,

נאָר משיג זיין די מאַכט פון זאַכן און די קראַפט פון פאַרבן־טיף...

איז גוט, וואָס אויפן ים עס שווימט איצט מיין געראַנק
און ניט קיין שיף.

וואָס געשען איז?

מ. רובינגערן

וואָס געשען איז?
צי א מעווע פון דער מחנה מעוועס, וואָס זיי פּיקן די האָרבאַטע ברוסט
פון ים, האָט אין מיינער אויך איר גרילציק־שאַרפן פּיק געטאָן?
צי די גאַנצע וואַסער־סטיכיע האָט אויף מיר אַזוי א בליק געטאָן?

יאָ, הפנים, זי האָט אָנגעצונדן אין מיין בלוט די מאָדנע ווילדע גלוסט:
געגנוי, ווי עס פאַרלירט דער בידנער פויגל פונעם מויל דעם ביסן —
פאַרגעסן איך זאָל אויך דאָס אָפּגעשפּאָרטע קנאַפּע מענטשלעכע וויסן,
און, ווי די מעווע אויף דער אויבערפלאַך פון ים,
מיט ביידע פיס אויף אים זיך שטעלן און צו טאָן אויף אים א שפּאַן,
זיין מדבר איבערשפּרייזן, גיין א שלאַנקער ביז צום האָריזאָנט,
ווי ס'גייט אויף אים דער רעגן מיט זיין דונער־בליץ אין האַנט,
און דאָס אפילו זאָל ניט זיין קיין מופת, זאָל ניט זיין קיין נס!..
נאָר אויף איין רגע כאָטש אין קנאַפּן מענטשלעך וויסן — א פאַרגעס...

אין שאָטן פון אָווידיו־דענקמאָל [1]

מיין אלטן פריינט, דעם רומענישן
דיכטער שטעפאַן ראָל געשענקט.

א מענטש און א דיכטער דערצו,
וואָס האָט ניט דערגרייכט נאָך
די רייפקייט פון רו,

---

[1] געמיינט דעם אָווידיו־דענקמאָל ביים ברעג פונעם שווארצן ים איז דער רומענישער פּאָרט - שטאָט קאָנסטאַנצע, ווי ס'איז געווען אָווידיוס פאַרשיקונגס - אָרט.

קאָן לעבן, באַוועגן זיך גראָד
ביי זיך אין דער היים, אין דער אייגענער שטאָט,
אויף גאסן און מארקן, וואָס לויכטן צו אים מיטן
חן פון געפילן פון היגע,
זיין חבר מיט זיי, ניט צעקריגט,
פון זיי ניט, חלילה, פארשיקט,
און פילן זיך דאָר אויך צומאָל , ווי אָווידיו —
ביים ברעג פון אינסופישן ים אויף א שטיין.

די באלאדע פון שיילאָק, דער סוחר פון ווענעדיק, און זיין טאָכטער דזשעסיקא

ווענעדיק יובלט. רוים אינאיינעם מיט בערלין דער רויבערן פירט קריג
אקעגן גאָרער וועלט. דער סוחר פון ווענעדיק שיילאָק וויגט זיך, וויגט
היינט מאסקאראדיש אויף באלקאָנען מיט לאמטערנדלעד קאָלירטע
אָן א שיעור.
ווענעדיק אויפגעהאָנגען האָט איר ייד להכעיס אויך דעם בריט שעקספּיר
און שיילאָק איז די פרייליעכסטע פיגור היינט אויפן גרויסן קארנאוואל,
אויף אלע מארקן ווילד-פארטויבטע פון בארימעריש-צעבלאָזענעם
נצחון-שאל.

אויף אלע תליות אָבער הענגט נאָר שיילאָקס מאסקע, נאָר זיין גייסט
אומרויקער, ווי תמיד, דאָ געשפּענסטערט, וואנדלט אום און שפּרייזט
מיט זיין לאמטערן אין דער האנט מיט וועלכן ער זוכט אלץ, זוכט
זיין אייג אין קאָפּ — זיין טאָכטער דזשעסיקא, וואָס ער פארפלוכט
און בעט מיט איר זיך איבער אין זיין הייסן טאטע-הארץ.
מיט אים צוזאם, אים דוכט, די גאס פון אלע זייגע געטאָ-ברידער —
שווארץ.

„די ריטער זענען פונעם זין אראָפּ" (זיין שפּיץ פון באָרד בייסט
שיילאָק, בייסט און קייט.)
אז ער דער ציל פאר שפּאס איז ווידער. טוט א טראכט ער, איז
געווים א שווערע צייט —

פאר ייד און מענטש. ער פילט, אין הוליענדיקן פלאם ער גייט, אין טייכן בלוט

און ס׳ברענט אויף אים די באָרד, דער לאנגער קאפטן און דער סאמעט-הוט.

געשיקט זיך, די אימפעריע רוימס זיך אומגעקערט? דער אָפּגאָט און דער געץ?

און היינט מען לאכט פון אים, ווייל ער אמאָל געלאכט פון משפט, פון געזעץ?

איז ווושע לעבן זיינע לעבעדיקע ברידער אין אזוינע שווארצע טעג?
ניט אנדערש: הפקר זייער בלוט און פלייש און זייער ערע און פארמעג.
פון זינט עס איז זיין גייסט מיט זוכן דזשעסיקאן פארנומען — וויי!—
ער האָט אין מאָל פון געטאָ ניט מער ארייגעשמעקט צו זיי.
געפאנגען איז ער פון זיין וויטאָק און נאָך מערער פון זיין האס,
און ווי א בייזן שד, עס טרייבט ארום אים צווישן זיינע שונאים דאָ אין מיט זייער גאס

מיט באָרד צעפלאָטערטער די שטיקנדיקע לויפט ער שניידט.
פאר זיינע לייט —
פאר זיינע יידן, וואָס געשפענסטעריש, ווי ער, באגלייטן אים געטריי
ער שטעלט זיך פלוצים אָפּ און הויך און ביטער זיך צעלאכט:
איך האָב דאָך מיט די אייזל-קעפּ א שפאס אין אָנהויב, בלויז א שפאס געמאכט.
איך זאָג עס פאר די ריינע שטערן איבערה אונדז אין אָט דער שווארצער טמא-נאכט.

געקומען זענען זיי צו מיר, דעם יידן, אָט די ריטער-שנעקעס באָרגן געלט,
איך האָב בפירוש זיי פון קלעם געראטעוועט און א וועקסל אויסגעשטעלט.
נאָר וועלכן יידן, פרעג איך אייך, צו שפּאָטן נישט געפעלט?
באזונדערס מיט אָט די, וואָס האָבן ליב א דריגע טאָן אונדז מיטן טוט.
אָט דאָס איז ניט בלויז אונדזער אלטער לעבנס-חכמה-איבערפלוס,
נאָר אויך דער איינציק אונדז געבאָטענער נאָך יידישער גענוס.

אזוי ווי כ׳האָב געוווסט, אז מייגע יונגע, שיינע, פיינע, הויכע לייט,
אויף אָפּצוגעבן מיר דעם חוב ניט וועלן נעמען זיך אפילו צייט,
און באָרגן מוז דער ייד, דער סוחר, וואָרום דאָס איז זיין בארוף,
און דינען מוז דער ייד זיין האר פון לאנד מיט זעל און גוף, —
מיר האָט פארוואָלט מיט זיי זיך אויך א שפּיל טון, ווי די קאַץ כאָטש
מיט דער מויז
און וואָס ביי מיר אויף לונג געליגן, אויף דער צונג איז מיר ארוס.

סעניאָר אנטאָניו — האָב איך זיך פאר אים א גויג געטון — א
ריטערלעכער מאן,
געדענקט איר ווי אנוםלטן איר האָט געשפּיגן אויף מיין יידישן
קאפטאן,
און מיט א שטעקן מיך געטריבן פון די שטיגן, ווי מען יאָגט א
ליאדע הונט?
נאָר אייגנטלעך צווישן אונדז גערעדט, אין פלוג, הייסט עס, אין גרונט,
זענט איר געקומען דאָך צו מיר היינט ווייל איר דארפט, ווי ס׳לעבן
געלט.
איז וואָס זשע זאָל איך זאָגן אייך, מיין נאָבלער העלד?

כ׳וועל זאָגן... כ׳וויל פארגעסן היינט אין גאנצן שאנד און שפּאָט,
מיט וועלכן ניט איינמאָל אייער מילדקייט מיך געשטעמפּלט האָט.
און איך בין גרייט מיין הילף אייך געבן און אפילו קיין פּראָצענט
ביי אייך ניט נעמען. זאָג איך ליגן — זאָלן וועלקן מיינע מלוה־הענט!
איר שרייבט נאָר אָן אין וועקסעלע... נו, זאָגן מיר... אין שפּאס...
אזוי:
אז אויב איר וועט דעם גאנצן חוב נישט סילוקן געגווי

צום טאָג באשטימטן — איר קיין פּרוטה געלט ניט צאָלט מיר סוף
כל סוף,
נאָר פלייש א פונט פון אייער לייב וועט זיין די גאנצע שטראָף.
אי דאָס, איך האָב דאָס רעכט צו ווילן יענעם טייל פון אייער גוף,
וואָס איך באגער —
א יענעם טייל פון אייער שיינעם קערפּער, וואָס געפעלן וועט מיר מער.
איך זע, אז אייער פריינט בעסעניא זאָגט אייך עפּעס אין אויער איצט...
מסתם דאָס וועגן מיר... און אייער פּנים צאָרנדיק פארוואָלקנט זיך...
אָט בליצט

און דונערט איבער מיר... נאָר איך בין תיכּף גרייט אייך מאַכן קלאָר,
דערוויייזן אייך, אַז איר אומזיסט דערשראָקן פאַר א מענטשן האָט
אייך גאָר.

נו, זאָגט אַליין, איר קלוגע, הויכע, אײדלע לייט,
נו, וואָס פאַר נוצן וועל איך האָבן אויב איר דעקט דעם חוב ניט צו
דער צייט ?

ווייל מענטשלעך פלייש א פונט, ווי יעדער ווייסט, האָט ווייניקער
דאָך ווערט

פון קעלבערן, צי לעמערן, צי ציגן־פלייש, וואָס נערט כאָטש, נערט !

איז, ווי איר זעט, איך וויל אייך פשוט העלפן און פאַרדינען אייער גנאָד
איר מיין קאַטאָוועס־וועקסל שרייבט מיר אונטער נאָר און תיכּף געלט
איר האָט.

אַזוי האָב איך גערעדט צו זיי און ביז שגעון האָט געוואָלט זיך
וויסן מיר :

וואָס גובר זיין אין זיי וועט : זייער שפּלדיקער פּחד, צי דער גייץ,
דער גיר ?

איך קען דאָך זיי, איך ווייס דאָך, אַז די לייט געבילדעטע זיי גלייבן
אין עלילת־דם,

אַז שיילאָק איז אין זייערע אויגן נאָר א בלוטזויפּער, און ניט, ווי
זיי, אַסוחר סתם—

נאָר אָט זיי התמנען מיר, צעשרייבן זיך און איך האָב שטיל א ווונק
געטון צו גאָט :

דער ישׂכל פון מיין האַנדלונג, זע, געבליבן איז פאַר זיי א סוד !
ווי גוט איז מיר געווען צו זען, ווי בלייך געוואָרן זענען זיי אין אַנגסט
פאַר מיר דעם ייד.

וואָס זיי כסדר שרעקן און קיינמאָל גאָר ניט ווערן מיד.
מיט זעלבער פרייד געזען כ'האָב זייערע אויגן, ווען דער לייכטזין
האָט געברענט

און זיי צוריק, און גיריק זיי דאָס געלט געכאַפּט ביי מיר פון מיינע
הענט.

צופרידענע אוועק כמעט אין טאַנץ און פרייליך קלינגענדיק מיט
שווערד.

„דער אַלטער איז שוין עובר בטל" — האָב איך זאָגן זיי געהערט.

און דאן געווים באַשלאָסן האָבן זיי: מען קאָן ביי שײלאָקן שוין
נעמען אַלץ, וואָס אונדז געפעלט —
אפילו אויך זיין טאָכטער איינציקע, זיין טייערסטן בריליאַנט אין
גאַרער וועלט!
און ווידער האָט דער שטאַרקער שײלאָק זיך צעשטורעמט ווי א ווינט:
— ווי גוט וואָלט מיר געווען, איך זאָל געפונען דאָ, צווישן זיי,
מיין קינד.

וואָס וואַרקעט אין מיין האַרץ פאַרוויסטן, גלעט ווי שבתדיק געזאַנג
און פלוצעם זיך פאַרוואַנדלט אין א בים פון בייזער שלאַנג.
יאָ, זיי אליין מיט דעם, וואָס האָבן שפּעטער מיר אַזויפיל שלעכט
געטאָן
געצוווּנגען האָבן מיך מיין גאַט געדעכטן פאָלגן: אויג פאר אויג און
צאָן פאר צאָן
איז האָב געזאָגט: כ'בין ניט קיין מאַרשאַליק, קיין ווּיצלער מער, א
פרומער ייד איך בין,
און פאָדער, וואָס עס קומט מיר, מיינע רעכט איך מאָן נאָר על-פּי-דין.
נאָר בעת מיט אָט די פייערדיקע רייד, פון זיך ארויסגעשליידערטע,
ער האָט אזוי ארומגעבלאָנקעט איבער אייבערשטן ווענעדיקס אויסגע-
לאַסענער שיין, —
איז דזשעסיקאַ געקומען אין דער געטאָ — גענטער אויף איר פאָטערס
שפּור צו זיין.
ווייל אויך איר גייסט, ווי שײלאָקס ניט געפונען קיין רו, קיין טרייסט.

געגוי ווי ער, זוכט זי, אזוי זי זוכט אים און קיינער ניט פון זיי עס
ווייסט.
א יעדן בין השמשות וואַנדלט, דרייט זי זיך ארום דעם טאַטנס הויז,
און דופּטעט אוים פון זיך איר צאַרטע ליבע, ווי א יעדע אָוונט-רויז...

אויך היינט זי האָט געשלייכט זיך ווי א שאָטן, ביי די, ווי איר דוכט
זיך ווייענדיקע ווענט,
ביז אזוי איז אָנגעקומען צו דער אַלטער סינאַגאָגע פונקט ווען ז'האָט
געברענט.
זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, געזען די רימער-יונגען מיט די פאַקלען
אין די הענט

און ס'האָט איר מאמע־הארץ צעווישן זיי אויך אירע קינדס־קינדער דערקענט.

אין אָט דער רגע האָט זי אַלץ דערמאנט זיך, אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו איר שטאם;

מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאפּט ביי אירע האָר און האָט ארייַנגעוואָרפן זיך אין פלאם.

אינהאלט

שטאָט אין פּראָפיל
(דריי סעריעס)

זייט

פאָרוואָרט 5

I

אָנגעפּעלצטע שאָטנס 13
מיין טאַטע 14
דער שליאָך 15
פיבער 16
מאָרגן־דעמער 16
אָקסן 17
היצן 17
צוויי מאָגערע פויערישע פערדלעך 19
שניי דערציילט אַ מעשה 20
די זון, דער פאַסטעך און די ערד 22
די לעצטע טעג 23
די באַלאַדע פון איר הימל־רייזע 24
מאירל פּרעמישליאַנער 25
אויף די קלאָרע הערנער 26
פּעטער הערשל 28

II

חצות 32
די שטיינער שטאָט 40
זומער 41
ס׳איז קיל 42
ווען איך בין באַנאַכט אַהיימגעקומען 42
די באַלאַדע פון צאַרטע קינדער 43

זייט

פרוי מיט שוואנגער־קני באצערטע 43
איך און דו, מיר לייענען נאָך באַדלערן 45
שיר דאָס געזאנג 45
דו 46
שטאָט אין פּראָפיל 46
די אָרעמקייט האָט מיך גענומען מין אָרעם 46
וויפל שטאָט עס גייט אריין 47
ווי מען גנבעט איין ארבוז 48
קיינמאָל נאָך ביז אונדזערע צייטן 49
מיט לבנה־האק 50
נאָקטורן 51
אָדע צו די פערד 52
פעריפעריע 53
א פארליבטער מיר זאָגט אזוי, מיר דאכט 54
שאָמערן 55
ביי די ליכט פון רעפלעקטאָרן 56
יודא 57
ביילע די האָרבאטע 58
מיין ליד 60
א האנט 61
נעכט פון קריזע 64
וועכטער, ווי האלט עס מיט דער נאכט 64

III

קאלעא וואקארעשט 67
דער ישמחו טריאָ 68
Finita la melodrama 69
דער בלינדער פאָלקס־זינגער 71
די בוקארעשטער פרומע יידענע, די ציגיינערטע און דער ווינט 73
אנע מיט דער פיאנע און דער מלאך דומה 76
מיין בענקשאפט נאָך יידן 78
אינטערמעצאָ אין דריי מוזיקאלישע מאָמענטן 82
איך בין דער דיכטער פון קאלעא וואקארעשט 86
ווייל איך וויל נישט קיין געשריי טאָן... 88
איך וועל מיר קויפן א קאטערינקע 90
„Wien, du Stadt" 91
פראנקרייך אויף דער גאס 93
ליידי טשעמבערלען איז געגאן דאווענען 94
זעקס זענען זיי געזעסן 95

פונעם בוך „דאָ“

סעריע I

פישקע דער קרומער 101
די באלאדע פון רחמיאל דעם בעסאראבישן יידישן פויער
מיט זיין „אַטריאַד“.................... 102
דער ערשטער טאָג 106
די הייליקע טעג ....
אינעם בעסאראבישן שטעטל 107
איצט אין אייגענעם גראַנגל........................ 108
געוויין און ניגון........................ 108

סעריע II אוזבעקיסטאַן

אין דער מדבר........................ 109
אין דער טשייכאנא........................ 111
דער טרעגער ר׳משיח קאַלאַנטאַראָוו........................ 113
דאָס פאַרכטיק ליד 115
א שבת אין סאמארקאנד........................ 116

סעריע III

אין מאָסקווע 118
ווי תמיד 120
מאלאכאָווקע........................ 121
צוויי רעגנס........................ 123
אויך היינט 124
רוסישע באלאדע........................ 124
די באלאדע פון אָשווענטשימער לאגער 126
די באלאדע פון דער עסעסאָווקע ברונהילדע און איר הונט 128
איך פאָר אהיים 131
פון שנאה קראנק........................ 133
די העכסטע הויך........................ 134
דאָ ווו מיהאָט געלעבט אין פשטות 135
שוועסטער מיינע........................ 137

לידער וועגן קיניג שלמה

דער מוטערס פארשטאנד 157
ויהי ס׳איז געווען 159
דער טאנץ פון מהנים........................ 160

זייט

קיניג שלמה, רויטער תשרי און דער פעלד־האר יואָב	164
אבישג השונמית	167
די שיף אויסגעבויטע פון שלמה דעם קיניג	168
שלמהס משפט	170
אין גלעזערנעם זאל	172
שלמה, די לבנה און די מלכה שבאָ	175
שוין צלטערע נעכט	175
וואָס ניט האָט געוווסט האָט דער קלוגסטער מאַן	177
דער שפיגל פון שלמהן	185
„הכל הבל"	193
דאָס פענצטער איז אָפן	194
היינט שפעטער ווי תמיד	195
דאָס געוויין פונעם אייזל	196
זיין גרייט	197
לעבן און טויט	198

אויג אויף אויג מיט נאכט

מיין הויף אין אָוונט	201
כ׳וויל וויסן	202
קלאַנגען	203
חלום און וואָר	203
דאָס איינציקע פענצטער	203
אונטער פליגל פון דער נאכט	204
די כישוף־נעץ	204
מיך, דעם פרומען קונצנמאכער	205
ווי מע ווייזט א בייטש	205
ווען די שטאָט	206
מיין גוף	206
אין מיין בעט	207
אין שפיטאָל	207
איבערגאַנג	209
ווייך־לייביקער דעמער	210
מיין ערשטער טעאַטער	211
דער קאַסמישער חושך	212
די ווייסע פייערן	213
די ערדיש־הייסע שטערן	214
אויף אַן אויפגעפלויגענעם עטאַזש	214
די שטילסטע שעה	215
אומגעריכט	216
ס׳ליכט פון ערב טאָגן	216
שיין פון האלבער נאכט	217

זייט

א ניגון 218
ניט שלאָפן 219
עס גיט זיך נישט אונטער 220

ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן
1925—1924

מיינע רייד צו דער שיקסע 223
אָוונט אין די בערג 225
א האַלבע שעה מיט שאָף 226
מיינע רייד צו דער קו 227
נאַכט — איז נאַכט דאָ 229
פון וואַגאָן־פענצטער 230
פיצל, באָרוועס מיידעלע 230
אויף די רעדער פון צוג 230
בראַשאָוו 232

ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן
1966—1963

אין צוג פאַרטאָג 237
כ באַגריס אייך קאַרפּאַטן 237
יאַרעמטשע 238
אויף מיין געלעגער 239
מיינע רייד צו דער באָבעטשקע 239
דער אויפבליץ 246
די ליד וועגן צווערג 247
דער שפּרונג צום שפּיץ באַרג 247
אין געדיכטעניש פון וואַלד 248
מיין באַלעבאָסטע און איר קו 250
אויף גאַניק פון איר הייזל 250
אָפּגעלעבט א לעבן 251
דאָס געזאַנג פון דער טשערעדע 253
צוויי שפּיגלען 254
די שטילקייט־פעסטונג 255
אין יעדן סטויג היי 256
שטאָק חושך 257
די גרויזאַמע זעאונג 257
מיר דאַכט 258
שאָטנס 259

	זייט
דער „מארטער שאָסיי"	260
צווישן קאָסעוו און קיטעוו	261
פאראן דאָ א בארג	292
„קאטערינע מאַלאַדיצע"	293
דאָס ליד פון דער באַרוועסער וועשערן און איר פראלניק	294
דער שניט פון בליץ	296
די ערד און די שטיינער	297
אקווארעל	298
בארג־סימפאָניע	299
מיין קידוש־לבנה (א זומערנאכט־טרויס אין פיר בילדער)	299
ווי אין פיבער	307

בלאָנד און גרוי

בלאָנד און גרוי	311
צום פראָסטן מענטש גיי	312
אין קינדער צימער	312
צו א קינד	314
ברייטקייט	314
די חכמה וואָס גרויסט זיך	315
ווי זיין ניט בייז	315
א טראָפן פון גוטסקייט	315
דאָס בת־קול	316
דאָס שלעכטס	317
ברודער מענטש	317
באשטענדיקייט	318
די טיפקייט	318
דער שמייכל	319
די זעלבע קראפט	320
מאסקעס	320
דאָס קענען ליידן	320
ווען ס גייט אונדזער זיין נישט כשורה	321
מיט קראפט פון דיין זעל	321
עס וועט היינט דער טאָג	322
דאָס באפעלערישע וואָרט	322
ליד	323
ווען איך דאנק דער ערד	323
ביז ראנד	324
דערטראכטן	325
פיינטלעכע פלאנצן	325
מע דארף ניט	326
עס זאָגט מיר א שטום	326

זייט

איך בין ניט	327
צי ניט דערפֿאַר	327
ס׳איז פאַראַנען רגעס	328
מעדאַליאָן	328
שלימות	329
טעזיס און אַנטיטעזיס	329
אַ בעל־יסורים זיין	330
משה און אהרן	331
מען גייט ניט	331
שניי אין וואַלד	332
די אָוונט לאַנדשאַפט	332
ביי מוטער ברוסט	333
אַזאַ מין רעיון	334
ניט לאַך	335
דאָס פּאַטאַלע	336
דער מעגטש	336
מיין גייסט	337
דו	338
איך זוך ניט	338
פון נשמה די מיראַזשן	339
שולד באַוווסטזיין	340
דער וווּנדער דער בלויער	340
דעם נביא יונהס רייד קעגן גאָט	341
דער גרויסער שכר	342
בריקן	342
דאָס ערשטע בילד	343
לא תשא את שם אלהיך לשוא	343
אייכמאַנס אַש	344
אויף שוועל פון באַלאַדע	345
מוט	346
פילאָזאָפישע רו	346
פאַרוועט	347

פונעם בוך „פאָלק“

אנשטאָט אַן הקדמה	351
איך האָב ניט געפירט אויף מיין וואָגן	351
איעדער מענטשן־קינד	353
ס׳איז גרינגער —	354
רבונו יונה	354
פאַרוואָס	355
לויט דיין געשטאַלט	356

זייט

וי שווער 356
לויט דארווינען 357
דער חדר אָרעמער 357
צי האָב איך דען 359
דער זילבערנער האָרן 359
דאָס וואָרט דאָס וויכטיקע 360

מאָנאָלאָגן

דער איינזאמער 363
דער סקעפּטיקער 364
דער ווידערשפּעניקער 364
די פרוי אין די מיטעלע יאָרן 365
דאָס צעווייטיקטע יינגל 366
דער בחירה דאָרשטיקער 367
דער פּסיכאָ-אנאליטיקער 368
דער דיכטער 369
דער וואגאבונד 369
איוואן קאראמאזאָוו 370
דער גלויביקער 371

עלעגיעס אין טאָן מאזשאָר

די גרענעץ 375
אין ווידער 376
איך ווייס 376
מיין תפלה צום וואָלקן 377
שטאָט עלעגיע 377
ווינטער עלעגיע 379
איך קוק אינעם שפּיגל 380
אין אפשר 381
איך קוק אויף די כמארעס 381
אין צאָרן 382
וויפל מאָל 382
אין פלאם פון פופציק-גראדיקן פראָסט 383
כ'האָב גערעדט מיט דוד בערגעלסאָנען 384
הלכתי ביער 385
* * מיין ברודער מאירן געשענקט 386
צו מיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג 386
פון א געוויסן עלטער אָן 387

זייט

א גראפאָמאנישע נאכט ... 389
קיין עין דור ... 390
פריינדשאפט ... 391
וויפל לעבנס ... 392
צי בין איך דען ... 394
אויב ... 395

פונעם בוך דיכטונג

שטאָק דעמער־גרוי ... 399
היינריך היינע ... 401
אלעקסאנדער בלאָק ... 402
פאָל ווערלען ... 403
איציק מאנגער ... 404
אליעזר שטיינבארג ... 405
ביי די ראנדן פון דאָן קישאָט ... 408
ביי די ראנדן פון „האמלעט" ... 410
דער גבור פון יאסנע פאָליאנע ... 413
איך גלייב זיך ניט ... 414
אין שווייס פון דיין פנים ... 415
אין דער טיף פון וואלד אליין ... 416
דאָסטאָיעווסקי ... 417
שעקספיר און זיין שאָטן ... 418
ה. לייוויק (נעקראָלאָג) ... 419

א רינגל אויף דיין פינגער

(דריי טיילן)

I

אין ליכט און אין דער טונקל ... 423
דער הארבסט שפילט מיט פארבן ... 423
פון ווייטנס נאָך ... 424
אלדינג וואָס איך זע און הער ... 424
דיין שוועל ... 425
הארטנעקיקע ריטערס ... 425
ניין ניט שלאָס ... 425
היט דיך מיט דיין שפיגל רייד פארפירן ... 426
ליכט־פונקטן ... 426
ווען זאָלסט געוועז... ... 427
כאָטש אָפט ניט אין גאנצן איך קאָן פארשטיין ... 427

זייט

ס געמיט — ליכט און צאַרטקייט 428
נו, זאָג מיר 429
אָ, מיינע, מיינע... 449
צו ביסטו א שיינע? 430
ווען איך גיי אוועק פון דיר 430
אָ, זיי ניט אזוי שטרענג 431
רגעס 431
ווי קוק איך אויף מרים פון מגדל? 434

II

ווייט און נאָענט 441
כ'ווייס ניט 441
א שעה איז פאַראַן 442
מיט אימפּעט 442
אזוי ווי דער ווייַנשטאָק 442
איז דאָס גוט אזוי? 443
אָבער היינט 444
אויף דיין ברעג 444
דעם אמתן גייער 445
דאָס רעטעניש 445
לייכטזין 446
* * * 446
א געצנדינער 447
די טעג און די נעכט 447
אויף פעלדזן 447
אָ העלף מיר פאַרשטיין 448
און אפשר 448
כ זע, שוין צייט 449
ווי ווייט? 449
דו האָסט מיך געבעטן 450
זינט איך דענק 451
גלויב 451
זאָג ניט 452
איך שרעק דיך 452
מידקייט 453

III

ווי זאָל איך? 495
ווי אין יעדער נאַכט מיט שטורעם 455
אזוי, אזוי... 406
* * * 456
פלוצעם 457

זייט

ווי אין א צייכענונג פון א קינד	458
דו האָסט מיר געזאָגט	458
דו ביסט גוט צו מיר	459
געפאָרן א מענטש א טויט מידער	459
וווהין?	460
איך ווייס	460
דיין וואָרט	460
דו ביסט	461
איך וויל זיין	461
כ האָב ליב צו זען	462
פון דיין ריף	462
אויף דיין שפור	463
אז מיר זענען	464

ביים שווארצן ים

די לייטערס פון רעגן	467
דער האָריזאָנט און זון־אויפגאנג	467
וואָס געשען איז?	468
אין שאָטן פון אָווידיו־דענקמאָל	468
די באלאדע פון שיילאָק דער סוחר פון ווענעדיק און זיין טאָכטער זשעסיקא	469

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: **מאיר ריספלער**
טעכנישער רעדאַקטאָר: **לעפּאָיעו שטעפּאַן**

דערשינען 1970
הויך־דרוק־פּאַפּיר. פאָרמאַט 70·100-24. דרוק־
בויגן 20,33.

פּאָליגראַפּישע אונטערנעמונג
„דער 13־טער דעצעמבער 1918"
גריגאָרע אַלעקסאַנדרעסקו־גאַס נר. 89—97
בוקאַרעשט — סאָציאַליסטישע רעפּובליק, רומעניע.
באַשטעלונג: 2223.